


# דער בריק

וואס פירט אריבער צו א נייע געשמאקע און בעסערן אויפגעבויטן לעבן!



# א נייער בלאט אין לעבן

די שוין היינט ברייט-בארימטע "פראדאקטיוו קורס" זענען א סעריע פון וואונדערבארע שיעורים וואס קומט פאר מידי חודש בחודשו קומט און אנטהאלט א סעריע פון קלאסן, וואו צענדליגער משתתפים האלטן מיט די וואונדערליכע "פראדאקטיוו קורס" וואס איז כשמו כן הוא עס לערנט וויאזוי צו האבן א פראדאקטיווע לעבנ'ס שטייגער און דערגרייכן אלעס וואס מען איז ביכולת, און נעמט אוועק אלע מניעות.

די סעריע פון קלאסן קומען שוין פאר איבער 8 יאר כולן שוין לטובה, ווען דורכאויס די צייט זענען שוין אריבער 2000 אידן בלע"ה אדורך די קלאסן, און כולם פה אחד לויבן אויס די שיעורים און זענען לעבעדיגע עדות אז וויפיל מען זאגט און מען שרייבט איז אונטערגעטריבן, און דער קראפט פון די שיעורים איז בכח צו טוישן דעם מענטש, און אים פארוואנדלן אין א רואיגער, פרייליכער מסודר'דיגער מענטש, און פיל מער.

"פראדאקטיוו" העלפט אין אלע תחומים פון לעבן ווייל עס איז אדרעסירט צום גאנצן מענטש, און בויט אויף דעם "אדם השלם", פראדאקטיוו ברענגט די באשטאנדטייל וואס יעדער בשר ודם דארף האבן כדי צו וואקסן, וואס אין דעם זענען אלע אייניג, די שיעורים געבן פאר'ן מענטש די ריכטיגע געדאנקען צו טראכטן, די בעסטע וועג וויאזוי צו רעדן מיט אנדערע מענטשן, מען בלאזט אריין די נויטיגע מאס פלייסיגקייט און ענערגיע, מיט עטליכע געצייג וויאזוי צו ליכטיג מאכן ווען דער מענטש איז פארנעפלט, און ויסעו.... דער באן פארט מיט א קראפט.

ביי "פראדאקטיוו" ווערט אויפגעדעקט פארשידענע בליינד-ספאטס און פלוצלונג זעהט מען א נייע וועלט, און אזויפיל וועגן און געדאנקען וויאזוי צו מצליח זיין, וויאזוי צו טראכטן גראד און טוען און וואס מען האט צו טוען, מיט א פעסטקייט, רואיגקייט און שטארקייט, אן קיין מורא פון פאלשע פחדים, בושות, א.א.וו.

עס איז נישט בלויז די שיעורים און געדאנקען וואס מען הערט נאר אלעס ווערט פראקטיצירט למעשה מיט פילע לעבעדיגע מיטלען, וואס מען טוט צו ווערן שטערקער אויפגעבויט, פרייליכער און רואיגער, די פראקטיצירונג גייט צו מיט די גאנצע קלאס אינאיינעם ווען איינער רעדט מיט'ן צווייטן, שלמה מיט אברהם, משה מיט ברוך, א.א.וו. און מען לערנט זיך אויס וויאזוי צו נוצן די ריכטיגע שפראך אין ביזנעס, צו די קינדער, בני בית און חברים.

"פראדאקטיוו-קורס" איז שוין לאנג נישט פרעמד פאר דעם ברייטן ציבור, נישט דורך די פילע אדווערטייזמענט וואס ווערט ארויסגעשטעלט דורך פראדאקטיוו, נאר ענדערש צוליב די הונדערטער אידן וואס האבן שוין אוועקגעשטעלט זייער מהלך החיים און סדר היום, אויף מער א פראדאקטיוון פארנעם, און האבן געמאכט דראמאטישע טוישונגען לטובה אין זייער טאג טעגליכן לעבן אין די הינזיכטן וואו זיי האבן געוואלט שטייגן, הן ברוחניות און הן בגשמיות, און זייערע

# "ערשטע פאזע פון די קלאס"




# "צווייטע פאזע פון די קלאס"

**מ'ארבעט זיך צוביען אויף ארויף מיט:**

## קאנפידענס | קאמיוניקעישאן | מאטאוועישאן

---

**איר שרייבט אייך יעצט איין** איר באקומט תיכף **טעלעפאון פעקידזש** און איר **פאנגט שוין אן** דעם **זיסען לעבן.**

חברים ארום תמהין ושיילין, זיי ווינדערן זיך און ווילן וויסן וואס האט דא פאסירט מיט אים, און וויאזוי קען איך אויך געניסן פון דעם און פארבעסערן מיין לעבן?

אויף "די" פראגע איז דער ענטפער קלאר, טעמו וראו כי טוב, דאס וואס אייערע חברים און משפחה האבן געטון, קענט איר אויך טון. די וואס זעען צו מיט די אייגענע אויגן די הצלחה וואס די חברים פון פראדאקטיוו נעמען ארויס, דארפן נישט קיין הוכחות און באווייזן, הכרת פניהם ענתה בם, אז זיי האבן עררייכט און פארדינט גאר אסאך, און וועלן מיט די צייט נאך אסאך מער שטייגן העכער און העכער בעז"ה.

פון די צווייטע זייט זענען אבער דא אזעלכע וואס האבן נאך נישט געהאט די געלעגנהייט זיך צו באגעגענען מיט לעבעדיגע עדות'שאפט, און זיי וואלטן שטארק געוואלט הערן און פארשטיין מער וואס פראדאקטיוו איז, פאר וועמען דאס איז געמאכט געווארן, ווי קלוג אדער נישט קלוג דארף מען זיין כדי צו בענעפיטירן פון די שיעורים, און צו עס מאכט א חילוק אויב מען איז שוין א מוצלח, אדער איז דאס דוקא פאר אזעלכע וואס זענען ביים אונטערשטן טייל פון שטייסל, וואס מען דארף זיי לערנען וויאזוי אויפצומאכן די אויגן, אדער גאר סוקסעספולע לומדים, ביזנעס לייט, מנהלים אדער מענעדזשערס וכדו' קענען אויך נהנה זיין פון דעם, און בעיקר שטעלט זיך די ערשטע און וויכטיגסטע פראגע "וואס קען אלץ פראדאקטיוו העלפן?."

דער ענטפער אויף דעם איז: ס'איז נישט פארהאן קיין שום מדה, אדער פראבלעם וואס פראדאקטיוו האט נאך נישט באוויזן בעז"ה צו מאכן אויפטוהען, טייל מאל ווערט דאס לגמרי פארבעסערט און טייל מאל נאר שטארקע שינויים, מיט אן עקספיריענס פון הונדערטער אינגעלייט וואס האבן מיטגעהאלט די שיעורים, און צווישן די הונדערטער משתתפים זענען שוין דורכגעגאנגען אלע סארטן, אינגעלייט בעלי הוראה, מלמדים, מגידי שיעורים, מנהלים, כולל אינגעלייט, ארבייטער, בעלי בתים, סוקסעספולע ביזנעס לייט, או"וו, אלע סארטן פאזיציעס און שטאפלען, וואס אלע אן אויסנאם האבן געזען ב"ה א געוואלדיגע הצלחה.

און דער ענטפער אויף די פראגע וויאזוי קען מען אין זעלבן שיעור דעקן אלע סארטן מענטשן, איז פשוט און קלאר: פראדאקטיוו קאנצענטרירט זיך נישט אויף א געוויסע פראבלעם דירעקט, פראדאקטיוו ארבייט נישט אויף פרטים און פרטי פרטים, זיך צו דערגרונטעווען אין דעם שורש און סיבה וואס ברענגט צו די געוויסע ספעציפישע תוצאה. פראדאקטיוו נעמט זיך צום גאנצן מענטש, פראדאקטיוו בויט אויף דעם "אדם השלם", פראדאקטיוו ברענגט די באשטאנדטיילן וואס יעדער בשר ודם דארף האבן כדי צו וואקסן, וואס אין דעם זענען אלע איינ'ג, די שיעורים געבן פאר דעם מענטש די ריכטיגע געדאנקען צו טראכטן, די בעסטע וועג וויאזוי צו רעדן מיט אנדערע מענטשן, מען בלאזט אריין די נויטיגע מאס פלייסיגקייט און ענערגיע, מיט עטליכע געצייג וויאזוי צו ליכטיג מאכן ווען דער מענטש איז פארנעפלט, און ויסעו.... דער באן פארט מיט א קראפט.

נאכ'ן הערן און באקומען דעם ריכטיגן מהלך החיים, נאכן זיך מסדר זיין די געדאנקען און די מעשים, די דיבורים און די שטרעבונגען, ווערן שוין פון זיך אליין עלימינירט דער גרעסטער חלק פון די פראבלעמען, און אויף די וואס זענען נאך נישט פארראכטן, באקומט מען די פאסיגע געצייג צו ארבעטן דערויף און צוביסלעך אליין צו מאכן בעסער און בעסער, און אויב דאס איז נישט מעגליך אינגאנצן צו טוישן, קען מען דאס כאטש פארבעסערן.

א פאסיגע משל צו דעם: מיט א צובראכענע קאר קען מען אין ערגעץ נישט אנקומען, און ווען אפילו דער קאר איז גאנץ נאר מען ווייסט נישט וויאזוי מען פירט דאס, קומט מען גאנץ שנעל אן אין שפיטאל... אבער אז דער מאשין איז גאנץ און מען ווייסט וואו און ווען צו קוועטשן, און וויאזוי צו דרייען, קען מען מיט דעם קאר אנקומען צום בית המדרש, צו די ארבעט, מען קען ארויספארן שאפינג, מען קען פארן פארברענגען, און מען קען אנקומען אין כולל לערנען.

**"פראדאקטיוו נעמט זיך צום גאנצן מענטש, פראדאקטיוו בויט אויף דעם "אדם השלם"**

די זעלבע איז א מענטש, ווען דער מענטש איז נישט באלאנסירט אין זיינע געדאנקען אדער מעשים, צו ער ווייסט נישט וויאזוי צו קאמיוניקירן מיט אנדערע, ער האט נישט דעם ריכטיגן צוגאנג צו עלטערן, פרוי, קינדער, חברים, ארבייטס געבער, ארבייטער, דעמאלס פאסירט דורכפאלן, מען שטויסט זיך אן אין ווענט וואו מען גייט און שטייט, אבער ווען דער מענטש איז געלערנט וויאזוי זיך דורכצוקומען מיט אנדערע מענטשן, וויאזוי צו באהאנדלען זיינע אייגענע געפילן און מעשים, קען ער אנקומען ווי ער וויל אנקומען, דער מתמיד וועט דאס נוצן אויפצושטייגן אינדערפרי, לערנען ברציפות, דער ארבייטער וועט אנקומען צייטליך און זיין מער מסודר'דיג, דער מאן וועט זיך בעסער באציען צו זיין ווייב און קינדער, און אלע ארומיגע חברים וועלן זיין גוט מיט אים.

דאס איז "פראדאקטיוו קורס", צו געבן פאר דעם מענטש אין די הענט אריין דעם ריכטיגן מהלך אין לעבן, מיט וואס ער זאל גיין און דאס נוצן וואו ער וויל.

**עקסטענשאן (# 378) דערציילט: די הכרת הטוב וואס איך שפיר פאר די קורסן איז פשוט נישט שייך צו כאראקטיזירן, איך שפיר אז איך האב ממש אנגעהויבן פונדאסניי אין יעדן הינזיכט, איך קען זאגן: אפילו אויף געוויסע שווערע זאכן וואס "פראדאקטיוו" האט מיר געזאגט פארדעם אז זיי קענען זיך נישט אונטערנעמען צו פארבעסערן און פאררעכטן דורך די קורס, האט זיך אויך געטוישט! זאכן וואס איך האב נישט געחלומ'ט אז ס'וועט נאך האבן א תיקון, איז פאררעכטן געווארן! איך בין געווארן ווי א קטן שנולד אין אלע יסודות החיים, אלע מניעות זענען זיך צופלויגן, און איך האב אנגעהויבן פון דאסניי!.**

בס"ד

# "אריפברענגען די לעבן" אנהייב פעקעדזש

**תיכף ביים זיך רעגעסטרירן**
באקומט איר
א פין נומער פון קרוב צו
**30 שעה אינפארמאציע**
ווי איר וועט שטעלן
דעם ערשטן
טריט צו א נייעם,
**בעסערן לעבן**







קומט אריין אין קלאס
**'שטארק'**
און גייט ארויס
**'שטארקער'**

**פראדאקטיוו קורס**
א גוטע מאטאוועישאן
צו פראדוצירן

אפיס
**845.232.1079**
האט-ליין
951.262.3674

[א קורצע אויפקלערונג בנוגע די עקסטענשן'ס: די עקסטענש'נס זענען ריכטיגע לעבעדיגע עדות וואס אויב איר ווילט הערן מער בנוגע די נושא וואס ווערט באשריבען וועגען זיי, און בכלל וואס "פראדאקטיוו-קורס" איז, קענט איר אנקומען צו די משתתפי השיעורים אליין און הערן זייערע איבערלעבענישן און זייער עקספיריענ'ס וואס זיי האבן געהאט מיט "פראדאקטיוו-קורס", צו די עקסטענשנ'ס קען מען אנקומען דורך אריינרופן אין אפיס, ווי דער סעקרעטאר וועט אייך געבן אינסטראקציעס וויאזוי צו ווערן קאנעקטעט, צום ספעסיפיצירטן סיסטעם וואס דאס פירט צו אלע ביז היינטיגע משתתפי השיעורים דורך הונדערטער עקס. נומערן, און די משתתפי השיעורים בלייבן אין העכסטן געהיים.

וואו אויך קענען מיר דורכדעם אנצייגען צו די פאסיגע עקסטענשנס וואס איז געאייגנט פאר אייך, ווי למשל אויב איר זענט א בעל הבית פון א ביזנעס און איר ווילט הערן פון א צווייטן בעל הבית וואס ער האט אלס ארויסגענומען פון די קורס, וועט מען אייך צושטעלן צו איינע פון די צענדליגע בעלי בתים וואס זענען דורך די שיעורים מיט סוקסעס, און אזוי ווייטער, א מלמד, א כולל אינגערמאן, ארבייטער וכדו', וועלן קענען רעדן מיט זייער גלייכן, אדער וועט מען אייך צופאסן צו רעדן צו איינעם לויט אייער ספעציפישע ענין וואס איר ווילט פארבעסערן, און ווייטער!]

די אויפטוען פון פראדאקטיוו, אין וואסערע הינזיכטן עס קען אלץ ווערן גענוצט, איז ענדלאז, אבער אז מען וויל קען מען דאס קאטעגאריזירן אין דריי: בין אדם למקום. בין אדם לחבירו - בין איש לאשתו. און בינו לבין עצמו. און לאמיר אנהויבן מיטן לעצטן, וואס דאס איז באמת דער יסוד און דער גורם גוט אוועקצושטעלן די ערשטע צוויי.

מיט דעם אויסדרוק "בינו לבין עצמו" מיינט מען די באציאונגען וואס דער מענטש האט מיט זיך אליין, וויאזוי ער נעמט אויף שווערע מצבים, צו מיט כעס, עצבות, גלייכגילטיג, אדער מיט א משקל השוה וואס איז רואיג און אחריות'דיג. וויפל איז ער דיסציפלינירט, מסודר, אחריות'דיג. צו איז ער א עקסטרעמער, א ביישן, א פארמאכטער. ווי שטארק גלייבט ער אין זיינע כוחות, טאלאנטן, כשרונות, וויפיל איז זיין קאנפידענט לעוועל זיך ארויסצושטעלן זאגן אז ער קען אנקומען און שטייגן צו העכערס, וכדו' אלע מדות און נאטורן מיט וואס א מענטש איז באשאפן געווארן, און דארף זיין באלאנסירט ריכטיג צווישן די ביידע עקסטרעמען.

אין דעם איז אויך נכלל דאס וואס יעדער מענטש עקסטער איז געבוירן געווארן מיט ספציעלע כשרונות, חושים, טאלאנטן, און נאטורן, וואס מיט דעם איז ער אייגנארטיג אויסגעצייכנט, און וואס ער קען נוצן ברוחניות ובגשמיות צו שטייגן סיי אין די תורה וועלט, און סיי אין דעם טאג טעגליכן עולם המסחר, און וואקסן אין אלע הינזיכטן אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

אבער צו דעם דארף מען זיין גרייט זיך צו עפענען, די מעגליכקייטן אויף די וועלט ווי זיך אויסצובארייטערן כדי צו מצליח זיין דארט וואו מען ציהלט, זענען זייער גרויס. דער פראבלעם שאפט זיך אבער ווען דער מענטש איז מצומצם אין זיך, פארמאכט אין זיין לעכל אין זיינע ד' אמות, וואס אנשטאט צו שפראצן און בליען, זיצט ער איינגעוויקלט אין זיך, און גייט איין ווי א פארוועלקטע בלעטל. אנשטאט צו עפענען זיין מויל און נוצן זיין כח הדיבור, אדער לאזן לויפן זיין פעדער און פובליצירן וואס ער קען, אדער אהערשטעלן געלונגענע מייסטער ווערק מיט די הענט, צו גאר נוצן זיין שכל הישר ארויס צו העלפן מיט עצות און הדרכה, ארגאניזירונג וכו', און אלע אנדערע סארט טאלאנטן וואס מענטשן זענען געבענטשט, פארמאכט מען זיך אונטער טויער און ריגל, און מען מאכט שאדן פאר זיך, און פאר די וועלט וואס וואלט געקענט אזויפיל נהנה זיין פון אים.

> **"פראדאקטיוו" האט שוין ארויסגעשלעפט צענדליגער אינגעלייט פון זייערע פראבלעמען, דורך וואס זיי האבן באקומען אין זיך פלייסיגקייט, זיי זענען געווארן מסודר, צייטליך, און ארגאניזירט**

און די סיבה פארוואס מען איז נישט אפען איז פארשידנארטיג, עס קען זיין א קליינע נארישע בושה וואס האלט אים אפ צו טון וואס איז ריכטיג צו טון, ער שעמט זיך צו רעדן הויעך צווישן מענטשן, וואס כאטש ער האט אין זיך די כשרונות צו זיין א גוטער סעילסמאן, מלמד, מגיד שיעור, בעל קורא מוז ער קודם איבערקומען זיין בושה, און נישט טראכטן וואס פלוני און אלמוני וועט זאגן אויף אים. מיט די ריכטיגע געצייג און געדאנקען וואס די פראדאקטיוו שיעורים געבן קען מען דורכברעכן די קליינע אפהאלטונגען און נאכדעם וועט ער קענען ארויסגיין אין גאס טון למעשה און מצליח זיין בעז"ה מיט זיינע געבענטשטע כשרונות. א גרויסער תלמיד חכם, מיט א גוטע הסברה, קען האבן א בושה און א פחד אריינצוגיין אין א כתה פון בחורים. נאכ'ן העלפן דאס איבערקומען, וועט ער זיין גרייט צו שטייגן אין הרבצת התורה און גלייכצייטיג ציען זיין חיונה פון עבודת הקודש. א גוטער זינגער וואס זיין בושה האלט אים אפ פון זיך אוועקשטעלן ברבים, וועט נאכן ברעכן זיין שעמעוודיגקייט זיך טרעפן מיט א שיינע פרנסה, און די ליסטע איז ענדלאז וויפיל טאלאנטן און כשרונות ליגן באגראבן צווישן חשובע און טייערע אינגעלייט כאבן שאין לו הופכין בלויז ווייל מ'האט די נישט אויסגעהאלטענע בושה ווי דער רבי ר' אלימלך זי"ע רופט עס אן אין צעטיל קטן "בושה רעה". נישט דאס איז די אמת'ע מדת הבושה וואס די תורה פארלאנגט.

נאך א סיבה וואס א מענטש איז פארמאכט און פארקלאפט, זענען פאלשע נישט אויסגעהאלטענע

בס"ד

# קאנפידענס

לערנט אייך
צו פארשטיין קלאר
**דער חילוק פון א**
**'שטארקע מענטש'**
**און פון 'גאווה'**
וואס 'גיאות' ברענגט
צו אלע מדות רעות,
און די ריכטיגע
קאנפידענס ברענגט
צו אלע מדות טובות
און צוגאב צו **שטייגן**
**אין אלע ענינים.**







**פראדאקטיוו!!! קורס** | א גוטע מאטאוועישאן צו פראדוצירן

845-232-1079

געדאנקען וואס האט זיך ארייגעזעצט אין קאפ, פאלשע מעסעדזשעס וואס חזר'ן זיך איבער אין מח, עס איז מעגליך אז איינער האט אים געגעבן א טשעפע אין זיינע אינגע יארן אז ער איז א נאַר, אדער איינס פון די שמות הנרדפים צו דעם, אדער ער האט איינמאל געהאט א דורכפאל וואס די בחורים אין ישיבה האבן זיך איבערצייגט אין זיין שלימזל'קייט און פארשלעפטקייט, און נאך און נאך וואס מען דארף נישט מאריך זיין, וואס איינמאל אזא שעדליכע געדאנק באפאלט א מענטש, וועט דער חכם מכל האדם אים נישט קענען איבערצייגן אנדערש, און ער וועט שטענדיג טרעפן ראיות און הוכחות אז ער איז יא א אומטויגליכער און א גארנישט.

די תוצאה פון דעם איז איבריג מסביר צו זיין, אזא איינער וועט צו קיין שום בעסערע פאסטן בדרך הטבע נישט צוקומען ווייל זיין מח וועט אים נישט לאזן זיך ארייגברענגען אין א מצב וואס זיין נערנות און טפשות [לויט זיין יעצטיגע מיינונג] וועט ווערן אויפגעוויזן שווארץ אויף ווייס, און נאך מער, ער וועט נישט האבן די העזה און די חוצפה אז ער דער נאַר זאל בכלל פראבירן עפעס א בעסערע פאך אין די הענט.

ווער רעדט נאך פון א כולל אינגערמאן וואס קען אויסשטייגן מעלה מעלה, וואס אויב ער האט אין קאפ אזעלכע געדאנקען, און ער איז נישט זיכער אז ער און טאקע ער! קען און וועט אויסשטייגן, און וואקסן צו זיין א דיין אדער א ראש ישיבה, אדער סתם א גרויסער תלמיד חכם, אזא איינער וועט זיך שנעל טרעפן אינדרויסן פון די תורה וועלט, און ס'איז באמת א שאד! אדער איינער וואס וואלט געקענט שרייבן וויכטיגע און שיינע ספרים וואס די וועלט וואלט הנאה געהאט, און נאר צוליב די שעדליכע געדאנקען פארלירט די וועלט גאר אסאך, וכהנה וכהנה וואס ער וואלט געקענט אויפטון פאר זיך און פאר די וועלט, וואס אזעלכע קליינע און נישטיגע מחשבה קענען צושטערן.

> **מיינע ארומיגע זאגן מיר: לעצטנס ביזטו עפעס אין זייער א גוטע גיסטע... ביזט אויפגעלייגט און צופרידן, וואס האט פאסירט?...**

"פראדאקטיוו" האט פארשידענע מיטלען אויסצווארצלען אזעלכע מחשבות מיט'ן שורש אז ס'זאל נישט בלייבן פון דעם קיין שריד ופליט, און די תוצאות זענען וווּנדערליך, ניין דער אינגערמאן איז אינגאנצן נישט געטוישט געווארן, אדרבה ער איז געווארן ארגינעל... די הארטע שאל ארום אים איז אראפ און ער שיינט און בליעט אזוי ווי דער רבש"ע האט אים באשאפן.

נאך א פראבלעם וואס האלט אפ מענטשן פון שטייגן אין אלע הינזיכטן איז שוואכע קאנפינדענץ, מען איז נישט זיכער און שטארק מיט זיך, די הרגשה וואס מען האט איז אז "איך בין גארנישט" "איך בין נישט געבויט אויף גרויסע זאכן" "קיין תלמיד חכם וועט שוין פון מיר נישט אויסוואקסן" "איך וועל שוין בלייבן דער שנארער" "איך פארשטיי נישט וויאזוי מען פארדינט", די תוצאה פון דעם איז אראפגעקלאפטקייט און מוהטלאזיגקייט, מען האט נישט קיין פלייסיגקייט צו גיין העכער, מען פרובירט נישט נייע זאכן, מען מאכט זיך נישט קיין גרויסע ציהלן אין לעבן, אלעס דערפאר ווייל ער האלט אז ער איז איינער פון די לעצטע שורה, א מענטש וואס האט נישט די רעכט זיך צו שטופן צו עפעס העכער'ס.

און דא איז וויכטיג צו באמערקן אז די סארט געדאנקען איז נישט דער ריכטיגער אפטייטש פון די מדת "ענוה", ווייל ענוה און גאוה האט נישט קיין שייכות מיט אנערקענען די מעלות און וויסן צו וואס מען קען צוקומען, אזוי ווי ס'איז מבואר אין ספרים הק', און די יסודות פון דעם ווערן גרונטליך אראפגעלייגט ביי די שיעורים פון "פראדאקטיוו".

פוילקייט, צופלויגנקייט, נישט מסודר'דיג, שפעטיגן איבעראל, דאס זענען שוואכקייטן וואס נעמען ארום א גרויס חלק פון ציבור, און טרעפן נישט דעם וועג ארויס, "פראדאקטיוו" האט שוין ארויסגעשלעפט צענדליגער אינגעלייט פון די דאזיגע פראבלעמען, זיי האבן באקומען אין זיך פלייסיגקייט, זענען געווארן מסודר, צייטליך, און ארגאניזירט.

**#307 דערציילט: איך בין געווען א שטארק צופלויגענער מענטש, און ארבייטנדיג אין א אחריות'דיגן אפיס פאר א בארימטע ארגעניזאציע, איז מיין טיש שטענדיג געווען אנגעלייגט מיט אלע סארטן פאפירן, אנגעהויפנט איינס אויפן צווייטן, אן א סדר. ווער רעדט נאך ווען די ארגעניזאציע האט געהאלטן פאר א דינער, וואס דעמאלס האט מיין טישל אויסגעזען ווי נאך א שטורעם ווינט... וואס האט זיך געהאלטן לאנג נאכן דינער.**

**היינט צו טאגס איז מיין טישל ריין פון פאפירן, אלעס ליגט אויפן פלאץ מסודר, און א טאג נאכ'ן דינער איז דער אפיס געווען מסודר קאמפליט ווי א צווייטן טאג אין יאר.**

האלקים עשה את האדם ישר והם בקשו חשבונות רבים, א מענטש ווערט באשאפן גראד, אן איבריגע חשבונות, אן אזעלכע געדאנקען ווי: וואס וועט פלוני זאגן און וואס וועט אלמוני טראכטן?, צו וועלן מיינע ווערטער אויסנעמען ביים ציבור אדער נישט?, צו וועל איך חלילה נכשל ווערן אינמיטן און נישט וויסן פונקטליך וואס צו זאגן? וואס וועט מיין חבר זאגן צו דעם נייעם שיעור וואס איך וויל מאכן? אויב איך וועל זיך יעצט אויפשטעלן וועט דאך יענער טראכטן אז וכו' וכו', און כדומה וכדומה אלע סארטן געדאנקען און חשבונות וואס א מענטש מאכט הונדערטער מאל א טאג, און איינער וואס ליידט אויף דעם שפירט זיך ווי א געפאנגענער אין אייזערנע קייטן, ער וויל דאס צופליקן און זיך באפרייען אבער ער קען נישט!.

די אלע געדאנקען זענען נישט ארגינעל, ווייל האלקים עשה את האדם ישר. די חשבונות רבים וואס מען מאכט האט א שורש פון פארשידענע סיבות וואס האט דאס געקענט צוברענגען, און עס קען בעז"ה אוועקגיין, און געלויבט השי"ת אז דאס איז איינע פון די פילע פראבלעמען וואס ווערן געלעזט ביי פראדאקטיוו קורס שנעל און גיך, און ע"פ רוב ווערט דאס אויסגעווארצלט מיט'ן שורש.

# קאמיוניקאציע

ווען איר בויט
זיך אויף די ריכטיגע
**'קאמיוניקאציע'**

- ווערט איר **אויסגעהערט**
- איר ווערט **פארשטאנען**
- זאכן ווערן **געטוהן**

און עס עפענען זיך
טירען וואס איר
גלייבט נישט אז ס'קען
זיך נאך עפענען!








**פראדאקטיוו!!!**
קורס | א גוטע מאטאוועישאן צו פראדוצירן
845-232-1079

וויפיל פון אונז וואלטן געהאט חשק זיך אויפצושטעלן און האלטן א דרשה פאר'ן ציבור, צו זאל דאס זיין ביי א שמחה, א אייגענע אדער משפחה, צו אויפטרעטן אמאל ביי א געלעגנהייט ברבים וכדו', די געדאנקען דרוקן און קוועטשן, שיינע פלפולים, הערליכע חידושים, געלונגענע דרשות, וואס ווערן נישט איבערגעגעבן ברבים, אלעס נאר וועגן בושה, אדער פחד, צענדליגער חשבונות פון דעם און יענעם, און די דרשה ווערט נישט געזאגט און קוועטשט נאכדעם יארן...

דאס איז איינע פון די שטערקסטע אויפטוען פון פראדאקטיוו, אז "יעדער אן אויסנאם" קומט ארויס מיט אפענקייט און גרינגקייט צו רעדן ברבים, די בושה און פחד איז נאך אינמיטן די שיעורים א פארגאנגענהייט, פרעגט ביי דעם פון יעדן פראדאקטיוו תלמיד.

**עקסטענשן #431 דערציילט: מיין פעטער האט מיר מכבד געווען צו רעדן אפאר ווערטער ביי די בר מצוה פון זיין זון ני"ו, א דאנק די שיעורים וואס זענען מיר געלעגן פריש אין די ביינער האב איך אנגענומען דעם כיבוד, און איך האב טאקע אויפגעטרעטן, און ס'איז געווען א מורא'דיגע הנאה פאר די גאנצע משפחה! און פארשטייט זיך אז פאר מיר אויך!**

און ווער רעדט נאך פון דאווענען פאר'ן עמוד, עולה זיין, אראפליינען א מפטיר מיט געשמאק, צו גאר אליין ליינען, בלאזן שופר, ליינען די מגילה ברבים, וויפל פון אונז שפירן אז זיי "וואלטן" געקענט, אבער האלטן זיך אפ?

**עקסטענשן # 357 דערציילט: מיינע חברים וואונדערן זיך ווען איך בין געווארן א בעל קורא, בעל תפלה און א בעל תוקע, מיין ענטפער איז אז איך בין שטענדיג געווען, און געוויסט אז איך בין, איך האב נאר מורא געהאט פון לאזן זיי וויסן... ב"ה איך בין א געשמאקער בעל קורא, און ווען מען זוכט פארוועמען צו געבן דעם שופר אין ביהמ"ד בין איך גרייט.**

א הערכסט אינטערסאנטע פראבלעם מאכט זיך אויך ביי אסאך אינגעלייט אז זיי ווערן געשטופט אויפן נישט ריכטיגן ארט, זייער אינערליכער געפיל זאגט זיי אז די סארט ארבעט איז בכלל נישט פאר זיי, און זייערע כשרונות וואלטן זיי באמת געווען גאר גוט אין אנדערע הינזיכטן פון וואו זיי זענען באמת, נאר דער ארום און ארום שטופט זיי צוליב געוויסע סיבות אז זיי זאלן אנכאפן די סארט פרנסה וואס ס'איז נישט פאר זיי. זיי זענען צומישט און ווייסן נישט וואס און וועלכע פרנסה אויסצוקליבן "פראדאקטיוו" איז דער ריכטיגער ארט אויסצוגראדן און ארויסצוהאבן וואס מען וויל באמת, און נעמען דעם וועג אנצוקומען צו דעם.

(פארשטייט זיך אז מען רעדט נישט ווען מען האט נישט קיין אנדערע פרנסה, וואס דעמאלס איז דאך נישט שייך זיך צו קליבן, מען רעדט דא באופן ווען די אויסוואהלן זענען גרויס, נאר צוליב זייטיגע סיבות טרעפט מען זיך אויף דעם נישט ריכטיגן ארט).

די זעלבע מאכט זיך אויך לגבי לימוד התורה, וואס יעדער האט זיך זיין ספעציעלן כשרון ווי ער קען מצליח זיין, איינער אין גמ' תוס' בעיון, איינער מער אין בקיאות, איינער אין הלכה בעיון לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, איינער אין חסידות אדער אין אגדה, און טיילמאל איז מען געשטופט צו איין זייט, וואס איז גורם אז זיין הצלחה איז נישט אזוי שטארק ווי ס'וואלט געקענט זיין ווען ער וואלט געלעגן דארט ווי זיין כשרון ארבייט מיט.

עצבות און מרה שחורה, צובראכנקייט, א שלעכטע גוסטע, איז א גאנגבארע ארטיקל ביי אסאך אינגעלייט, נאכדערצו די וואס מוטשען זיך באמת מיט שוועריגקייטן, אין פרנסה, געזונט, שלום בית, קינדער, ארבייט, וואס דאס שטערט זיי פון טון דאס וואס זיי וואלטן יא געקענט טון, פראדאקטיוו ברענגט צוריק זייער שמחת החיים, אויפנעמען באהבה און רואיג שווערע מצבים, און קענען אנגיין מיט טאג טעגליכן לעבן.

## אדרבה ער איז געווארן ארגינעל... די הארטע שאל ארום אים איז אראפ און ער שיינט און בליעט אזוי ווי דער רבש"ע האט אים באשאפן.

יאוש! א גאר אויפגעכאפטע מדה ביי א גרויסן ציבור... דער אומגעלונגענער עבר הויערט אויפן מח און אויפן הארץ ווי א שווערער שטיין, און לאזט נישט גיין א טריט פאראויס. אין "פראדאקטיוו" ווערט דאס בעז"ה אויסגעווארצלט אנצוקומען צו א פאזיטיווע געדאנק, און טרעפן א בעסערן און ליכטיגערן בליק אויפן לעבן.

**עקסטענשן # 377 דערציילט: דער ציבור וואס איז געקומען צו די שיעורים זענען געווען אלע סוקסעספולע מענטשן, וואס האבן געוואלט מער מצליח זיין, נישט דייקא מענטשן וואס האט זיי געפעלט עפעס, אבער איך מוז מודה זיין, אז איך אליין בין געקומען דארט צובראכן ווי א שארבן, איך בין דורכגעגאנגען גאר א שווערע תקופה, און איך בין שוין געווען ביי ספעציאליסטן אז זיי זאלו מיר ארויסהעלפן, ווייל איך האב געפילט אז ס'איז כלו כל הקיצין.**

**פראדאקטיוו האט מיר געראטעוועט, א גאנצן טאג שווימען מיר אויף די געדאנקען וואס כ'האב געהערט ביי די שיעורים, און ספעציעל די איבערגעגעבנקייט, די שטארקע אנערקענונג, און די געוואלדיגע דברי חיזוק וואס מען באקומט במשך די שיעורים, דאס האט מיר געראטעוועט!**

און נישט נאר פאר צוקלאפטע מענטשן קענען די שיעורים ברענגען שטארקע רעזולטאטן, נאר אפילו צו מאכן בעסער און שטערקער וואס מען איז און וואס מען האט שוין, לוינט זיך שוין צו נעמען דעם קורס, ס'איז ווערד אפילו נאר כדי ארייינצוברענגען מער שמחה און חיות אין זיך, וואס דאס גיסט זיך אטאמאטיש איבער אין שטוב און צווישן חברים.

בס"ד

וואס לערנט 'פראדאקטיוו'..

# התלהבות

ס'איז באמת דא פיינע תירוצים;

• • •

די וועטער טויג נישט היינט..

כ'האב נישט קיין צייט, כח, געלט..

כ'בין סיווי קיינמאל נישט מצליח..

כ'ווייס נישט ווי אנצוהויבן..

לאז געמאכט, ס'גוט וויאזוי סאיז..

ס'איז שווין צו שפעט..

כ'בין צו א גרויסע ביישן..

ס'איז צו א גרויסע ריזיקע..

כ'בין שווין צו אלט..

• • •

**מיט'ן פלאם פון 'התלהבות' ווערן אלע תירוצים פארברענט!**

**זיין גרייט ביים זמן**
נישט ארויסצופאלן
**צו א שבת ווייס**
אין די לעצטע מינוט

**ארלעדיגן און באצאלן בילס אין צייט**
נישט צו דארפן
ליידן וועגן
פארשלעפטקייט

**דיך געבן א נעם צו פראיעקטן וואס קוקן אויס;** לאנג, שווער און קאמפליצירט

**אנקומען צייטליך;**
כולל, ביהמ"ד,
ארבעט,
שטוב, שמחה,
אפוינטמענט
וכו'

**קאמיוניקעישן**

**די וועג פון קאמיוניקירן וואס ברענגט רעזולטאטן;**
- מיט די ב"ב אין שטוב
- טאטע מיט די קינדער
- בע"ב מיטן ארבעטער
- מיטן חברותא אין כולל
- משגיח מיט די בחורים
- מלמד מיט די קינדער
- סעילסמאן מיט קאסטומער

**2 קאנפידענס**

**די קאנפידענס און שטארקייט צו שפירן אז מ'האט די יכולת צו מצליח זיין**
- מיט א נייע אחריות
- א נייע דזשאב
- אונטערנעמונגען

**4 התלהבות**

**1 ערשטע פאזע**

א פין נומער פון קרוב צו
**30 שעה אינהאלטסרייכע אינפארמאציע**
- איר הערט עס אויס איידער די קלאס הייבט זיך אהן
- איר נעמט אוועק אלע שטערונגען וואס לאזט נישט אז דער מענטש זאל זיך בויען
- איר קומט אריין אין קלאס אלס א כלי המחזיק ברכה גרייט אויסצוניצן די שיעור צום מאקסימום!

די 'ערשטע פאזע' באקומט איר
**- היינט -**
תיכף ביים זיך רעגעסטרירן

**פראדאקטיוו!!!**
**קורס** | א גוטע מאטאוועישאן צו פראדוצירן
**845-232-1079**

**עקסטענשן 385 # דערציילט: איך האב נישט געהאלטן אז ס'פעלט מיר עפעס פאר איך בין געקומען צו די שיעורים, און איך בין געווען זיכער אז די שיעורים זענען נישט פאר מיה, אבער יעצט האלט איך שוין לאחר המעשה, און איך זעה קלאר וואסארא חילוק די שיעורים האט געמאכט אויף מיר און מיין גאנצע שטוב, איך ארבעט שווער א גאנצן טאג און געווענטליך קום איך אהיים זייער אויסגעשעפט און אויסגעמוטשעט, אבער זייט איך בין געווען ביי די שיעורים, שטיי איך אויף אינדערפרי 7:30 מיט א פרישקייט, מיין שטוב איז פריילך, און מיינע ארומיגע זאגן מיר: לעצטנס ביזט עפעס אין זייער א גוטע גיסטע... ביזט אויפגעלייגט און צופרידן, וואס האט פאסירט?... אבער איך ווייס דעם סוד "פראדאקטיוו קורס"!**

און דאס דארף מען וויסן, אסאך שוועריגקייטן וואס א מענטש גייט אריבער, נעמט זיך פון דעם מענטשנ'ס אייגענע נישט ריכטיגע מדות, אדער דורך א שלעכטע אויפפאסונג, ווען מען האט דעם נישט ריכטיגן בליק און מען פארשטייט נישט וויאזוי מען קען קוקן אנדערש, די תוצאות פון פראדאקטיוו זענען טייל מאל שטוינענד, אז דורך אויסלערנען דעם מענטש ריכטיג וויאזוי צו באטראכטן א מצב, א קינד, דעם בעל הבית, די חברים, אדער די ב"ב, ווערן אטאמאטיש געלעזט אסאך פראבלעמען לטובה.

אבער אפילו ווען ס'איז נישט מעגליך אליין אוועקצונעמען דעם פראבלעם וואס דער רבש"ע האט געגעבן ווי ווען מען האט ח"ו א שוועריקייט אין געזונט וכדו', דאך קען מען זיך גרינגער מאכ'ן דורך בלייבן מיט א גוטן געפיל, גוטע געדאנקען וואס זאל נישט אראפקלאפן דעם מענטש, ער זאל אין אלע מצבים בלייבן גוטמוטיג און אויפגעלייגט, וואס וועט איבערגיין אויך אין שטוב, און עווענטועל פארבעסערן אסאך זייטיגע שוועריגקייטן וואס שפראצן ארויס.

איינע פון די שטארקע קשיות אויף "פראדאקטיוו קורס" איז ווי פאלגענד: אונז ווייסן פון ספרים אז א נאטור קען מען נישט טוישן מען קען דאס נאר אויסדרייען צום גוטן, פון די אנדערע זייט זאגט דער רבי ר' אלימלך אין צעטיל קטן, אז עס נעמט פערציג טעג צו טוישן א איינגעפעדעמטע טבע, וויאזוי בארימט זיך פראדאקטיוו אזויפיל מיטן איבערמאכן מענטשן?

דער ענטפער איז קלאר: פראדאקטיוו טוישט נישט דעם נאטור פון דעם מענטש, אדרבה פראדאקטיוו ברענגט צוריק דעם ארגינעלן נאטור! ווייל ווען איינער שעמט זיך צו דאווענען פאר'ן עמוד, איז דאס בדרך כלל נישט זיין נאטורליכע נאטור וואס לאזט אים נישט דאווענען, אדרבה פון זיין נאטור אויס וואלט ער געווען א געשמאקער בעל תפלה, נאר זייטיגע חשבונות האבן זיך אנגעקלעבט אין אים, וואס האלט אים אפ צו טון וואס ער וויל באמת. און די אלע "חשבונות רבים" ווערט אוועקגעבלאזן דורך פראדאקטיוו. אזוי אויך א צופלויגענער מענטש איז נישט אייביג דוקא פון נאטור אויס צופלויגן, זייטיגע סיבות זענען גורם זיין צופליגנקייט, [און אמאל קען דאס אויך זיין גאר א שטארקע פרעפעקשעניזעם וואס האט זיך צוזאמגעקנעטן מיט יאוש...], אדער איז דאס נישט מער ווי א אומגעווינטשענע טבע וואס מען האט זיך איינגעוואוינט, וואס פראדאקטיוו העלפט דאס צוריקשטעלן אויף די ריכטיגע שינע'ס.

> **פראדאקטיוו שטעלט אוועק דעם מענטש אויף דעם ריכטיגן און ארגינעלן שטאנד וואס דער בורא עולם ב"ה האט אים באשאפן, פראדאקטיוו העלפט א מענטש טרעפן "זיך" אליין, טרעפן די כשרונות וואס "ער" האט..**

ריכטיג, צו טושן א טבע נעמט פערציג טעג, און פון איין טאג ווערט מען נאך נישט איבערגעדרייט, אבער כדי "אנצוהייבן" דעם ערשטן טאג און זיין אינטערסירט צו ארבעטן אויף זיך און צו "זיין גרייט" אויף די אלע שווריקייטן וואס קומט מיט ווען מען טושט איבער איין טבע מיט די צווייטע, און אזוי אויך צו ווסן "וויאזוי" דאס צו טון, קען פראדאקטיוו געבן די ריכטיגע געציייג, און די נויטיגע פלייסיגקייט און ענערגיע וואס זאל אנהאלטן פאר א לאנגע צייט.

און ווי געזאגט פראדאקטיוו טוישט נישט קיין נאטורן, ווייל דאס איז נישט מעגליך, פראדאקטיוו פרובירט אוועקצושטעלן דעם מענטש אויף דעם ריכטיגן און ארגינעלן שטאנד וואס דער בורא עולם ב"ה האט אים באשאפן, פראדאקטיוו העלפט א מענטש טרעפן "זיך" אליין, טרעפן די כשרונות וואס "ער" האט, טרעפן "זיינע מדות" וואס ער איז אויסגעצייכנט, זיין ספעשילטי, און אזוי אויך אים העלפן אנטדעקן זיינע שוואכקייטן און פעלערן וואס ער וויל פארעכטן, און אים געבן די פאסיגע הדרכה ווי אזוי דאס דורכצופירן.

יעצט איז א פאסיגע און א גאלדענע געלעגנהייט צו מקיים זיין דעם תתחדש כנשר נעוריכי, אפלאזן אלע אלטע נישט געווינטשענע געוואונהייטן, און זיך טרעפן אינדרויסן פון פארשידענע אומאנגענעמע מדות און נאטורן וואס מען האט שוין לאנג געוואלט אויסארבעטן. און בעז"ה מיט די ריכטיגע ידיעות, עצות, און ארבייטס געצייג פון "פראקאטיוו קורס" וועט מען קענען אויספירן אויף למעשה אלע שאיפות און ס'וועט בעז"ה ווערן א מציאות אין פאקטישן לעבן.

שרייבט אייך שוין איין היינט ביי איינע פון די מערערע קלאסן וואס הייבט זיך יעצט אן אין מערערע שטעט, רופט אריין 845.232.1079 צו פארזיכערן אייער זיך, און ווערט א טייל פון די הונדערטער גליקליכע משתתפי השיעורים אין אייער שטאט.

וואס לערנט 'פראדאקטיוו'..

# רואיגקייט

וויאזוי קען איך זיך האלטן רואיג?

• • •

כ'האב פארלוירן מיין דזשאב..

כ'האב אזויפיהל צו טוהן..

וויאזוי וועל איך עס דורך מאכן..

פאַרפלאָנטערט מיט די שטאט..

איך ווארט אויף טעסט ריזאָלט'ס..

איך צו זיך אריבער צו א נייע דירה..

פון ווי נעם איך געלט פאר..

אויפן וועג צום אינטערוויא..

• • •

**נעמט איין די בארואיגונגס דאזע וואס וועט אייך באגלייטן א גאנץ לעבן!**

**פירן די שטוב** און א אנגעצויגענעם זמן **על מי מנוחות**

**פארלוירן א גרויסע סומע געלט?** פארלירט נישט אייער געזונט; **האלט זיך רואיג** און בעזה"י וועט איר דעם אבידה געפונען

ווען אייער פראיעקט פאלט דורך; **נישט ווערן אומגעדולדיג נאר איר פראבירט נאכאמאל**

**איר דארפט כאפן די באס;** גרייט אייך צו געשיקט **אנדעם וואס די נערוועזקייט זאל איבערנעמען**

**קאמיוניקעישן**

**די וועג פון קאמיוניקירן וואס ברענגט רעזולטאטן;**

- מיט די ב"ב אין שטוב
- טאטע מיט די קינדער
- בע"ב מיטן ארבעטער
- מיטן חברותא אין כולל
- משגיח מיט די בחורים
- מלמד מיט די קינדער
- סעילסמאן מיט קאסטומער

2

**התלהבות** 4

**פלאקערט זיך אויף מיט התלהבות;**

- באצאלן בילס אין צייט
- אנהייבן און אויספירן פראיעקטן
- זיין גרייט צו א שבת געגנוג פרי
- נישט ווערן אראפגעשלעפט פון די וועטער

**רואיגקייט** 5

דעוולאפ כשרונות 6

זאל און

**ערשטע פאזע** 1

א פין נומער פון קרוב צו **30 שעה אינהאלטסרייכע אינפארמאציע**

- איר הערט עס אויס איידער די קלאס הייבט זיך אהן
- איר נעמט אוועק אלע שטערונגען וואס לאזט נישט אז דער מענטש זאל זיך בויען
- איר קומט אריין אין קלאס אלס א כלי המחזיק ברכה גרייט אויסצוניצן די שיעור צום מאקסימום!

די 'ערשטע פאזע' באקומט איר **- היינט -** תיכף ביים זיך רעגעסטרירן

**פראדאקטיוו!!! קורס** | א גוטע מאטאוועישאן צו פראדוצירן

**845-232-1079**

די באטייליגטע
ביי די 'פראדאקטיוו'
קלאסן זאגן:

### אילו יצאנו ממצרים...

# דיינו!

## על אחת כמה וכמה..!

חלק א'



דרשה אצל סיום/אינטראדאקשען של אחד מה'פראדאקטיוו' קלאסן:

ע"י הר"ר **יעקב יצחק שטיינמעטץ** שליט"א
מדריך 'פראדאקטיוו-קורס'

**הקדמה:**

**פינף סארטן אידן זענען דא אנוועזנד,
וואס איז יעדנס ציל?**

עס זיצן דא יעצט אין ביהמ"ד עטליכע סארטן אידן, פון עטליכע קאטעגאריעס. קאטעגאריע נומ. 1. זענען אזעלכע אידן וואס זיי האבן זיך געפלאגט די לעצטע פאר וואכן, זיי האבן אוועקגענומען פון זייער טייערע צייט צו קומען צו די קלאסן. ס'איז נישט געווען קיין מענטש דא וואס איז געקומען דא ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו טון מיט זיין צייט. מען קען נישט אנצייגן אויף איינעם פון דא וואס האט זיך ארומגעדרייט יעדע נאכט פון 7:00 ביז 11-12 נישט האבנדיג וואס צו טון און האט דעריבער אהערגעבלאנדזשעט, און דא פארברענגט די נעכט.

אלע משתתפים האבן בעפער די קלאסן געפילט זיך גענוג און נאך אנגעפולט מיט זאכן צו ערלעדיגן, ממש זיי האבן נישט קיין רגע איבריג, ווער רעדט נאך לאנגע שעה'ן, נו, וויאזוי קען מען מאכן צייט צו קומען צו די קלאסן? אבער זיי האבן פארשטאנען אז טאקע צוליב דעם ווייל זיי האבן נישט קיין צייט, קומט מען צו די קלאס און מען ווערט געוואר וויאזוי מ'איז מסדר זיין די צייט, די ארבעט זאל זיין אביסל וויניגער בכמות, און באיכות זאל ער אויפטון מער למעשה, און אז אויב מען וויל שטארק, דאן קען מען יא האבן צייט.

אבער איין זאך רבותי, מ'קומט נישט צו די קלאסן צו וויניגער ארבייטן, אדרבה, דא גיבט מען מער ארבעט, מען מאכט שווערער ארבעטן, דורכאויס די קורס לייגט מען צו א שיין ביסל ארבעט וויאזוי זיך ארויפצוארבעטן מיט די אלע טולס און מעטאדן וואס מען האט זיך דא געלערנט, וואס ארבעט נאר דורך פולשטענדיגע נאכאנאנדע פראקטיצירונגען. טא, וואס איז דער אויפטו?

די ריכטיגע אנטווארט פאר דעם איז זייער איינפאך פאר די וואס זענען אדורך די קלאסן. די מציאות איז, א מלך ארבעט שווערער ווי א גארבעדזש קאלעקטאר, ער האט מער אויף זיין קאפ. אבער, ער פילט אסאך געשמאקער און אסאך בא'טעמ'טער דורכאויס זיין ארבעט, ער האט מער פארגעניגן פון זיין ארבעט, ער פילט א הנאה אז ער האט וואס צו טון, און ער קען טיילן אויפגאבעס, דורכפירן און אויפטון וויכטיגע זאכן און געזעצן וכדו', הקיצור ער האט הנאה און סימפאטיע צו זיין ארבעט, הגם ער ארבעט מער שעה'ן ווי דעם גארבידזש קאלעקטער, און האט מער אויפ'ן קאפ צו ערלעדיגן, פארט געניסט ער פון אן אינערליכע גוטע געפיל צו זיין ארבעט.

ווען איז יא א פראבלעם? ווען מ'קומט נישט אן די ארבעט, און מען יאגט נישט אן צו ערלעדיגן די פליכטן, דאן איז די מלכות'דיגע ארבייט נישט אינטערעסאנט. אבער ווען מ'קומט עס נאך האט מען יא הנאה פון שווער ארבייטן הגם ער האט א סאך ארבעט, וויבאלד ער אנערקענט אז ער קען, עס גייט איינס נאכ'ן צווייטן, זאכן פארן און ריקן זיך, ער בלייבט נישט הינטערשטעליג, און אפילו ער זאל צומאל נישט אנקומען, דאך פילט ער גוט און געשמאק קעגן וויפיהל ער קומט יא אהן, און דאס געט אים א טרייב קראפט צו אנקומען נאך מער, און דאס לערן מיר דא אויס וויאזוי אנצוקומען וואו מער און וויניגער צייט.

פארוואס איך ברענג דאס ארויס איז, ווייל ס'האט זיך שוין געמאכט א פאר מאל אז אידן האבן דא ארייגעבלאנדזשעט מיט איין ציל "זיי האבן געוואלט ארויסקריכן פון דעם פראבלעם פון דארפן ארבעטן אויף דער וועלט", זיי זאגן עס אפן ארויס, פשוט און פראסט נישט דארפן ארבעטן, איך וויל זיצן רואיג און באקוועם. און זיי באהויפטן "מען ארבעט דאך דא אויף רואיגקייט, אוועקנעמען

פרעשור! זיי וואלטן געקענט באשטיין נישט צו דארפן ארבעטן אינדערהיים, ארבעטן אין ביזנעס, ארבעטן אין ביהמ"ד, זיך פלאגן אויף מדות און ישרות, לייג נישט קיין פרעשור".

יא, עס איז טאקע אמת און וואר, אונז מינימיזירן די 'פרעשור' אבער נישט 'ארבעט', פארקערט גאר, ביי אונז לייגט מען צו ארבעט, אבער נאר וואס יא, די ארבעט ווערט א געשמאקע זאך אזוי ווי דעם מלך'ס ארבעט. מיר ווילן ווי מער ארבעטן, מיר ווילן ווי מער אויפטון, מיר האבן ליב צו ארבעטן, און מיר ווילן דורכברעכן די שוועריקייטן וואס ברענגט אז מ'האט נישט ליב צו ארבעטן, און וויאזוי ברעכן מיר דאס דורך? ווען א מענטש "זעהט" הצלחה אין זיין ארבעט, וויל ער ארבעטן נאך און נאך.

נחזור לענינינו, די וואס זענען געקומען צו די קלאסן זיי האבן אויפגעטוהן ב"ה א סאך זאכן, איין נאכט וועט נישט גענוג זיין איבער צוגעבן וואס אלס מ'האט אויפגעטון, אבער מיר וועלן הערן פון יעדן, איינע פון די זאכן וואס ער האט אין באגאדזש, פון די זאכן וואס ער האט אויפגעטוהן במשך די קלאסן.

ווידער איז פאראן צווישן אונז דא היינט נאכט א צווייטע סארט באטייליגונג, פון מענטשן וואס זיי זענען חברים פון די אידן וואס זענען דורכגעגאנגען די קלאס, און זיי זענען געקומען הערן וואס זייער חבר האט אויפגעטון, און וואס פראדאקטיוו איז, נאכדעם וואס זיי האבן געזען עפעס לעצטנס מיט די אייגענע אויגען, "עפעס איז מיין חבר אנדערש, אסאך געשמאקער, און אכן נודע הדבר ער איז געווען ביי פראדאקטיוו, איך וויל אויך קומען".

א דריטע סארט משתתפים האמיר דא היינט נאכט, דאס זענען אידן וואס זענען שוין לאנג דורך די קלאסן, זיי זענען נישט קיין פנים חדשות דא, און זיי זענען געקומען דא הנאה צו האבן, און צו זען ווי אזוי אנדערע אידן זענען דורכגעגאנגען די קלאסן און וואס זיי האבן אויפגעטון, און אפשר אויך איבערגעבן א ווארט איבער דעם וואס זיי האבן געזען אז אפילו נאכדעם וואס עס איז שוין אדורך א לאנגע צייט פון זייער אנוועזנהייט ביי די שיעורים, דאך זעען זיי כסדר שינוים מופלגים אין טאג טעגליכן לעבן, אפגעזען ווי לאנג צוריק זיי זענען דא געווען.

און מען מוז דייטפול ארויסברענגען, אויב איינער מיינט אז דאס אדורכגיין דעם קלאס איז א פארבייגייענדע זאך, עס איז צייטווייליג אקטועל, און געגאנגען ווייטער ס'גייט נאכדעם שלאפן, דער לעבט אין א טעות, און ער איז פשוט נישט באקאנט מיט דעם פריידיגן מציאות אז כהיום יום ציילן זיך שוין און די הונדעטער בלע"ה, מענטשן וואס זענען שוין דורכגעגאנגען די קלאסן און זיי גייען אן ווייטער זיי שטייגן און זיי טוען אויף, און איינע פון זייער שטארקסטע אויפטוען איז טאקע דאס, אז זיי זענען געווען א סעלף סעמפעל פאר זייערע חבירים, און דאס האט געמאכט אז זיינע חבירים זאלן קומען צו די קלאסן, און זענען געקומען דא מיטהאלטען און שעפן נחת וואו זייער חבר האט אויך געהויבן זיין ניוואו.

און דאס איז באמת געווען די ריכטיגע סיבה פארוואס די מענטשן פון די ערשטע קאטעגאריע זענען געקומען צו די קלאסן, ווייל זיי האבן נישט נאר געהערט וואס זייערע חברים האבן פארציילט פון די קלאסן, נאר זיי האבן אויך "געזען" וואס איז געשען מיט זייערע חברים, דאס אז זיי האבן געזען אז מ'האט געמאכט אזא טויש מיט זייערע חברים, דאס אליין איז געווען דער שטערקסטער קראפט און דראנג אז ער זאל פאסן א באשלוס צו קומען פון זיך אליין.

נאכדעם זענען דא מיט אונז אידן וואס זענען נישט געקומען ספעציעל צו זען וואס די קלאסן זענען, זיי זענען געקומען הערן וואס איך זאג, זיי ווילן זען וואס איך קען. און באמת לאמיתו, איך קען גארנישט, אלעס וואס איך קען איז סיי ווי וואס דער אויבערשטער מאכט, ס'איז נישט אינטערסאנט צו קומען זען וואס איך קען, און נאכמער מען קען במילא נישט מעסטן לויט דעם צי דער אייבערשטער האט מיר געגעבן דעם כח, אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו, קוק נישט אויף די דרויסנדיגע זאך נאר וואס ס'קומט ארויס דערפון, קוק נישט צו 'וואס' איך קען נוצן דעם קנקן, נאר וויאזוי קען איך נוצן די זאכן וואס ליגן 'אין' דעם קנקן.

און לאמיר עס מקרב זיין אל השכל ווי פאלגנד, א קינד ווען ער זעט די ערשטע מאל די פסח'דיגע בארשט וואס זאגט ער, איך דארף, איך דארף, וויבאלד ער דערשפירט נאר דעם טעם דערפון זאגט ער שנעל, אוי ס'נישט גוט, וואס איז געשען? מעיקרא מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר? קודם האט ער געמיינט אז ס'איז רויט, דאן איז עס א גוטע משקה, ווארשיינליך ערצייגט פון די רויטע זיסווארג, נאכדעם זעט ער עה, ס'איז נישט גוט. און ווידעראום דאס צוקערל, וואס איז שוין יא גוט לויט זיין קליינקעפיגער פארשטאנד, דאס איז גוט. בארשט איז נישט גוט דאס איז יא גוט? פארוואס? ווייל עס מאכט פאר אים לעכער און די ציין מיט אנדערע חולאים וואס אונז וויל מיר נישט וויסן וואס עס קען אלס מאכן, וועגן דעם איז עס גוט?

דאס הייסט אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו. עכ"פ אונז קוקן מיר בעיקר וואס עס קומט ארויס פון א זאך, נישט די דרויסנדיגע מאטעריאליזם. דאס איז סיי תורה'דיג גערעדט סיי מענטשהייט גערעדט און סיי ביזנעס גערעדט. אין די ביזנעס וועלט, קוקט מען אויף די אוטקאם, וואס עס קומט ארויס, אויב עס גייען קומען גוטע רווחים, וואס א נפקא מינה וויפיל מ'דארף אינוועסטירן, אפגעזען וויפיל מ'דארף איינשטעקן, אויב גייט זיין ערנסטע רווחים דאן לוינט זיך עס. והיינו הך ווען עס קומט בעניני מענטשהייט, אז עס קומט דערפון ארויס א תועלת, דאן איז עס אינטערעסאנט, טראץ וואס אויסערליך קען עס אויסקוקן וואס פעלט עס אויס. ועל אחת כמה וכמה תורה'דיג, איז דאס זעלבע וועג וויאזוי צו שאצן די זאך, קומט ארויס דערפון א גוטע זאך, דאן איז עס אויסגעהאלטן.

זייער א סאך מאל קומען מענטשן צו אן אינטראדאקשען צו דערגיין וואס מען טוט אין די קלאסן, ולמען האמת דער יעצטיגער שמועס קען זיך נישט באציען, און ס'איז נישט מעגליך ס'זאל זיך באציען איבער וואס אונז טו מיר אין דעם קלאס. פארוואס? נישט ווייל איך האב מורא אז אויב איך וועל אים זאגן וואס מען טוט דא וועט ער נישט קומען, די ריכטיגע סיבה איז למען טובתו פונעם משתתף, ווייל אפילו ער קומט שוין יא אן צו די קלאסן, ער האלט שוין למשל ביים צווייטן קלאס, וועט לויט די סיסטעם וואס ס'ארבעט דא זיין פאר זיין טובה אז ער זאל נישט וויסן פון פאראויס וואס עס גייט זיין אין די זיבעטע קלאס, כדי עס זאל איבער געגעבן ווערן בהדרגה לויט די ריכטיגע סיסטעם.

אויב איז די שאלה לגבי, צו ס'איז אויסגעהאלטן, האבן מיר די הסכמה פון מערערע חשוב'ע רבנים, ספעציעל די דירקעטע הסכמה פון הרה"ג ר' יצחק אלעזר מאסקאוויטש, אב"ד שאץ שליט"א, און צוגאב צו דעם וואס ווען מ'זעהט די תוצאות פון א זאך, איז דאס מעיד אויף די עצם זאך אז ס'איז גוט.

ממילא וואס דער היינט נאכטיגער שמועס שטעלט יא פאר, איז איבער וואס אונז וויל מיר זען איבער די שיינע רעזולטאטן וואס קומען ארויס פון די קלאסן.

וואס ס'קומט ארויס פון דא איז נישט פון די שנעלע זאכן איבערצוגעבן. ס'איז דא א סאך זאכן וואס קומען ארויס, מענטשן זאגן דא אז זיי האבן געהאט יארן לאנג שוועריקייטן כאטשיג זיי האבן געהאט מיט זיך גאר אסאך ידיעות, ווייל ידיעות אליין איז נישט גענוג, אסאך מענטשן האבן ידיעות, אבער דא בלייבט עס, עס טוט נישט אויף וואס עס דארף. אבער דא די ידיעות איניינעם מיט די מהלכים און די טולס וואס מען לערנט דא, ב"ה קומט מען ארויס, און מ'האט די זאך אין די האנט.

דער עיקר וויכטיגע נקודה וואס איז פון אונזער הויפט יסודות

צו הצלחה דאס איז "פראקטיצירן", ווייל דורך די פראקטיצירונג אינאיינעם אויפן פלאץ די אלע טולס, און מיט די עקסערסייז דא אין קלאס, און צוגאב וואס מען הייבט אן צו מאכן די טשעינדזשעס דא אינעווייניג, און נישט ווארטן ביז ווען מען קומט ארויס אינדרויסן מען גייט אהיים מיט גארנישט אויף למעשה, און אזוי מיט די השתדלות פון די אלע זאכן אינאיינעם מיטן אויבערשטענס הילף, קומט מען אן גאר ווייטגרייכנד.

און איך וויל מיך דא אפשטעלן און ערקלערן אין קורצן די וויכטיגקייט פון פראקטיצירן. אויב איינער וויל איינעם אויסלערנען באקן אויפ'ן טעלעפאן, דער צוהערער שטייט אצינד איידער די ערשטע מאל וואס ער וויל באקן א געבעקס, און ער וויל וויסן וויאזוי דאס גייט צו. במציאות וועט ער קיינמאל נישט קענען באקן אפילו אויב דער אויפ'ן אנדערן זייט טרייבל וועט רעדן צו אים הונדערט שעה. אבער, טאמער וועט ער קומען אין זיין בעקעריי און ער וועט צוזאמען מיט אים באקן איין קעיק היינט, מארגן צוויי, איבער מארגן פיר, אכט, זעכצן, 32, 64, 128 וכו' נאכ'ן צענטן טאג, אוודאי וועט ער קענען באקן הונדערטער טארטן און זעטיגנדע געבעקסן כזקן וכרגיל, ווי אזוי קען עס זיין? ער האט דאך נישט געלערנט אזויפיל שעה? אבער ער האט "פראקטיצירט" ער האט זיך אויפ'ן פלאץ געטרעינט, און אזוי קען מען אנקומען זייער ווייט.

די זעלבע זאכן קומט פאר ביים קלאס, רוב זאכן וואס מ'לערנט דא, טוט מען אויפן פלאץ פראקטעצירן צענדליגע מאל ביז מ'קען עס גוט, אזוי קומט יעדער ארויס קענענדיג.

א פיפטער מין באטייליגונג האמיר דא היינט נאכט, דאס זענען אידן וואס זענען געקומען כאפן א כלליות'דיגער בילד אויף דעם קלאס, זיי ווילן זען וואס איז די זאך, אפשר קען עס עפעס צוגעבן צו מיין לעבן. דעריבער וועלמיר א ווײלע ווידמען איבער די סארט מענטשן וואס מיר האבן דא היינט צו שאפן א כלליות'דיגע בליק אויף די זאכן, איך וועל אין קורצן נאכקומען זייער פארלאנג און מיט איין צוויי שטריכן געבן אן אויבנאויפ'דיגע בליק במה דברים אמורים.

## גוטע חברים ברענגט א חיים טובים

קיינ אין קייט ווייסט וואס חוני המעגל האט געזאגט 'או חברותא או מיתותא', אבער נישט אלע ווייסן אז דאס מיינט נישט אדער שווארץ אדער ווייס, ס'איז דא אסאך פונקטן אינדערמיט, פון איינס ביז הונדערט, ס'איז דא גרעי, דארקער, טונקעלער טונקעלער ביז שווארץ. דעריבער, ווי מער חברותא, ווי מער ביסט גוט מיט דיין חברותא, ווי מער דו האנדלסט בעסער מיט דיינע ארומיגע, טוסטו בענעפעטירן א בעסערן לעבן, ביסטו א שפאן ווייטער פון שטארבן. און לאמיר עס אין קורצן צוליגן, פארוואס טאקע ווייל מ'האט מער חברותא האט מען מער חיים? די סיבה איז זייער פשוט, ווייל ווי מער דו קענסט אויסשמועסן זאכן מיט דיינע ארומיגע, איז דא ווייניגער דאגות, דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים!.

און אט דאס איז דער כח וואס אונז לערנען מיר דא, צו זיין מער אפענער צו א צווייטן און זיך אויסשמועסן פרטים, דאס מאכט סיי מען זאל קענען באקומען גוטע עצות פון יענעם, און סיי מען זאל שוין פילן רואיגער.

און וויאזוי מאכן מיר דאס אז מען זאל זיין מער אפנהארציג צו א צווייטן, און שאפן מער חברותא, מער חיים? דאס איז דורכדעם וואס מען ארבעט אויף צוויי זאכן, סיי קאנפידענץ, צו זיין גענוג שטארק נישט זיך צו שעמען פון די וואס מ'דארף זיך נישט שעמען פון זיי, און סיי קאמיוניקאציע, די וועג וויאזוי מען שאפט א נארמאלע באציאונג מיט אנדערע, און וויאזוי מען רעדט צו א צווייטן. מען מוז האבן ביידע, קאנפידענץ אליינס איז נישט גענוג, ווייל אויב רעדט ער נישט אויף די ריכטיגע וועג, למשל ער האט א שווערקייט און ער שמועסט עס נישט אויס אויף די ריכטיגע וועג, מאכט ער די מצב בלויז ערגער, סיי פאר אים און סיי פאר'ן צוהערער. דעריבער מוז מען נאכ'ן האבן די קאנפידענץ צו רעדן צו א צווייטן, אויך האבן די קאמיוניקאציע מיטלען וויאזוי געהעריג אויסצושמועסן אן ענין מיט א צווייטן.

און לאמיר אצינד ווידמען איבער די פולע סארטן בענעפיטן וואס מ'גענניסט פון די קלאסן, וואס עס זענען די רווחים פון די קלאסן אין צוזאמענהאנג מיט פולע סארטן שוועריגקייטן, און בלאקידזשעס, וואס יעדע איינע פאר זיך איז כדאי לעצמו, אויף וואס מ'קען טייטלען, אילו לא באנו לכאן בלויז פאר דעם איז אויך "דיינו".

## יציאת מצרים; ארויס פון די אייגענע באקס

יעדער מענטש האט א פארמאכטע באקס, וואס מיינט דאס? ער האט באריקאדעס וואס ער פילט עד פה תבא! ווייטער פון דא קען איך נישט גיין, און ער פילט ער קען דאס נישט אדורכמאכן. לדוגמא, אויב איינער וויל אנטאן א טלית קטן וואס האט אבער נישט קיין לאך אינדערמיט פארן קאפ, וועט ער דאך נישט קענען, אוודאי קען ער מאכן א לאך און עס שיין ארומנייען, אבער אויב וויל ער דורכשטיפן די קאפ אן מאכן א לאך וועט עס נישט ארבייטן.

רבותי! מענטשן פילן זיך אין זייער פריוואטן לעבן פארמאכט, זיי פילן זיי קענען נישט ארייינשטופן זייער קאפ אין פארמאכטע זאכן, זיי ווייסן נישט וויאזוי עס צו עפענען, און ווען מ'עפענט עס יא אויף, וויאזוי עס צו ארום-נייען די עק אז ס'זאל זיין שיין געפענט און עס זאל זיך נישט צוררייסן מער, זיי קענען זיך נישט אויסשטעלן צו זאכן וואס זיי זענען מן השמים אויסגעשטעלט געווארן. "ווי גיי איך קעיר נעמען פון מיין בני בית וואס איך האב באקומען, איך ווייס נישט צי ס'איז דא נאך אזא שווערע קעיס אין די וועלט ווי מיין לאגע, איך קען נישט" און ער זיך מייאש, "ווי גייט איך קענען קעיר נעמען פון דעם שווערן קינד וואס איך האב באקומען, א שווערע בעל הבית, אפשר זוכן א נייע דזשאב, ס'איז דאך נישטא קיין נייע דזשאב, די עקאנאמיע איז שוואך און וואקלדיג", טא, וואס געשעט, ער שלינגט, ער ליידט, ער ווערט דעפרעסט, ער ווערט צובראכן אינעווייניג, ער ווערט נערוועז אינעווייניג, ער ווייזט עס נישט ארויס, ער עסט זיך אינעווייניג, און דאס פראדוצירט בלויז חולאים רעים און אנדערע נאכווייען רח"ל.

זיך עסן אינעווייניג, איז ערגער ווי ווען ער וואלט זיך שוין גערעגט אינדרויסן, ווען ער וואלט זיך כאטשיג גערעגט אינדרויסן קומט עס כאטשיג ארויס און אינעווייניג בלייבט ער אנשטענדיג און נארמאל. פארשטייט זיך נישט אלעמאל, אסאך מאל האב איך געטראפן מענטשן וואס זענען יא בעלי כעס זיי געבן ארויס די כעס, און זיי זענען חרוב ונחרב אינעווייניג אויך, פארוואס? זייער פשוט, ווייל ס'קומט נאר ארויס 10 פראצענט וואס טוט זיך אינעווייניג, די אנדערע 90 פראצענט ליגט נאך דארט. עכ"פ נחזור לענינינו, א מענטש ווייסט נישט ווי אזוי מען נעמט אויף א זאך, א שווערע מצב און צושטאנד, דאן ווערט עס א מיצר, ער איז אין מצרים, און פילט אז ער קען דאס בשום אופן נישט דורכשטופן.

אויב מען גייט דא דורך די קלאסן און מען קען ב"ה ארויסקריכן פון די אייגענע מצרים, ארויסקריכן פון די שוועריגקייטן און טרעפן א לאך צו פארמאכטע ווענט צו קענען דורכגיין דעם לאך, געשעט מורא'דיגע טשעינדזשעס אין דעם מענטשנ'ס לעבן.

כשלעצמו, פאר דעם ליידנדן מענטש פאר זיך, גילט דער כלל פון "אין חבוש עצמו מתיר עצמו" סתם אזוי וואלט ער נישט צוגעגאנגען צו א מענטש, ער קלערט אז אויבנאויף לויפט אלעס כשורה, און די לעבן גייט אים גאנץ גוט, ער קען נישט אננעמען דעם פאקט אז ער דארף גאר וויכטיג גיין צו איינעם וואס זאל אים ארויסהעלפן, ער קען זיך נישט דיאגנאזירן אלס ליידנדער וואס דארף האבן הילף, ממילא בלייבט ער אין זיין באקס און ליידט זיך אן א גאנץ לעבן.

בס"ד

4

עפענטליכע
עדות

פראדאקטיוו קורס

קלאס מעמבערס
טרעטן אויף ברבים
ביים אינטראדאקטשן
פונעם קורס
און שילדערן די רושם
וואס די קורס
האט אויף זיי
משפיע געווען:
ליינט און האט
הנאה!

# שטרענגע סדר היום
## שאפט הצלחה אין אלע היניזכטן אדאנק פראדוקטיוו ב"ה!

מיין נאמען איז...

איך בין געקומען זיך צו שטארקן אין מיין סדר היום, און די רעזולטאטן זענען מורא'דיג עפעס געוואלדיג, איך האב זינט די שיעורים אראפגעשטעלט פעסטע און אומבויגזאמע זמנים ווען זיך צו לייגן, אדער עפעס אנדערש, די צייט איז א צייט, גענוי אויפ'ן האר, ממש איך האב מיר נישט געקענט אפרייסן פון דעם זמן וואס איך האב געהאט אפגעמאכט.

ב"ה נעכטן האב איך געענדיגט פסח'דיג מאכן נאר אדאנק דעם, ווייל איך האב אפגעמאכט א זמן. איך מאך אפ א זמן ווען איך גיי ליינען קרי"ש שעל המטה, און ממש אויפ'ן האר געשעט עס. און דאס פראקטיציר איך דורך די עצות וואס מען האט דא געגעבן און איך האב מיך דורכדעם געקענט שטארקן אויף אלע מניעות. וואס אין קאנטראסט צו מיין אמאליגער פארדרייטער סדר היום איז דאס הימל און ערד.

איך האב געזען נאך א סאך גרויסע שינויים, און אפילו ווען עס האט נישט געקלאפט אינגאנצן האב איך ב"ה געהאט די פראדוקטיוו מעטאדן ווי אזוי זיך צו האלטן רואיג אויך אין אזעלכע מצבים. פון דעם זע איך אז א מענטש קען זיך טוישן אפילו מען האט שוועריקייטן אין סדר היום וכדומה, דאך קען מען זיך שטארקן. וועגן דעם זאג איך פאר אלעמען, אפילו ווער עס האט אנדערע פראבלעמען זאל ארייננקומען דא, ב"ה מען קען ווערן געהאלפן מיט אלע ענינים, און איך וויל מיר פערזענליך באדאנקן פאר ר' יעקב יצחק און אלע חברים וואס האבן מיר צוגעהאלפן.

אדרבה; סיי ווער עס וויל קען מיר רופן פריוואט.

הצלחה פאר אלעמען!




"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטרענספערט צו זיין
עקסטענשאן נומער"

יא! בעז"ה קענט איר
דאס אויך באווייזן!

רופט אין אפיס אויף
845.232.1079

אבער דא זעט ער אז עס קומען נארמאלע פארשטענדליכע מענטשן, פילט ער זיך אין פלאץ, און ער טוט ארויסגעבן זיינע שוועריגקייטן וואס ער האט – און וואס אלע האבן – איי, מ'פאלט אריין אפשר און אנדערע פראבלעם, אויב אלע האבן עס, דאן וואס איז דען דער פראבלעם? צרת רבים חצי נחמה, נישט אזוי? אבער א קלוגער מענטש טראכט אז אנשטאט 'צרת' רבים, לאמיר גיין מיט'ן רבים און טרעפן א לעזונג, און ארויסקריכן פון דעם באקס, פון דער לאגע, וואס דאן האט ער ערזעצט דעם 'צרת' רבים חצי נחמה, צו א 'נחמת' רבים, הצלה בכפלים, און נישט בלויז ערזעצט, נאר ס'איז מדה טובה מרובה, ווען דו קומסט צוזאמען מיט א גאנצן עולם ארבעטן ארויסצוקריכן פון די שוועריגקייטן גייט עס סאך בעסער, יעדער פארשטייט אז פון פראבלעמען קריכט מען ארויס אסאך בעסער ווען מען האט די הילף פון אנדערע.

יעצט טייערער צוהערער, דא אין קלאס, וויבאלד מיר האבן דא אזא חשוב'ע געזעלשאפט, איז נישט נאר אז איך קום דא און איך מאך דא די גאנצע זאך אליין, איך האב דא נאך צוויי מנינים מיטארבעטער וואס העלפן מיט צו דער זאך, פארשטייט זיך מען דארף זיי זאגן וואס זיי זאלן טון, און דאס איז טאקע מיין ארבעט צו געבן יעדן די ארבעט וואס ער קען דא צוהעלפן און מאכן אז נישט נאר ער זאל ארויסקריכן נאר געבן דעם קוראזש און דעם שטופ פאר יעדן איינעם און אזוי איז עס א א 'נחמת' רבים, יעדער פארדינט.

ווי ערוועגט איז דאס אליין, ארויסקריכן פון א שווערע מצב און בלאקידזש, דיינו. אבער עס גייט נאך אסאך און פיל מער טיפער, די חכמה וואס מען לערנט דא אויס איז, אז לו יהא יעצט וועל איך טאקע ארויסקריכן פון די ביז יעצטיגע מצרים. אבער יש מחר לאחר זמן, מארגן וועט זיך מאכן א נייע מצרים, און וואס וועט מען דעמאלטס טון?

דא איז דא לעזונגען פאר דעם פראבלעם אויך, מען לערנט אויס ווי אזוי מען קריכט ארויס פון מערערע סארטן מצרים'ס, די נעכטיגע און די מארגנדיגע.

איז ווען ווען מען זעט די אייגענע הצלחה נאכ'ן דורכגיין די קלאסן אז מען איז אויסגעשטיגן און אנגעקומען צו זאכן וואס ער האט קיינמאל נישט געקלערט אז ער קען אהין דערגרייכן, ווערט דאן פארווירקליכט א ריכטיגער יציאה ממצרים. און מענטשן זאגן פאר דעם אילו יצאנו ממצרים, אויב נאר פאר דעם אז אונז זעמיר ארויס פון אונזער אייגענע מיצר אונזערע בלאקידזשס, אונזער פארמאכטע באקס וואו אונז זעמיר געווען, דאס אליינס האט זיך געלוינט צו קומען אהער צו די קלאסן.

*די באטייליגטע ביי די קלאסן זאגן:*

## "אילו יצאנו ממצרים דיינו"

### מען שאפט אפ אייגן-פאבריצירטע פראבלעמען

"אילו עשה בהם שפטים, דיינו" בלויז דאס אז מ'מאכט משפטים אויף די אלע פראבלעמען, און מען ווייסט וויאזוי דאס צו באהאנדלען, איז אויך ווערט געווען דאס אהערקומען.

מען טוט משפט'ן דעם מצרים, די אלע ענגשאפטן. און מען ווייסט וויאזוי עס צו באארבעטן. עס גייט נאך פיל מער, עס איז "עשה שפטים באלהיהם" די אלע פראבלעמען זענען צומאל בלויז אייגן פאבריצירטע פראבלעמען וואס דער מענטש האט זיך אליינס באשאפן, און ווען מ'אנולירט זיי, דאן איז פולקאם מקיום געווארן עשה שפטים באלהיהם,

די זאכן האבן זיי נישט ממש אויטענטיש באשאפן, נאר זיי האבן דאס כלומר'שט באשאפן, ער רעדט זיך איין אז דער פראבלעם איז געשען וועגן יענעם, דער האט מיך געטון עפעס, און יענער האט מיך געטון דאס און יענץ, און וועגן דעם איז געשען די צרה און יענע פראבלעם, און אזוי ווערט פארברעצירט די גאנצע פראבלעם דורך אים אליין, אלקים עשה את האדם ישר, והם בקשו... אבער אז מ'צונעמט דאס און מ'שטעלט אוועק די מהלך המחשבה ריכטיג, פאלט דאס אלעס אוועק, און דערנאך זאגט מען אויף דעם אליין דיינו.

*די באטייליגטע ביי די קלאסן זאגן:*

## "אילו עשה בהם שפטים דיינו"

### דער 'הויפט' פראבלעם גייט אוועק

און אויב ס'איז נישט גענוג, דאנקט מען דעם אויבערשטן אז "הרג את בכוריהם" מען איז פטור פון די אלע זאכן וואס איז ארויסגעקומען פון די צרה, ס'פאנגט זיך אן איינמאל א מיצר, ער איז דער בכור פון די נאכפאלגנדיגע שווערע קאנסעקווענצן און קייט פון מצרים. איין מצרים ברענגט נאך פראבלעמען, אלעס איז ארויסגעקומען פון דעם ערשטן.

קומט מען דא אין קלאס און איינמאל פאר אלעמאל נעמט מען אפיר אלע נאכווייען וואס די פראבלעמען האבן מיטגעברענגט און מ'האט זיך אליינס נישט געכאפט, יא זיי זאגען אלע פאר די קלאסן "איך האב נישט קיין שום פראבלעם", אבער נאכן געוואויר ווערן וואס מ'האט יא, און מ'קריכט ארויס דערפון און די זעלבע צייט, און די אלע ארומיגע שוועריקייטן ווערן באזייטיגט, זאגן זיי אויף דעם אליין א 'דיינו' די אלע פראבלעמען זענען אומגערישט גענצליך פארשווינדן, דורך דעם וואס מ'האט מסדר געווען די יסודות'דיגע זאכן אינעם נפש, וואס דארט איז די 'שורש' פון די פארשידענארטיגע נאכווייען.

*די באטייליגטע ביי די קלאסן זאגן:*

## "אילו הרג את בכוריהם דיינו"

*די באטייליגטע ביי די קלאסן זאגן:*

## "אילו נתן לנו את ממונם דיינו"

### מ'ברעכט דורך די קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף שוועריקייטן

און צוגאב צו די אלע בענעפיטן, זאגן די קלאס מעמבערס "אילו קרע לנו את הים", נאר פאר דעם אליין וואס דער אויבערשטער האט געשפאלטן די ים פאר אונז, אז אונז מיר זאלן קענען ריכטיג דורכגיין דעם ים דעם "קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף" איז דיינו. מענטשן מיינען אז קשה זיווגו של אדם איז נאר ביים הייראטן, און איינמאל מען האט שוין דאס דורכגעבראכן, דאן איז שוין ביים אים ערפילט געווארן דעם קשה זיווגו של אדם, און דאס איז א פארגאנגענהייט.

אבער אז הקב"ה יושב ומזווג זיווגים און איז עוסק בזיווגו של אדם, דאס איז ווייל א זיווג איז נישט בלויז איינמאל, דאס איז מושב יחידים ביתה, יעדן טאג קען זיך מאכן נייע שוועריקייטן און עס מאכט זיך נייע שוועריקייטן, אבער אויב מען האט די מהלך ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן וואס געשעט? מען קען עס סעטלען, און ווען אימער ס'האט זיך געמאכט א נייע פראבלעם, קען מען דורך די מעטאדן פון די קלאסן דורך קליינליכע פעולות עס סעטלען, עס נעמט פינף מינוט, צען מינוט, און די זאך איז ב"ה געסעטלט. און דער יסוד פון דעם איז "קאמיוניקאציע" וואס דאס איז און צוגאב וואס מען לערנט דא "קאנפידענץ" און "רואיגקייט" און אויך "מאטיוועישן" און אלע פיר זאכן דארף מען זיך פאר דעם אליין לערנען, וואו מען שמועס אויס אין קלאסן און דאן קען מען גרינג סעטלען אסאך היים שוועריקייטן.

בס"ד

5

עפּעֶנטליכע
עדות

פראדאקטיוו קורס

# דער עולם ביי מסיבות, די קינדער ביי א שבת סעודה געניסן פון שיינע מגידות!

מיין נאמען איז...  איך בין געקומען דא צו די קלאסן זיך צו פארבעסערן קאמיוניקאציע צווישן מענטשן, און צוליב קאנפידענץ וואס פעלט אויס צו דורכקומען מיט מענטשן, און איך האף בעזרת השם צו נוצן די טולס וואס מען האט געלערנט אין קלאס זיך אויפצובויען אין די צוויי ענינים.

איך האב שוין געזען הצלחה דא אין קלאס אין אסאך זאכן, אבער גאר שטארק אין דעם ספעציפישן הינזיכט, נארמאל איידער מען איז געגאנגען צו די קלאסן, וואלט איך געווען דערשראקן נאך צוויי וואכן איידער איך האב מיר געדארפט אויפשטעלן רעדן פאר אזוי סאך מענטשן, דריי טעג פאר דעם, וואלט מען שוין נישט געקענט רעדן צו מיר, אזוי ווייט אז פאר איך בין געקומען צו די קלאסן האב איך געקלערט אז ווען נישט וואס כ'האב שוין געהאט געגעבן דעם דעפאזיט וואלט איך צוריקגעצויגן פון מיין באשלוס צו קומען, ווייל וויאזוי וועל איך קענען אויפטרעטן ביים אינטערדאקשן צו וואו איך בין געגאנגען איידער דער קלאס האט זיך אנגעהויבן, איך בין געווען אינגאנצן דערשראקן, איך בין געווען שטארק מיט דעם באשלוס "איך גיי נישט רעדן, איך גיי מיך נישט דא אויפשטעלן רעדן!".

און וויאזוי איז יעצט? נעכטן פרעגט מיר מיין ב"ב "נו, פארוואס ביסטו נישט אנגעצויגן? וואס גייט פאר?" זי איז געווען געווענליך צוגעוואוינט, אז פאר איך דארף מיך אויפשטעלן רעדן בין איך אנגעצויגן. און דער תירוץ איז אז מען נוצט די טולס.

און נאך א זאך וואס איך קען זאגן אז ס'איז א מורא'דיגע דערהער, ס'איז נאכנישט געשען, אבער לויט די זאכן וואס מען לערנט דא אויס קען שוין פאראויס זען און פעסטשטעלן אז ס'גייט געשען. איך האב א שיעור מיט מיין טאטן יעדער נאכט, איך לערן דעם שיעור פון תורתך שעשועי, מען גייט יעצט ענדיגן מסכת עירובין, דעם שיעור מיט מיין טאטן האט זיך געגרינדעט נאך פאר איך בין געקומען צו די קלאסן, נו, וואספארא פנים ס'האט געטראגן איז אומוויכטיג צו ערקלערן, ס'האט געפאנפעט דא דארטן, בקוצר אמרים, דער שיעור איז געווען "שיעורים שבורים" "אי"ה נעקסטע וואך גייט מען אנפאנגען מס' פסחים, און איך זע שוין יעצט ווי איך שטיי שוין ביים סיום, איך מאך דעם סיום פון מס' פסחים, און איך האלט א שיינע דרשה דעמאלטס, און איך זאג א שיינע פלפול אויף פסחים און ס'איז א גרויסע הנאה פאר מיר און פאר מיין טאטע.

איי, פרעגן מענטשן "נו וואס איז, וועל איך נישט זיין קיין בעל דרשן וועט מען מיר נישט אויפנעמען אלס נאום הכבוד ביי בוני עולם, וועל איך נישט זיין דער בעל דרשן ביי מיינע שוואגער'ס שמחות?!" דער תירוץ איז אז דאס איז אלעס פיין און וואויל ביז עס קומט אבער ווען מ'מאכט אן אייגענע שמחה, דארט וועסטו דיך יא וועלן אויפשטעלן רעדן? וועסטו דיך דארט יא וועלן ארויסגעבן די געפילן? דעריבער אנשטאט זאלסט מאכן די דרשה אלס מיטל צו שטערן דיין שמחה, זאל די דרשה מאכן דיין שמחה.

ווידער א ביישפיל איז דער שבת טיש, ביי דער שבת טיש דארף מען נישט קענען זיין א בעל דרשן פאר די קינדער? געוויס יא, און דאס האב איך מיר אויך גאר שטארק דערלערנט ביי די שיעורים וויאזוי צו פירן א שיינע הערליכע סעודה מיט די קינדער ב"ה.

הצלחה רבה!

קלאס מעמבערס
טרעטן אויף ברבים
ביים אינטראדאקשן
פונעם קורס
און שילדערן די רושם
וואס די קורס
האט אויף זיי
משפיע געווען:
ליינט און האט
הנאה!

אויפטריט פון האברך..
עקסטענשאן:
- #761 -

"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטערנספערד צו זיין
עקסטענשאן נומער"

יא! בעז"ה קענט איר
דאס אויך באווייזן!

רופט אין אפיס אויף
845.232.1079

### מ'טרעפט גרינג א שיינע פרנסה ב"ה

חז"ל זענען כולל אויף פרנסתו של אדם אלס קשה כקריעת ים סוף, און אויף דעם זאגט מען "אילו קרע לנו את הים דיינו" אז מענטשן האבן געטראפן וועגן ווי אזוי צו טרעפן בעסערע פרנסות, דאס איז אומבאצאלבאר.

עס דערציילט מיר א איד וואס ער האט נישט געהאט קיין פרנסה א יאר און א האלב, און נאכ'ן קלאס איז ער געווארן א ריעל עסטעיט בראקער, ער פארקויפט דירות אין מאנסי, און אויף יעדע דירה וואס ער האט פארקויפט האט ער געמאכט דריי מאל די ווערט וואס וואס ער האט געצאלט צו קומען צו די קלאסן, דאס איז מינימום די וויניגסטע, מאקסימום לייזט ער אסאך סאך מער ב"ה.

*די באטייליגטע ביי די קלאסן זאגן:*

## "אילו קרע לנו את הים דיינו"

### פון די טיפענישן פונעם פראבלעם זעט מען אז אלעס איז גוט

אילו העבירנו בתוכו בחרבה, אמאל איז דא אן אומבע'טעמ'טע סיטואציע, לאמיר זאגן ווען מ'האט א זיווג, מ'האט שלום בית, אבער זייער נישט צום הארצן, ער קוקט עס אן ווי א דורכפאל פון א זאך, ס'איז זייער נישט בא'טעמ'ט, ס'איז נישט געשמאק, איך האב עס נישט ליב, נאר וואס דען? איך האב נישט קיין ברירה, איך וועל מיך נישט גט'ן, בלייבט מען לעבן א טריקענע לעבן, אבער דא ווערט מען געוואויר אז "והעבירנו בתוכ"ו בחרבה", מען ארבעט אויף זיך, און מ'באקומט וועגן ווי אזוי צו מאכן ס'זאל זיין געשמאק די שטוב, און אפילו ווען מ'קוקט אן די זאך נישט גוט, ווערט עס בתוכיות גוט, והכל על מקומו יבוא בשלום מתוך אהבה ואחוה שלום ורעות.

*די באטייליגטע ביי די קלאסן זאגן:*

## "אילו העבירנו בתוכו בחרבה דיינו"

### מען טרעפט אלע סארטן הנאות לויט'ן אייגענעם געשמאק

אילו נתן לנו את המן דיינו, יעצט קומט אויף דער רייע צו בארירן א נייע געפינס, א נייע מהלך, א נייע בחינה אין לעבן ווי אזוי ס'ארבעט ווען מען גייט אדורך דעם קלאס, מען פילט אלע טעמים אינעם לעבן לויט דיין מחשבה וואס די קלויבסט אויס, לויט דיין אייגענער מחשבה טוסטו זעלבסט אויספארעמען דעם טעם, דאס איז א ביישפיל וויאזוי ס'איז געווען ביים מן וואס האט צוגעשטעלט אלע טעמים וואס דער מחשבה האט בוחר געווען.

*די באטייליגטע ביי די קלאסן זאגן:*

## "אילו נתן לנו את המן דיינו"

אילו קרבנו לפני הר סיני, לאמיר אביסל אריינקלערן וואס איז געווען די גרויסע יחוס און מעלה פון קרבנו לפני הר סיני? דארט איז געווען א מורא'דיגע זאך, ס'איז געווען ויחן שם ישראל נגד ההר, ס'איז געווארן דארטן א שלום, אן אחדות, אנשטאט זיך ארומצוקריגן איינער מיט'ן צווייטן, האט איינער זיך פארטראגן מיט'ן צווייטן, דאס אליין איז דיינו, ווייל אם יש שלום יש הכל אם אין שלום אין כלום, און דאס נעמט מען מיט פון די קלאסן, וואו אימער און מיט וועם אימער מען באגעגנט זיך האט מען האט גוטע באציאונגען.

*די באטייליגטע ביי די קלאסן זאגן:*

## "אילו קרבנו לפני הר סיני דיינו"

### מען באקומט ישוב הדעת צו לערנען רואיג און ברציפות

אילו נתן לנו את התורה דיינו, אויב די אידן וואס זענען אדורכגעגאנגען אונזער קלאס האבן דורכדעם געקענט אנהייבן צו לערנען, אנשטאט נאר צען מינוט אין איין צי מאקסימום, צו ביז דריי שעה ברציפות, קען מען זאגן פאר דעם אליין דיינו, און נישט ער זאגט דיינו, "פראדאקטיוו זאגט דיינו" פאר דעם אליין איז גענוג געווען די גאנצע קלאס צו מאכן, צו קענען מאכן אזא טויש מיט א מענטש איז עפעס אומגלויבליך.

אבער לערנען שטעלט זיך נישט אפ ביי לימוד התורה, עס קען באדייטן אלעס, אמאל קען זיין לערנען איינער לערנט זיך א זאך פאר א פאך, אויב זיין קאפ איז נישט רואיג און ער האט נישט די וועג ווי אזוי זיך צו האלטן רואיג, און האבן רכוז און ישוב הדעת פאר א לאנגע ווילע, דעמאלטס קען ער זיך עס נישט דערלערנען, ס'טאנצט אים די נערוון, און ער נעמט דעריבער די אפציע צו גיין דרייוון א קאר סערוויס, ער מוז גיין טון זאכן וואס מען דארף זיך נישט לערנען.

אבער, ווען מאכט מען מער געלט? ווען מען לערנט זיך עפעס, אדער ווען מען טוט א זאך וואס מען דארף זיך נישט לערנען? כולי עלמא מודי, אז א דזשאב וואס איז דא דערינען פונקציעס וואס מען דארף זיך נישט דערויף ספּעציעל לערנען, און זיין דערין פאכמאניש געשולט, איז דא דערויף א סאך קופצים, אלע וואס האבן זיך נישט געהאלטן ביים לערנען זענען רעדי גלייך פאר די דזשאבס, דעריבער צאלט מען דערפאר וויניגער, עס איז דאך דא אנדערע וואס קענען איבערנעמען. משא"כ, זאכן וואס מען האט זיך געדארפט לערנען דאס צו קענען, און די מענטשן וואס זענען רואיג און האבן קאנפידענץ, די דאזיגע דערלערנען זיך דאס אויס, די מענטשן באקומען גוטע פאסטנס, און זענען ב"ה שיין מצליח.

*די באטייליגטע ביי די קלאסן זאגן:*

## "אילו נתן לנו את התורה דיינו"

### מ'פילט גליקליך צו זיין א איד

אילו הכניסנו לארץ ישראל, דאס אז מען פילט א געשמאקע טעם אז מען איז א איד, דאס קען מען אויך פארדאנקען נאכ'ן דורכגיין דא דעם קלאס, הכניסנו לארץ ישראל, מען פילט א גוטע טעם דערמיט, מען גייט און מען שטאלצירט מיט דעם, מען האט הנאה פון דעם. מען איז זוכה צו קדושת ארץ ישראל, ווען מען איז מרגיש די גליקליכקייט צו זיין א טייל פונעם עם הנבחר.

*די באטייליגטע ביי די קלאסן זאגן:*

## "אילו הכניסנו לארץ ישראל דיינו"

די סאמע קלימאקס, און שפיץ פון אלעם איז דאס וואס שיינט די מערסטע ארויס מיט איר גלאנץ און פראכט, דאס איז "אילו בנו לנו בית הבחירה דיינו" דאס איז היינט צוטאג גילטיג לגבי אונזער בית מקדש מעט, ביי זיך אינדערהיים. אויב האט איינער געקלערט אז דאס בלויז מען האט חתונה געהאט, נאר פאר דעם אליין האט מען אויפגעבויטע בית הבחירה, אין זיין הויז איז די בית הבחירה, איז מען געוואויר געווארן נאכ'ן קלאס, וואס עס מיינט א ריכטיגע בית הבחירה מיט אלע איר פארבן, ער ווייסט ווי אזוי

ב"ה

**בעפאר**

# ווערלכע כשרונות האב איך?




**ווי אזוי קען איך אנקומען**
**צו די אלע גוטע געלעגענהייטן?**

א בית הבחירה זעט אויס, וואס מיינט א 'בית' הבחירה, א שיין הויז, און בלויז פאר דעם שרייט מען ארויס פון זיך "דיינו" מען קען אויף דעם אליין זאגן דיינו, און מען דארף עס קלאר ארויסברענגען אז "אילו לא באת אלא לזה!" פון היינט און ווייטער עקזיסטירט נישט אינדערהיים דער זאץ "מען קען נישט!".

*די באטייליגטע ביי די קלאסן זאגן:*

## "אילו בנו לנו את בית הבחירה דיינו"

### וואס נעמען מיר ארויס פונעם היינט נאכטיגן "אינטערדאקשן?"

רבותי! איך וועל מסיים זיין מיט דעם וואס איך נארוואס געזאגט, דאס איז דאס שליסל פון אונזער לעבן, די דערהער, אז "איך קען אלעס עפענען" נישטא אזא זאך "איך קען נישט" יא, איך בין יא ביכולת, און איך קען, דאס איז די שליסל פון לעבן.

מענטשן גייען אוועק פון די אינטערדאקשן פון דא מיט אזא געדאנק, געוואלדיג, איך האב דא יעצט געהערט אז איך קען יא, נו, גיי איך יעצט אלעס קענען און פארטיג. איך האב אויף אים רחמנות און מיטלייד אויף זיין מיספארשטענדעניש, ווייל ער פאנגט אן צו פרובירן נישט וואוסענדיג די ריכטיגע טולס, ער פאנגט אן צו האקן קאפ אין וואנט מיט זיין סלאגאן, אבער, ער ווערט נעבעך צוזעצט, און הערשט באשליסט ער אז ער קען נישט, ס'איז נישט פאר מיר, און נאכדעם זיגלט ער אפ אז די זאך אז ס'איז נישט פאר אים, ווייל ער זעט דאך אז ס'ווירקט נישט.

אבער ווען ער וואלט זיך געלערנט 'ווי אזוי' מען עפנט דאס אויף, און דאן וועט ער עס עפענען, דאן וועט עס נאך אבער גיין, איבער אלע ערווארטונגען, איך געב דאס קארטל, די אינסטרוקציעס, און מיט דעם מאך עס, ברעך אויף וועגט און פארמאכטע בלאקאדזשעס "יעצט וועט עס גיין!"

און דאס איז וואס איך וויל ארויסברענגען, כאטשיג דו ווייסט שוין אז מען קען, דו האסט דאך נארוואס אפילו געהערט אז מ'קען, אבער מען מוז האבן די טולס, עס מיינט נישט אז אן דעם איז מען אויסגעשלאסן, מען קען נישט בשום אופן, עס קען זיין מען קען יא, אבער צו זיין מער פארזיכערט צו קענען, מוז מען האבן "פערפארמענס", פערפארמענס מיינט, נישט הסברים מיט דרשות, נאר פאקטישע צוגרייטונגען, און עין בעין ערקלערונגען באגלייט מיט פראקטיצירונגען. אין אונזער קלאס ווייזן מיר ווי אזוי צו ארבעטן אויף די זאכן, און ממילא עפענען זיך די באריקאדעס, עס עפענען זיך די ווענט.

און אינפאל אז מען וועט עס נישט דורכמאכן גוט, ער וועט עס נישט גענצליך ארויסהאבן, וואס געשעט? איך וועל גאראנטירן אז ער וועט עס איבערמאכן מערערע מאל ביז 10 מאל צי מער, ביז מען וועט עס מאכן גוט, און נאכדעם אז מען קען עס גוט, גייט מען ארויס אינדרויסן און מען מאכט די פרעצעדענטן איבער אנדערע, ארומיגע און געזעלשאפטליכע נאנטע, און מען האט מען ב"ה הצלחה, עס עפענען זיך די באריקאדעס.

רבותי! דא ביי די קלאסן האט מען שוין דורכגעבראכן אזויפיל סארטן שוועריקייטן ביי מענטשן, אזש עס קרויזט אויס דער מחשבה וואס מען קען קלערן "אויך פון מיינע שוועריגקייט רעדט מען דא? אויך פאר דעם דאזיגן שווערן מצב איז דא עפעס א לעזונג? עס קען נישט זיין, איך פלאג מיר שוין מיט דעם צוואנציג יאר, ער וועט עס קיינמאל נישט מאכן, איך בין שוין געווען ביי 20 מענטשן" אין ריכטונג פון די געהערטע טענה, וואס ווערט אפטמאל געהערט וועל איך איבערגעבן א שמועס וואס איך האב געהאט מיט איינעם.

גראדע איז דאס געווען היינט, איך האב גערעדט איבער איינעם וואס האט געהאט א שווערע און קאמפליצירטע פראבלעם, א צעטיילטע מאן און ווייב. און ס'איז מיר אויסגעקומען איך האב געדארפט רעדן צו די פרוי, געוועגליך פרעג איך אלעמאל א שאלה, ביי יעדע קעיס באזונדער, פרעג איך א שאלה פון מיין רב צי איך זאל נעמען די קעיס, איך האב ערהאלטן זיין ערלויבעניש צו טון אין דער קעיס. איך האב גערעדט צו די פרוי, זי האט באהויפטעט אז זי פילט אז זי פארמאגט א געוויסע פראבלעם, און זי פילט אז זי קען נישט צוריקגיין, ווי לאנג דער פראבלעם איז נישט פארראכטן, האב איך איר געזאגט אן עצה וואס זי זאל טון, בלויז איין עצה האב איך איר געזאגט, זאגט זי, ס'איז אזוי אינטערעסאנט, איך בין שוין געווען אכט יאר ביי טעראפי פראפעסיאנאלן, אויף באהאנדלונגען ספעציעל פאר דעם פראבלעם, און קיין איינער האט מיר נישט געגעבן די עצה, און איך זע, און איך פיל יעצט, אז די עצה וועט העלפן די מערסטע ווי אלע עצות וואס איך האב ערהאלטן די לעצטע אכט יאר! האב איך איר געזאגט "יענע אלע טעראפיס זענען געווען באגרינדעט אויף סייקאלאדזשי, און וואס איך האב געגעבן איז טעקניקלי!".

און דאס איז דער פאקט! א איד האט מיר ממש לעצטנס פארציילט אז ער האט געהאט א פראבלעם מיט א קינד, און ער איז קודם געגאנגען צו סייקעלאדזשיקל פארפעסיאנאלן, און ס'האט נישט געארבעט, איך זאג נישט אסאך מאל דארף מען יא האבן סייקעלאדזשיקעל הילף, ס'ווענדט זיך וואס דער פראבלעם איז, אונזערע שוועריקייטן וואס אונזערע סתם מענטשן האבן אין אלגעמיין, דארף נישט קיין סייקעלאדזשיקעל הילף, 90 פראצענט, דארף טעקניקלי ארבעט.

דאס איז אזוי ווי מען לייגט אריין געז און די קאר און ס'פארט, ס'איז נישט סייקעלאדזשיק, ס'איז נישט קיין חכמות, ס'איז נישט קיין סברות, ס'איז א מציאות, א טבע, מען לייגט אריין געז אין די קאר וועט עס פארן, טרעפן אן עצה דאס איז סייקעלאדזשעקלי? ניין, דאס איז א טול, א מהלך וואס דאס האט עס געמאכט, און איינמאל איך לערן דאס אויס ווערט עס א פשטות, קענסט עס אליין מאכן ווען דו ווילסט, אויב וואלט איך עס נישט אויסגעלערנט, וועסט דיך זייער שטארק דארפן פלאגן וועסטו דיך מעגליך איבערייסן און ווערן ח"ו צעפליקט.

דאס איז א ריכטיגע אנטווארט פאר די וואס זארגן זיך אז פאר זייער פראבלעם איז נישטא קיין לעזונג מיט טעקניקלי לעקציעס, ס'איז א פשוט'ער טעות, אויב ווילסטו לעזן פראבלעמען דיינע אדער דיין ארומיגע, לאז נישט אויס איינע פון די בעסטע לעזונגען "פראדאקטיוו", מיט אסאך מאל אויסזיכטן מער ווי ביי די סייקעלאדזשעקליסט, דא איז פאראן לעזונגען פאר כמעט יעדע פראבלעם, ווי אויפגעוויזן אין די פארגאנגענהייט, און מען זעט עס טאג טעגליך.

די אלע מענטשן וואס באנוצן זיך פאר אלגעמיינע פראבלעמען וואס מענטשן האבן, מיט סייקעלאדזשעלי (מיר רעדן נישט יעצט ווען מען מוז טאקע), וויפיל צאלט ער דערפאר? לאמיר זאגן צוועהן טויזנט דאלאר, וויפיל איז דאס ווערד? וויפיל שאנסן איז דא דערפאר? און טאמער די ערשטע צוועהן טויזנט האט מען דערלייגט, די צווייטע מאל וועט מען נאכאמאל פרובירן? ניין.

יעצט לאמיר גיין א טריט ווייטער, אין די מענטשענ'ס לעבן איז דא צענדליגע זאכן וואס זענען ווערד מער ווי צוועהן טויזנט דאלאר, זיך ארומשפילן מיט די ערשטע פאר קינדער, און אויף זיי פראקטיצירן חינוך, וואס דאס איז א רעזולטאט אז זיי זאלן זיין שוואכער ווי די שפעטערע קינדער, ווייל אויף זיי האט מען זיך דאך געלערנט. ליבערשט פראקטיציר עס דא! און לערן זיך נישט אויף די ביינער פון דיינע קינדער, דא וועסטו באקומען די גאר גיטע חינוך מהלכים וואס איז גאר אויספירבאר.

דא איז נישט נאר קלאסן ווי אזוי דו זאלסט זיין מער רואיגער,

## נאכדעם

# נישט צום גלייבן!

### מיט די געוואלדיגע טעקניקס וואס כ'האב געלערנט
### וויאזוי ארויסצוהייבן די אייגענע כשרונות

# האב איך ב"ה דערגרייכט מיין ציל




אינטערסאנט איז געווען אז כ'האב מיר דארט געטראפן מיט
**ביזנעס יונגעלייט, ארבעטס יונגעלייט, כולל יונגעלייט און סעילס לייט, בוקיפערס,**
**בויער'ס, שרייבערס, מוזיקאנטן, דעזיינערס, מגידי שיעור, מלמדים, מחנכים און נאך,**
און זיי האבן אויך ב"ה מצליח געווען צו הייבן נאך העכער זייערע כשרונות.

צו רעדן צו מיר אדער צו מיינע קלאס חבירים,
רופט **'פראדאקטיוו אפיס' 845.232.1079** און איר וועט ווערן געטערענספערט

ס'איז אויך קלאסן ווי אזוי צו קענען בעסער מחנך זיין די קינדער, און נישט בלויז מען זאל גוט מחנך זיין די קינדער, ס'איז אויך אז דו זאלסט קענען האבן א גוטע צוזאמענלעבן מיט דיין ווייב, מיט דיין בני בית, ס'איז נישט נאר א גוטע צוזאמענארבעט מיט די בני בית, עס אפעקטירט אויך צו קענען גוט קאמיוניקירן אין ביזנעס, צי אין כולל, צי דער מלמד אין חדר, גוט קאמיוניקירן מיט די קינדער אין חדר, ס'איז זאכן וואס קלאפט אויס איבעראל.

און יעצט לאמיר מאכן א סך הכל צו זען אויב די 2 טויזנט דאלער איז ווערט צו קומען צו די קלאסן. אז דו וועסט צאמרעכענען, מאכן א קאלקיולעישן, א שיעור אין חינוך, א שיעור אין שלום בית, לעקציע אין ביזנעס, ס'איז א כרכא דכוליה ביה, וואס צאלט זיך אויס נאך ווי.

איבערהויפט איז מען מרוויח פון די קלאסן, וויבאלד דא ווערט מען געוואר וויאזוי זיך אומצוגיין אין אלע מענטשליכע באַרירונגען, אינדערהיים, אין קלאס, אין ארבעט, אין שול, לגבי חינוך וכו' וכו', און לאמיר עס מסביר זיין אין קורצן. וואס געשעט אז מ'גייט צו שיעורי חינוך, און מ'זעט אז ס'ווירקט נישט "וואס גייט פאר? דער בעל דרשן האט דאך געגעבן גוטע עצות, וואס איז געשען? וויאזוי פאסירט דאס?"

ווייל אינ'אמת'ן אריין, ער גייט אהיים פון די שיעורי חינוך מיט נוצבארע עצות און עכטע ווירקזאמע מיטלען, ער ווייסט שוין וואס ער האט צו טון, ער טאר נישט זאגן דאס, ער דארף יא זאגן דאס, שמאל דוחה וימין מקרבת, ער ווייסט שוין אלעס, אבער, וויבאלד אין ביזנעס איז דאס אומאקטועל, אזוי איז אויסגעשטעלט די מצב ביי זיין ביזנעס אז דארטן ארבעט זיך עס נישט אויס און עס גילט נישט די כללים, דאס איז בלויז שטאפל נומער 1 פון די קייט דורכפעלער, אין רעזולטאט פון דעם, קומט ער אהיים גערעגט נערוועז צעבראכן צעקלאפט, ממילא ארבעטן נישט די לעסענס וואס ער האט געלערנט פאר חינוך.

אבער, אויב דו גיבסט אים א גאנצע פעקעדזש, וועט ער זיין סוקסעספול דורכאויס דעם גאנצן טאג, צי ס'איז כולל צי די מלמדים צי אין ביזנעס, מ'קומט אהיים אנדערש, אויפגעליגט און גינסטיג געשטימט, און אלעס איז ב"ה מסודר על צד היותר טוב.

די זעלבע איז ווען מען כאפט אן דעם משל פארקערט, לאמיר זאגן מען וועט לערנען וואס מען טוט אין ביזנעס, אבער וואס געשעט ווען מען וועט קומען אהיים, עס איז גאנץ אנדערע כללים, און עס געשעט וואס געשעט.

איך קען מענטשן וואס זענען געגאנגען צו גרויסע ביזנעס קלאסן, צום סוף האט עס געקראכט, זיצנדיג מיט זיי און אויסשמועסנדיג וואס די זאך איז, וואו איז די לאך? וואס איז דא געשעהן? ביזט דאך זיך געגאנגען לערנען וויאזוי צו מצליח זיין? האב ער מיר געזאגט "איך בין אהיימגעקומען און איך האב געזעהן די שווערע מצב אין שטוב, האב איך געפיהלט אין מיר, פאר דעם דארף איך ארבעטן? פאר דעם דארף איך מיר פלאגן?" נו, וואס איז געשען מארגן? ער האט נישט געארבייט גיהעריג, און אוודאי האט ער נישט מצליח געווען.

די זעלבע איז ווען ער זעט ביי די קינדער ס'פארט נישט, מען איז זיך מתחצף פאר אים, וואספארא גיסטע האט ער צו ארבעטן? ער פארלירט מוט און געפיל צו ארבעטן, און די אלע ביזנעס קלאסן זענען אומנוצבאר געווען פאר אים.

אויב, אבער, ער האט א מהלך אז ווען א קינד איז זיך מתחצף ווייסט ער וויאזוי צו רעדן צו אים, ארבעט זיך אנדערש מארגן, מיט פיל מער חשק און פלייס, ווען ער דערמאנט זיך פון זיין קינד, וואס געשעט? וואס קומט אים ארויף אין געדאנק? אהה! ס'איז מורא'דיג, פאר אזא קינד, לוינט זיך עס, די פלאג צאלט זיך אויס.

דעריבער קומט אויס אז איינס איז געקניפט מיט דער אנדערע. און טאמער דער אויבנדערמאנטער וואס גייט בלויז צו ביזנעס קלאסן, גייט נאכדעם אין ביהמ"ד און ער וויל רעדן מיט זיינע חברים, און זיינע חברים מאכן אים אוועק אדער טרייסלען זיך אפ פון אים, אדער קוקן אים אראפ, אדער ער מיינט אין זיין פאנטאזיע אז זיי קוקן אים אראפ, וואס געשעט? ווערט ווייטער א צאמשטויס אין איינע פון די פלעצער וואו ער פירט זיין פריוואטן לעבן, און אלעס ווערט אים טונקל און אומעטיג.

בסך הכל פון דעם איז, מען דארף האבן אלעס, דערפאר, דא אין די קלאסן, די 45 שעה וואס אונז גיי מיר אדורך צעטיילט אין 10 שיעורים, צוזאמען מיט די 30 שעה אויפ'ן טעלעפאן, גיי מיר אונז די אלע זאכן דורך, אלע יסודות אין יעדן פלאץ, און ס'איז הויפטזעכליך יסודות וואס דו קענסט איבערנוצן אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי אזוי מען נוצט עס דא, און נאכדעם פילט דער מענטש, ער גייט אריין אין אן אנדער וועלט, פארשטייט זיך ס'איז נאך א לאנגע ארבעט צו ענדיגן ארבעטן וואס אונז האמיר געלערנט אין די 45 שעה, עס נעמט ביז מען קען ענדגילטיג קאמפלעט מצליח זיין בעז"ה.

אבער באמת האט דאס נישט קיין עק, א מענטש קען אלס גיין מעלה מעלה, מען קען אלס שטייגן, אבער, "אילו ספק צרכינו במדבר ארבעים שנה דיינו" אויב נאר פאר דעם אז מען האט ארויסגעגעבן דא ארבעט פאר די קומענדיגע 40 'יאר', א דאנק לערנען די 40 'שעה' איז אויך דיינו. ווייל אז מען ווייסט כאטשיג וואס איך האב צו טון איז מען אויסגעשטאט מיט די בעסטע מתנה אין לעבן וואס שייך, ווייל זיין באמת פארטיג איז נישט מעגליך, אויב מען איז פארטיג קען מען גיין פון דער וועלט, ווי לאנג א מענטש איז דא איז ער נאכנישט פארטיג, אונז זעמיר נאכנישט קיין מושלמים, אבער איך ווייס כאטשיג וואס איך האב צו טון, און איך טו, איך האב אנגעהויבן און איך קלאץ נישט, איך שטופ עס נישט אויף קומענדיגער יאר, צוויי יאר ארום אדער ווען מען שוין צו אלט.

מיט דעם בין איך מסיים מיינע ווערטער, אונז וועל מיר זיך אי"ה נאכאמאל זען אין פריידן און הערן גוטע גריסן כסדר, אונז לאז מיר זיך נישט אפ, די מהלכים וואס מען האט זיך געלערנט קען מען נוצן כסדר יעדן טאג כמה פעמים בשעה כמה פעמים במינוט און אזוי קען מען אנקומען אין יעדן ווינקל ווייטער און ווייטער. דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל עס נוצן געזונטערהייט נאך און נאך, און ארויסנעמען די מערסטע דערפון, די מערסטע איז נישטא, די מערסטע איז העכער דעם הימל, און דער אויבערשטער זאל העלפן יעדן איינעם עד ביאת גואל צדק בב"א.

6

# איך ברענג פרנסה מיט חשק און פלייס זינט "פראדאקטיוו" ב"ה




מיין נאמען איז... דוד המלך זאגט "אודך כי עניתני ותהי לי לישועה" מען זאגט עס דאפלט, פארוואס? האב איך געטראכט אפשר אזוי, אודך כי עניתני, דאס ערשטע מאל דאנקט מען פאר'ן אייבערשטן אז ער האט אונז טאקע געפייניגט ער האט אונז געגעבן א שווערע זמן, ותהי לי לישועה, ער האט אונז געהאלפן. דאן קומט נאכאמאל אודך כי עניתני, אצינד מיט א נייעם טייטש, 'עניתנו' מיינט אויך ענטפערן, דער רבוש"ע ענטפערט אונז מיט די צרה, מתוך צרה המציאם פדות ורוחה, טאקע דורך דעם פראבלעם ווערן מיר אסאך שטערקער און אויפגעארבעט. די שוועריקייט האט אונז געהאלפן זיך צו בויען ווייטער.

**איך בין געקומען אהער, ווייל איך האב געפילט אז אין פארשידענע זאכן וואס איך דארף ערלעדיגן אין מיין טאג טעגליכן הלוך ילך, בין איך שטארק צוריקגעצויגן, און דאס האלט מיר באדייטנד צוריק פון אויספירן נויטיגע זאכן. איך האב מיר דא געלערנט אביסל דעם חלק פון התלהבות, ווי אזוי מען טוט זאכן מיט פלייס און אימפעט ובעיקר התלהבות,** ס'איז א שווערע אויפגאבע אין געציילטע מינוטן, אויב ס'איז בכלל מעגליך, אראפצומאלן די זאכן וואס איך האב געפילט ביי מיר אליין וואס האט זיך געטוישט אין א קארגע וואך, אויב וויל איך עס ערקלערן אין אייןווארט וועל איך אזוי זאגן **"זינט איך האב געשאפן די גוטע און ריכטיגע התלהבות האב איך ערלעדיגט אזויפיל זאכן און גאר ווייטגרייכנד אנגעקומען, נישט בלויז מיט קליינליכע ענינים, נאר גאר גראנדיעזע פראיעקטן האב איך זינט דאן דורכגעפירט, סיי לגבי ביזנעס, און סיי לגבי דעם טאג טעגליכן ווירטשאפט ב"ה!".**

אצינד וויל איך פארעפנטליכן עטליכע קלייניקייטן פון זאכן וואס האט זיך געטוישט זינט מיין מיטהאלטן דא די קלאסן, נאכאמאל דאס איז גאר גאר ווייט פון מיינע גרויסע דערגרייכונגען וואס איך וועל דא נישט דערמאנען. איך האב געמאלן פאריגע וואך ווייץ לשם מצות מצוה צום בעפארשטייענדן געהויבענעם יו"ט פסח, געווענליך פלעג איך מאלן דורכשניטליך צוויי דריי מילכלעך, **"פאריגע וואך האב איך געמאלן 15 מילכל מיט איין צי!"** דאס איז פון די זאכן וואס איך וואלט קיינמאל נישט געגלייבט אז איך קען אזאנס מאכן. ווידער א דוגמא, **איך האב היינט געבאקן מצות, געווענליך נאכ'ן מצות באקן פאל איך אריין אין בעט איך קען זיך נישט רירן, היינט בין איך בין אנגעקומען אהער מיט'ן גאנצן פרישקייט נאכ'ן מצות באקן. עפעס אומגלויבליך וואס עס האט מיר פאסירט, אזעלכע דראסטישע ענדערונגען לטובה.**

רבותי! ס'איז נישט נאר בגשמיות, נאר אפילו דער חלק פון לערנען און שטייגן בעבודת ה'. איך האב שוין יארן צוריק דאס געזען, דער יסוד העבודה ברענגט עס אראפ אין תורת האבות, און מען ברענגען עס נאך פון אים, טאקע אויף א פסוק פון דער וואכעדיגער סדרה, ולקח עץ ארז ואזוב, זאגט ער אזוי, ס'איז צוויי זאכן וואס א מענטש דארף האבן, פון איין זייט דארף ער האבן חיזוק, ויגבה לבו בדרכי ה' דאס איז עץ ארז, מצד שני דארף ער פארמאגן שפלות, אזוב, דאס איז לכאורה צוויי זאכן וואס ס'זעט אויס אז ס'שטערט דאס התקשרות, ס'גייט דאך נישט צוזאמען?

נאר דא האט מען אונז פארענטפערט דער סתירה, מען האט אונז אויסגעלערנט אז **דער רבוש"ע האט אונז געגעבן דעם כח און מען דארף עס ארויסברענגען, דער מענטש איז טאקע אן אדם שפל א נידריגער מענטש, אבער דער רבוש"ע געט אים די כוחות און ער האט א חיוב דאס ארויסצוברענגען און באווייזן.** און פאר דעם מוז מען באקומען די כח און חיזוק מען זאל עס קענען ארויסברענגען. ביי מיר איז דאס דורך התלהבות וואס איך האב מיר דא אויסגעלערנט. איך זאג ענק רבותי, אז מען טוט זאכן מיט התלהבות, העלפט דער רבוש"ע אז מען זאל קענען אנקומען צו דעם תכלית השלימות צו וואס מען איז אראפגעקומען אויף דעם עולם, און השי"ת זאל העלפן אז מען זאל שוין זוכה זיין צו ומלאה הארץ דעה את ה', בבנין המקווה בב"א.

**ישר כח מדריך!**

**"צו רעדן מיט דעם קלאס מעמבער רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס און פארלאנגט צו ווערן געטערענספערט צו זיין עקסטענשאן נומער"**

יא! בעז"ה קענט איך דאס אויך באווייזן!
רופט אין אפיס אויף
845.232.1079




דרשה אצל סיום/אינטראדאקשען של אחד מה'פראדאקטיוו' קלאסן:

ע"י הר"ר **יעקב יצחק שטיינמעטץ** שליט"א
מדריך 'פראדאקטיוו-קורס'

### אריינפיר צום אינטערדאקשן:

### מ'גייט שוין אן יארן לאנג מיט'ן זעלבן סיסטעם, פארוואס טוישן?

די לעצטע פאר וואכן זענען אידן דא דורכגעגאנגען א קורס, דורכגעגאנגען א לימוד וואס מען האט זיך געלערנט וויאזוי מען ארבעט זיך ארויף, און דאס איז נאכדעם וואס מען גייט שוין אן יארן לאנג אויף א מהלך וויאזוי מען האט עס אויסגעשטעלט פאר יארן צוריק. נו צו וואס האט זיך אויסגעפעלט די פראדאקטיוו קלאסן, עס גייט שוין אן יארן לאנג מיט'ן זעלבן סיסטעם, פארוואס טוישן?

די סדר העולם איז, אז ווען איינער האט א פעקטארי וואס ראנט, נו אז ס'ראנט איז דאך גוט, אז ס'פארט גוט לאז עס פארן ווייטער. אבער ס'מאכט זיך אמאל א צייט ווען ס'געט זיך א צינד אן א רויטע לעמפל, ערגעץ קראכט די באנק, ערגעץ קומט שוין צוריק טשעקס, ס'איז דא לעכער, אן ארבעטער גייט אוועק, די קליענטן זענען נישט צופרידן, קאסטומערס גייען אוועק, דעמאלטס פאנגט זיך אן אנצוצינדן די רויטע לעמפל וואס דייט אן אז עפעס טויג נישט דא.

וואס איז עפעס פלוצים יעצט געשען? די ביזנעס גייט דאך שוין אן אזוי לאנג וואס גייט דא פאר? וואס איז געווען פיר יאר צוריק? וואס איז געווען דריי יאר צוריק אלעס האט דאך געקלאפט ווי א שווייצער זייגער! אבער דער אמת איז, דאס וואס געניטע און מסודר'דיגע ביזנעס אייגנטימער האלטן אלץ פאר די אויגן, אויב ווילסטו די ביזנעס זאל שטייגן און נישט פאלן, דאן מוז מען עס כסדר אפגרעידן, אויב נישט האסטו נישט קיין ביזנעס, אזוי איז די סדר העולם טאמער טוט מען אפגרעידן א ביזנעס, האסטו א פעקטארי, האסטו א קאמפאני, דאקעגן אויב טוסטו עס נישט אפגרעיטן, קוקסט נישט אריין וואס דו קענסט מאכן בעסער, ווערט עס ערגער! טראצדעם וואס מ'האט גארנישט געטון ס'זאלליידן פון דורכפעלער. די אומאיבערזיכט אינעם ביזנעס, דאס איז שוין דער גרעסטער שאדן פאר דעם.

דאס איז א כלל איבעראל, ביי יעדע געשעפט, ביי יעדע זאך וואס גייט אן אויף דער וועלט, אויב טוסט עס נישט מענטעינען גייט עס בארג אראפ, מעינטענענס לייגט מען אריין אין אלע דירות, איבעראל מוז מען אריינלייגן מעינטענענטס, ביי א קאר, לייגסט נישט אריין קיין מעינטענענס וועט עס נישט בלייבן אזוי גוט ווי ס'איז געווען, פלוצלינג האט זיך צובראכן די מאטאר, וויאזוי איז עס געשען? וואס איז געווען ביז היינט? אבער אויב מען לייגט אריין די ריכטיגע מעינטענענס קומען נישט אן פלוצלינג די אלע שאדנס, ס'ראנט בעסער, ס'פארט בעסער, ס'האלט זיך לענגער לאורך ימים ושנים טובים.

איז יעצט לענינינו, לגבי די ביזנעס פון א מענטש איז די זעלבע זאך, עס קען זיין אז ער פארט פיין אינדערהיים, עס קען זיין ער פארט פיין אין ביזנעס, עס קען זיין ער פארט פיין צווישן זיינע חברים, אויב לייגט ער נישט קיין מעינטענענטס אז עס זאל גיין בעסער ווי ס'פארט אין אלגעמיין, אז ס'זאל גיין אויפ'ן וועג ארויף, קען ער זיך איין טאג דערזען ווי ס'קראכט!

בעת וואס אונז שמועסן דא, קענען זיך געפונען דא גאר פון די מענטשן ביי וועם זאכן האבן שוין ליידער געקראכט, און געליטן שווערע פארלוסטן, און זיי ווילן זען וויאזוי צו פאררעכטן און אכט געבן אז אזעלכע זאכן זאל מער נישט פארקומען, אבער עס איז אויך דא יעצט מענטשן וואס זיי האלטן אינמיטן דאס לעבן וואו אלעס פארט פיין, און זיי זעען זיך נאכנישט אז ס'איז דא ערגעץ ווי ס'קראכט, אין אזא פאל פילט ער "וואס דארף איך מענטעינען די ביזנעס, וואס דארף איך אפגרעיטן די געשעפטן? ס'גוט, ס'פארט, ס'האט א סיסטעם" אבער אינטערעסאנט איז אז ס'גייט דורך א שטיק צייט און ס'געט יא עפעס א קראך, נאך א קליינער תקופה פירט ער זיך אריבער פון א געפיל "א שאד זיך צו פארבעסערן ווען ס'פעלט גארנישט" צו א נייעם געפיל און גיסטע "איך קען עס שוין נישט פאררעכטן".

פאר די צוויי מענטשן איז זייער געאייגנט די פראדאקטיוו

# פריינטליך געשמועסט דורכאויס דער היטש-רייזע אדאנק "פראדאקטיוו"

מיין נאמען איז... איך בין געקומען דא צוליב עטליכע סיבות, **איינס פון די זאכן איז כדי זיך צו פארבעסערן אין די ענינים פון זיין מעורב בין הבריות,** דאס איז בעצם א מצות עשה פון "ואהבת לרעך כמוך" יעדער ווייסט אז לגבי משלוח מנות איז דא א באקאנטע מנות הלוי וואס זאגט אז ס'איז א ענין פון להרבות ריעות, איז איינער פון די ענינים וואס מען האט זיך דא געלערנט, און דאס מיינט מען טאקע הלכה למעשה, איז חיזוק אינעם ענין פון להרבות רעות, ואהבת לרעך כמוך. און אין ליכט פון דעם דעם קען מען טון א סאך מער מצוות, און ס'טוישט דעם גאנצן מהלך אין לעבן.

איך וועל געבן א קליינע דוגמא, למשל די וואך האב איך געדארפט פארן פון וויליאמסבורג קיין בארא פארק, ביז יעצט פלעג איך על פי רוב טראכטן, וואס? גיין נעמען א היטש? אמאל דארף מען ווארטן און אנטרעפן מענטשן, איך ווייס נישט, ס'וועט זיין אומאנגענעם, ב"ה מען ערלויבט זיך מ'נעמט א קאר סערוויס, און מען שפארט נאך צייט אויך.

די וואך נאכדעם וואס איך בין דורך דא די קלאסן, האב איך שוין אנדערש געהאנדלט, קודם בין איך; געגאנגען צום היטש-פלאץ און **מתפלל געווען צום רבוש"ע אז איך זאל תיכף טרעפן א היטש,** אינאיינוועגס האב איך מיר איינגע'חזר'ט אז אפילו איך וועל יא ברויכן ווארטן, וועט עס זיין א **געלעגנהייט צו חזר'ן אמונה,** אז דער אויבערשטער שיקט דיר א קאר פונקט ווען דו דארפסט, קיין איין מינוט שפעטער. ב"ה, גלייך ווען איך בין אנגעקומען האט שוין א קאר געווארט אויף מיר, און גאר צוגעווארט איך זאל קומען. נאכדעם וואס איך זעץ מיך אריין אינעם הכנסת אורחים אויטא מערק איך אז נאך א איד זיצט נעבן מיר אין הינטערשטן זיץ, קודם איז געווען שטיל כרגיל, איך האב געפילט עפעס אומבאקוועם, נאכדעם איז אריינגעקומען נאך א איד, ער קוקט אויף מיר, איך אויף אים, מ'קוקט אוועק, הקיצור ס'האט נישט געטויגט.

**פלוצים האב איך געבראכן דעם שטילשטאנד אין קאר מיט'ן געבן א הילכיגן אויסרוף אין ריכטונג פונעם דרייווער** און אינפארמירט מיין נאמען.. בקיצור ער קען מיין משפחה, קען זיין משפחה. **איבריג צו זאגן ס'האט זיך פארמירט א שיינער שמועס דורכאויס דער געשמאקע אומשטילבארע רייזע.**

און דאס איז מיט'ן אויבערשטנס הילף א שטארקע תועלת, אז דריי אידן זענען געזיצן צוזאמען און מען איז נישט געזיצן אנגעצויגן בליקנדיג יעדע ווילע אויפ'ן זייגער ווען קומט מען שוין אן, ווען ענדיגט זיך שוין די אנגעשטרענגטקייט, אפילו ס'גייט א טעיפ, וואלט יעדער געפילט אז נישט דאס איז די וועג ווי עס באלאנגט, איז דאס אליין א געוואלדיגע תועלת.

**נאך א מצוה אין וואס מען ווערט דורך די קלאסן שטערקער אין דעם, און איך האב געזען דערינען א גרויסע תועלת, דאס איז לגבי כיבוד אב ואם.** מיינע עלטערן, ביז די 120, וואוינען אין מאנסי, און די סדר איז אז מען איז יוצא אזוי מיט'ן טעלעפאן, וויפיל מען קען נישט פערזענליך, ביז יעצט האב איך שטענדיג געשפירט אז מען טוט נישט ריכטיג די מצוה, מען רופט זאגן גוט שבת, מען רופט אמאל ווען ס'איז א וויכטיגע זאך וכדומה, אבער דא איז מען דורכאויס די קלאסן דערלערנט געווארן ווי אזוי מען קען **ריכטיג מקיים זיין מצות כיבוד אב ואם, אז זיי זאלן הנאה האבן און געניסן פון זייער נחת.** און נישט נאר די עלטערן האבן ריוח, נאר אונז זעלבסט אויכעט, מען שפירט אינערליך אז מען טוט אויף.

דעריבער זאג איך דא פאר מיר אליין און פאר די אידן וואס זענען געקומען הערן, אז דער אויבערשטער האט באשאפן א מויל כדי מען זאל דאס נוצן, **אידן קוקן ארויס אויף א גוט ווארט, געטס אריין א נחמה'לע אין א אידישע נשמה'לע, דאס קען אויפבויען נפשות ודורות עולם, און דער מענטש אליין גייט דאך ארום מיט א געוואלדיגע ריווח און געפיל פון הנאה.** די אלע אידן וואס דאס קען העלפן און קענען דאס נוצן, באמת יעדער קען עס נוצן, איז אוודאי כדאי אז זיי זאלן זיך משתתף זיין, און **דער אויבערשטער זאל העלפן אונז אלע זאלן מצליח זיין און גיין מעלה מעלה.**


"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטערנספערד צו זיין
עקסטענשאן נומער"






יא! בעז"ה קענט איר
דאס אויך באווייזן!
רופט אין אפיס אויף
845.232.1079

קלאסן, וואס אן דעם, פאר זיך אליין קענען די צוויי מענטשן גארנישט אויפטון פאר זיך, סיי די צופרידענע מענטשן און סיי די צובראכענע מענטשן, די צופרידענע מענטשן זיי האלטן דאך אז אלעס איז זיי גוט זיי קענען מער גארנישט מער אויפטון, טא וואס האב איך צו קומען, ומצד שני די צובראכענע מענטשן וואס זיי האלטן אז מען קען שוין נישט, ס'איז שוין דערנאך, קען איך דאך שוין אהער קומען.

דערפאר גייען אונזערע צוקונפטיגע שיעורים, ביים קומענדיגן קלאס, זיין געווענדן פאר ביידע סארטן מענטשן, וואס לפי האמת געפונען זיי זיך יא דא דאס ארט, און זיי קענען פיל אויפטאן, סיי דער ערשטער אז ער זאל נישט ווערן אזויווי דעם צווייטן ח"ו, און סיי לגבי ווער ס'איז שוין געקראכט, וועלן מיר אי"ה ארבעטן ער זאל זיך דערהייבן למעלה מן המשוער בעז"ה.

וויאזוי וועלן די שיעורים סערווירן ביידע סארטן? דאס איז ווי פאלגנד: פאר די מענטשן וואס זענען צופרידן, לאמיר זען וואס מען קען מאכן בעסער אז דו זאלסט אויסמיידן דורכפעלער, וויאזוי מען טוט אויסקרויזן אן אנזעץ, און צוגאב צו קענען פיל מער שטייגען וויפיל די שטייגסט אן מעטאדן.

און פאר די מענטשן וואס זענען שוין צובראכן צוליב זאכן וואס זענען נישט געגאנגען ווי געפלאנט, לאמיר זען וואס מען קען טון צו פארענטפערן די אומבא'טעמ'טע סיטואציעס אין וואס מען איז שוין. א סאך מאל קען איינער שוין זיין דערינען פאר יארן, ס'גלייבט אים שוין נישט אז ער קען דא מאכן א טויש, קען איך דאס נאך טוישן? ס'קען נישט זיין! ער האט שוין פרובירט אלעס אין די וועלט, ער האט שוין אנגעוואנדן אלע מעגליכקייטן און מיטלען וואס ער האט נאר געטראכט, אלע עצות וואס איינער האט אים געזאגט, איז דען נאך דא פאר מיר עפעס תכלית?"

## אמונה אז מ'קען אלעס טוישן

"יא" מ'קען! און דאס זאגן עדות די אידן וואס גייען דורך דעם קלאס, אין ליכט פון דעם זאגן זיי "האדרת והאמונה לחי עולמים" אז אונז האמיר באקומען א שטארקער גלייבונג אז מען קען טוישן יעדע זאך אלעס קען מען טוישן, ס'איז דא א וועג וויאזוי מען טוישט א זאך און מען טוישט עס און אז מען זעט אז מען האט געטוישט איין זאך קען מען טוישן נאך א זאך.

איך ווייס ס'נעמט צייט, ס'נעמט נישט נאר איין חודש צו טוישן אלע זאכן וואס מען האט אין די לעבן זיך צו בעסערן און אפגערעדן, איין חודש איז גאר ווינציג פאר ערנסטע רעזולטאטן בפועל, אבער גאר גאר אסאך טוישינגען געשען אין די איין חודש, און פאר'ן עתיד, ווערט מען שוין קלאר מיט זיך, אז מען קען מיך טוישן ביי זאכן וואס איך וויל זיך טוישן. און נישט נאר אז מען קען זיך טוישן, נאר מען ווייסט וויאזוי זיך צו טוישן, נאכדעם וואס מ'האט שוין געזעהן וויאזוי מען קען נעמען א זאך וואס האט מיר אויסגעזען אז אויב ס'וועט געשען א נס וועט זיך עס טוישן, און מיט מעטאדן ווערט עס געטוישט עפעס אומגלויבליך, וויסט מען שוין וויאזוי עס צו טון ווייטער.

הייסט דא מאכט מען נסים? לאמיר אביסל זען מער גרינטליך, וואס מיינט א נס? א נס באדייט איך האב נישט קיין אנונג פונקטליך וויאזוי ס'איז געשען, און פלוצלינג איז אזוי געשען, דאס איז א נס, משא"כ ווען ווייסט וויאזוי די זאך קען געשען, דאן איז עס נישט א נס.

הגם ס'קען זיין אז דאס איז אויך א נס, דער אויבערשטער פירט אזוי אריין, אבער וואס איז די חילוק פון א טבע און א נס, א טבע איז דאך אויך א נס, מען זאל זאגן אז איינער לייגט אריין ווייץ אין די ערד און ס'וואקסט ווייץ איז עס נישט קיין נס? וויאזוי קען זיין מען לייגט אריין איין ווייצל אין דער ערד און ס'וואקסט הונדערט, ס'איז דאך זיכער א נס, ס'קען דאך נישט זיין אנדערש, נו צוליב וואס דען הייסט עס טבע? די חילוק פון טבע און נס איז אזוי, טבע איז א זאך וואס "קענסט עס טון נאכאמאל", איך ווייס די זאך שוין אלס אויסגעטראטעטענעם מהלך, אז ווען איך לייג אריין ווייץ אין דער ערד וואקסט ווייץ, דער אויבערשטער האט געמאכט מיליאנען אזעלכע זאכן אין דער וועלט וואס אלסדינג טוט ער, ס'איז ממש א נס, אבער ער טוט עס נאר ווען מען לייגט אריין ווייץ אין דער ערד, ווען דער מענטש טוט זיין טבע חלק וויאזוי דער באשעפער האט אויסגעשטעלט אין דער וועלט. משא"כ א נס איז געוונליך א געשעעניש דורך השי"ת, אן קיין מהלך פונעם מענטש דאס צו פארפולקאמען.

מען מוז זיין קלאר, אז דער טבע איז א נס, נאר די חלק הטבע מוז געשען דורך דעם מענטש וואס השי"ת האט אים מצווה געווען ער זאל טון זיין חלק און דאן וועט השי"ת מאכן עס זאל וואקסן וכדו'.

עס איז געווען אמאל איינער וואס האט זיך אראפגעשטעלט אין 2'טע עוועניו אינעם רוישיגן מאנהעטן וואו טויזנטער אויטאס פארן אדורך, ער שטעלט זיך דארט אראפ און ער הייסט יעדן איינעם בלייבן שטיין, און יעדער איז געבליבן שטיין, נאכדעם הייסט ער יעדן איינעם פארן, יעדער איינער פארט, א גאנצן טאג, ביינאכט בארימט ער זיך פאר זיין חבר "זעסט וואס איך קען, גאנץ מאנהעטן פיר איך, ווען איך הייס שטיין, בלייבט מען שטיין, ווען איך הייס פארן, פארט מען" חכם וואס דו ביסט דו האסט געהייסן שטיין ווען ס'איז געווען אויבן רויט די לייט, דער עולם האט געסטאפט צו די רויט לייט, ווען דו האסט געהייסן פארן איז געווען גרין, האסט געקוקט אויפ'ן לייט דעמאלטס האסטו געהייסן פארן.

רבותי! ווען אונז טו מיר עפעס אויף דער וועלט, אויב האט מען געטון די ריכטיגע שריט, דאן העלפט דער אויבערשטער אז די זאך זאל זיין, די לייט זאל ארבעטן, מען קען ווען מאכן סתם עפעס אויך, עס מוז נישט זיין קאמפליצירט און שווער, אבער דער אויבערשטער וויל נאר מאכן ווען דו טוסט עפעס דערפאר, און ער וויל זאלסט נאכדעם זאגן אז עס מידו של הקב"ה, זאלסט נישט זיין קומען מיט גרויסהאלטעריניש "איך האב עס געטון" זאלסט נאכדעם זאגן אז דאס האט איך נישט געטון, איי אויב אזוי צוליב וואס דארף איך דעמאלטס טון, אז דער אויבערשטער מאכט דיר סיי ווי סיי אלעס, ניין, דו דארפסט אריינשפאצירן אין וואסער אריין, דער אויבערשטער שפאלט דעם ים, אבער גיי אריין, דאס מוזטו יא טאן, מה תצעק אלי.

און דאס וואס איך וויל ארויסברענגען לגבי די "נסים" און אומגלויבליכע טוישונגען וואס אונז מאכן מיר דא אין דעם קלאס בעז"ה, דא ביי אונז אין קלאס גיי מיר אונז מיט דעם מהלך, אנשטאט מענטשן זאלן זיין די גרויסע בעלי בטחון וואס זאגן אז בטחון מיינט דער אויבערשטער וועט אלעס פירן, און צוליב דעם ארבעטן זיי נישט אויף זיך, ניין! אין צייט ווען מען דארף טון תכלית דארפסטו טון, און מ'דארף מער האבן אמונה נאכ'ן טון, נאכ'ן טון ווען די ווילסט זאגן אז 'דו' האסט עס געטון, דעמאלטס קומט אריין אמונה אז 'השי"ת' מאכט אלעס.

און איך וויל דאס בעיקר ארויסברענגען לגבי די מענטשן וואס זאגן, איך קען שוין גארנישט טון, דארטן איז די פארקערטע, דארף מען אריינברענגען אביסעלע בטחון, קענסט נאך יא טון, ס'איז נאך דא וואס צו טון, זיי נישט אזוי אומעטיג, ס'נאכנישט געפארטיגט, ס'האט זיך ערשט יעצט אנגעהויבן, קענסט זיך גאר שיין ארויפארבעטן. און מ'זעהט ממש נסים מלובש אין טבע, און אונז האף מיר ווייטער אריינצוליגן אין די משתתפים אז מ'קען יאר אויפטון, אבער מ'דארף אנפאנגען עפעס צו טון.

און וועגן דעם זאגן מיר אונז...

"האדרת והאמונה לחי עולמים"

**געבענטשטע טוישונגען מיט פארשטאנד**

**פראדאקטיוו קורס • 845.232.1079**

בס"ד

# ווייניגער פחדים און PHOBIAS

# = מער 'פראדאקטיוו'



## קריכט ארויס פון פחדים און פאביעס

און קומט אהן בעז"ה צו א געשמאקע 'פראדאקטיוו' ריאליסטיש לעבן!

ברעכט יעצט אדורך די פחד פון אינוועסטירן אין דורך דורך גיין א קלאס,
**וועט איר פטור ווערן פון אלע אנדערע פחדים**
נ.ב. פאר פחדים און אומרוהיגקייטן איז ספעציעל וויכטיג זיך איינצושרייבן ווי פריער כדי מען זאל האבן גענוג צייט אויסצוהערן די ספעציעלע **'סעשאנס אויפן טעלעפאון'** פאר פחדים, איידער מ'פאנגט אהן די קלאס.

דאס אז מען ווייסט וויאזוי מען מאכט אז מען זאל עס קענען טון נאכאמאל, ס'נישט סתם ס'איז געשען איינמאל א נס, אדער וואו געדרייט א נומער א שלאס צענדליגע אמאל ס'האט זיך געפענט, און ער ווייסט נישט וואס די נומער איז, וואס דאן דארף ער טרייען די זעלבע צו עפענען נאכאמאל און אפשר וועט זיך עס נישט עפענען נאכאמאל, אנדערש ווען מ'ווייסט די נומער קען איך עס טון נאכאמאל, דא ביי פראדאקטיוו ריעז מען די ווארט אז מען דיך אויס וויאזוי אליין צו עפענען די פראבלעם און עס אליין סעטלען, און קען מען די זעלבע זאך טון נאכאמאל ביי די קומענדיגע פראבלעם, סיי פאר מיר און סיי פאר א צווייטן און דריטן, "הבינה והברכה לחי עולמים", אז נישט נאר איך גלייב, נאר אויך איך פארשטיי, איך פארשטיי אז אזוי און אזוי קומט די ברכה, נישט נאר א ברכה וואס איז געקומען נאך א נס, נאר א ברכה וואס ס'איז געקומען מיט א בינה, איך האב פארשטאנען וואס איך טו, און אזוי איז עס געקומען.

**און וועגען דעם זאגן מיר אונז...**

## "הבינה והברכה לחי עולמים"

### די ריכטיגע גאווה אין ריכטיגע צייט

איינע פון די זאכן וואס ברענגען צו ריכטיגע טשעינדזשעס איז ווען מ'ווייסט אז, "הגאוה והגדולה לחי עולמים" און פון דעם נעם איך מיין שטארקייט, אז מען האט די ריכטיגע גאווה אין זיך, מען האט די ריכטיגע שטארקייט אין זיך אז איך קען אנקומען צו די זאכן וואס איך דארף אנקומען, און מען האלט זיך פעסט, און דערמיט גייט מען ביז'ן סוף, דעמאלטס דערגרייכט מען און מען קומט אן צו די ענינים וואס מען וויל אנקומען.

**און וועגען דעם זאגן מיר אונז...**

## "הגאוה והגדולה לחי עולמים"

### די דיבור מיט מענטשן איז נארמאל און אפט

פארשידענע סארט זאכן ווילן זיך אלס מענטשן טוישן, זיי ווילן ווען זיי גייען צווישן מענטשן זאל מען קענען עפעס שמועסן מיט זיי, נישט שווייגן און נישט האבן וואס צו רעדן, ער גייט צו איינעם, ער טרעפט זיין חבר ביי א שמחה, ער טרעפט זיין קוזין וואס ער האט אים שוין נישט געזעהן דריי יאר, וואס מאכסטו עפעס ב"ה' וואס איז נייעס 'ב"ה' 'אי"ה' און 'ב"ה' און, דא ענדיגט זיך, ער קען נישט טוישן א ווארט מיט מענטשן געזאגט זייער א שיינע זאך ב"ה, אבער לאמיר עפעס אויך שמועסן וועגן ב"ה, אבער ער טראכט אז ב"ה ס'איז נישטא וואס צו רעדן, אויב ב"ה למעשה זאל מען יא האבן פון וואס צו רעדן? וועט מען אסאך מער קענען בענטשן דעם אויבערשטען. ס'וואלט געווען סאך שענער צו זאגן ב"ה ווען דערנאך פאלגט נאך א געשמאקע און היימליכער שמועס, און דעמאלטס זאגט זיך אנדערש דער ב"ה, ב"ה ס'איז יא דא וואס צו רעדן.

אידן וואס זענען דורכגעגאנגען די קלאסן זאגן "הדיעה והדיבור לחי עולמים" אז מען האט געהאט די שכל הדיבור וואס צו רעדן, לחי עולמים, באדאנקט מען דעם הייליגן באשעפער אז ער געט אונז וואס צו רעדן, אונז האמיר וואס צו רעדן, און וויאזוי צו רעדן.

אידן וואס גייען דורך די קלאסן און זיי פארן אויף א פליגער, דריי שעה, 10 שעה נישט קיין פראבלעם, ס'איז אלעמאל דא וואס צו רעדן, איי איך קען נישט יענע מענטש, אויך נישט קיין פראבלעם, איינס צוויי דריי מען קען אים, מען מאכט זיך באקאנט מיט אים, מען דארף מער נישט זוכן קיין קאמפאני, מען האט קאמפאני 24 שטונדן א טאג, מיט וועם אימער דו גייסט, און מיט וועם דו וואקסט ווערסטו זיין גוטע קאמפאני, און יענער ווערט דיין קאמפאני.

ס'איז דא א סאך מאל וואס אין די עזרת נשים איז געפערליך, ווען מ'האט נישט קיין קאמפאני, אבער אפילו ביי מענער איז אויך היבש אויספעלנד, פילמאל הערט מען דעם "איך קען נישט גיין, איך האב נישט מיט וועמען" וואס הייסט דו האסט נישט מיט וועם, גיי דארט אויפ'ן פלאץ וועסטו האבן מיט וועם צו שמועסן, יענער וועט ווערן דיין בעסטן חבר, גיי אהין, געב עס א קורצע ווילע, פינף מינוט, 10 מינוט, 15 מינוט, ער ווערט דיין פריינט, יארן שפעטער קומט ארויף אין זכרון "פון וואו קען איך דיר נאר, איך געדענק דיך פון ערגעץ?, אה! יא יא יא, דארטן ביי דער חתונה האב איך גערעדט מיט דיר" "ביי דער שבת ביי א קידוש", מען טרעפט עפעס א איד פון בארא פארק, פון וואו קען איך דיר נאר? אה איך האב גערעדט צו דיר אן איינפאכע 15 מינוטיגע שמועס אויפ'ן באס" יא דא אין די קלאסן לערנט מען אויס אביסל נארמאלע קאמיונקאציע מיט א צווייטן, וואס הייבט דעם מענטש עפעס געוואלדיג, ער האט א גוטע קשר מיט מערערע מענטשן.

**און וועגען דעם זאגן מיר אונז...**

## "הדיעה והדיבור לחי עולמים"

### דער דיבור איז מיט א שיינקייט

אז מען שמועסט מיט א מענטש פארשידענע זאכן שמועסט מען געוויס א דבר הלכה, הנפטר מחבירו אל יפטר אלא מתוך דבר הלכה, און ווי אויך פארדינט מען אז מען שמועסט מיט א מענטש געשמאקע זאכן וואס אינטערסירט יענעם, מתוך כך זכרהו געדענקט ער אים, דאן זאגט זיך "ההוד והדר" די שיינקייט וויאזוי די שמועס זעט אויס אז יענע מענטש געדענקט עס נאך שפעטער און ער געדענקט דיר צום גוטן, ערגעץ איז מיר דיין פנים קענטליך, פארוואס געדענקט ער עס? ווייל דו האסט געטון עפעס א שלעכטע זאך? ער געדענקט דיר צום גוטן! ער וויל צו דיר רעדן נאכאמאל, איך וויל נאך שמועסן מיט דיר, ווען עס וועט זיך מאכן נאכאמאל א געלעגנהייט, וואלט איך געוואלט נאך רעדן מיט דיר, פארוואס? ווייל דאס באקאנט מאכן מיט אן אומבאקאנטן, דאס געט א גוטע געפיל פאר דעם מענטש, עס ווערט א געפיל זאך, אז מ'האט ליב צו רעדן צו אים, און ס'מאכט גאר א גוטע שעצונג און שיינקייט אויף דיר.

**און וועגען דעם זאגן מיר אונז...**

## "ההוד וההדר לחי עולמים"

### 'ועד' צייטליכע מענטשן מיט 'מתיקות'

"הועד והותיקות" לחי עולמים, מענטשן פילן אז זיי ווילן טוישן זייער צופאראענע סדר היום, זיי ווילן אנהויבן צו זיין מער צייטליך און מער פונקטליך, איין מינוט, פארוואס ביסטו נישט צייטליך געווען ביז היינט? נאר באמת האט ער שוין אסאך מאל פרובירט, נאר ווען ער האט געוואלט טון דערין, איז עס צוגעגאנגען מיט א פרעשור, איך מוז זיין 9:00 צופרי, און דער פרעשור מאכט אים נערוועז און ס'ווערט אומבא'טעמ'ט דורכצופירן, ממילא איז דאס קומען צייטליך א שטיק דורכגעפאלענע פרואוו, ווערנדיג באגלייט מיט'ן אומאנגענעמען לחץ.

אידן וואס זענען דורכגעגאנגען די קלאסן זאגן "הועד והותיקות לחי עולמים" זיי פילן די 'מתיקות' די זיסקייט פון באשטימען א 'ועד' א צייט, א ועד מיינט אויך צייט, באשטימען א זאך אויפ'ן זייגער, ביי זיי איז דאס זיסער פון אנדערע זיסקייטן, ווייל זיי טוען עס מיט א געשמאק, זיי קרויזן אויס דעם דרוק מיט וואס עס ווערט געוועונליך אויסגעפירט.

און נאכ'ן דאס אויספירן פילן זיי אויך א אומבאשרייבליכע

# אַיֶכָּה?

אויף וועלכן **דרגה** האלט איר אין די פארשידענע ווינקלען פון אייער לעבן?

מדות | כולל | שטוב | ביזנעס | ארבייט

**וואלט איר געוואלט:**

שטייגן אין עבודת המדות?

אנקומען און לערנען מער אין כולל?

בויען נענטערע קשר מיט אייער ב"ב און קינדער?

זיין מער סוקסעספול און פארדינען מער אין די ביזנעס?

פארדינען מער און הנאה האבן פון די ארבייט?

**גאראנטירט בעז"ה!**

איר **קומט אריין אזוי ווי** איר זענט **יעצט;**

און איר קומט ארויס **אויף העכערע דרגות אין אייער לעבן!**

**פון סיי וועלכן מצב אדער מדרגה איר האלט:**

קומט אריין און האלט מיט דעם 'קורס' וואס וועט אייך בעז"ה נעמען אויף די **רייזע וועג ארויף** ארויפברענגענדיג **אייער דרגה** אין די פארשידענע ווינקלען פון אייער לעבן!

דורך די ספעציעלע **כלים און מהלכים** וואס איר וועט בעז"ה לערנען מיט וועלכן א מענטש קען **כסדר פארן העכער און העכער!**



פראדאקטיוו קורס • 845.232.1079

זיסקייט, אז א זאך זאל זיין אין צייט, אנקומען אין צייט, און די מענטשן מיט וועם דו האסט אפגעשמועסט זיך צו טרעפן, קומען אויך אן אין צייט, און מען קען אנהייבן די זאך אין צייט און ענדיגן אין צייט, געט עס א מורא'דיגע גוטע געפיל פאר דעם מענטש, ובפרט ווען ס'איז נישט מיט פרעשור, אז ס'איז א פרעשור וועט עס נישט ארבעטן, אז ס'איז א זיסע זאך וועט עס ארבעטן א מחי', און אז מען לערנט זיך אויס וויאזוי מען זאל זיין צייטליך מיט א געשמאק, פארדינט מען אויך שפעטער ווען עס ווערט דאס קומען אין צייט א געשמאקע זאך.

***און וועגען דעם זאגן מיר אונז...***

## ***"הועד והותיקות לחי עולמים"***

### מ'האט ביי מענטשן א ריינע חן וואס שיינט

מה נאמר ומה נדבר מיטהאלטנדיג צו זען וויאזוי א מענטש קען פילן אויף זיך, איך האב שוין געהאט א פאר מאל אזעלכע קאלס, מענטשן פרעגן, איך פיל אזוי ווי איך זע נישט גוט אויס, ווען איך שער מיר אפ אביסל די פיאות פיל איך "אפשר איז איין פאה צו שטארק געשווירן?" ווען איך מאך אזוי, פיל איך אזוי וכו' וכו', א גאנצע צייט בין איך פארצווייפלט אז איך זע נישט גוט אויס, וואס קען מען טון פאר דעם?

לגבי די קלאסן האב איך גראדע נישט געהאט צופיל גערעדט מיט מענטשן וויאזוי זיי האבן געפילט פאר זיי זענען אהערגעקומען, און וויאזוי זיי זעען אויס נאכדעם לגבי דעם פראבלעם, מה עשה הקבה"ה, איינמאל איז אויסגעקומען די געלעגנהייט וואס איינער האט יא מיטגעטיילט איבער וויאזוי ער האט געהאט די אלע אויסזען דאגות, און נאכ'ן קלאס, זאגאר נאך אינמיטן דעם קלאס, האט ער אנגעהויבן צו פילן אז ער זעט אויס זייער פיין, ער זעט אויס זייער שיין, זייער נארמאל און זייער באַ'טעמ'ט, און איך האב געהאט אן אנטווארט צו ענטפערן פאר די מענטשן "יא, אז מען ארבעט אויף דעם וועג וויאזוי אונז ארבעטן דא, הערט מען אויף צו פילן די שלעכטע פילינג, און מען קען זאגן "הזך והזוהר", די שיינקייט און די קלארקייט און אויסזען גוט איז "לחי עולמים" דאס איז צום אויבערשטן, דער אויבערשטער איז דער וואס לייגט אריין חן אין די מענטשנ'ס פנים, און עס ווערט אויסגעשלאסן צו פארטרייבן דעם אריגינעלן חן פון הקב"ה און זאגן "עה, איך זע נישט גוט אויס" ווייל און רעזולטאט פון די אלע פאלשע דיאגנאזן איבער זיין געזיכט, ווערט טאקע פארדעקט די הדרת פנים.

און נאכמער פון דעם, עס איז גאר מעגליך טאקע נישט גוט אויסצוזען, אין נאכפאלג פון דעם וואס ער פאנגט זיך אן זיך צוריקצוציען, ער ווערט איינגאנצן איבערגעשראקן און אומזיכער פון זיך טרעפן מיט מענטשן, און דורך שוואכע קאמיאניקעישאן פארלירט ער טאקע דעם אמת'ן חן ביי מענטשן, און מענטשן קענען אים נישט דערהייבן, צי ער דערהייבט נישט די מענטשן.

***און וועגען דעם זאגן מיר אונז...***

## ***"הזך והזוהר לחי עולמים"***

### דער חי העולמים געט אונז חוסן צו מאכן חיל, שיין פרנסה

אידן גייען זוכן פרנסה, זיי ווילן טרעפן פרנסה, אנדערע האבן שוין פרנסה, זיי ווילן אבער פרובירן זיך בעסערן אין זיין עקזיסטירנדע דזשאב ווי זיי ארבעטן, זיין מער סוקסעספול, און אסאך פעלער זוכן מענטשן נייע דזשאבס צוליב וואס דער פריערדיגער בעל הבית האט אים ארויסגעווארפן אדער איז ער אליינס ארויס, ווייל ער האט נישט געקענט דערהייבן, און מען פילט זיך זייער פארלוירן און דערדריקנד.

בלי גוזמא, אפאר מנינים אידן זענען דורך אין די קלאסן, און זאגן מיט פרייד בפה מלא "החיל והחוסן לחי עולמים" 'החיל' די פארמעגן וואס איך האב באקומען אז איך האב געקענט טרעפן א פיינע פרנסה, איז אין גענצליכע רעזולטאט וואס דער 'חי העולמים' האט מיר מזמין געווען דעם גלענצנדן געדאנק פון מיטהאלטן די קלאסן וואס האט מיר געברענגט דעם היינטיגן פריידיגן פינאנציעלן צושטאנד, אין ליכט פון א נייע פיינע בכבוד'יגער שטעלע.

איך וועל פארציילן איין עפיזאד, איינע פון אסאך:

ס'איז דא א איד אין מאנסי וואס האט במשך איין און א האלב יאר נישט געהאט קיין דזשאב, ער איז געקומען צו די קלאס, ער האט נישט געטראכט אפילו אז ער קען קומען צו די קלאס דורך דא צו טרעפן א דזשאב, ער האט ס"ה געפלאנט, אז ער וועט זיך דא אויסלערנען אביסל בעסער רעדן צו די קינדער, און ענליכס.

דריי חדשים נאכ'ן קלאס איז ער אריינגעגאנגען אין א פרישע ביזנעס, און וווינטועל געעפנט א ריעל-עסטעיט פירמע, ער פארקויפט דירות אין מאנסי, און איך האב געהערט פון איינעם, אז ער פארקויפט דירות אין מאנסי, מתחילה האב איך געקווענקלט און געקלערט אז געוויס מאכט ער שפאס, איך האב אים אנגעקלאפט פרעגן איבער דער ווארהייט, און אויך צוליב וואס איך האב דאן געזוכט א דירה פאר מיין שוואגער וואס האט בשעתו געזוכט א דירה אין מאנסי, איך האב אים אנגעקלאפט פרעגן וואו ער האט א דירה, און ער האט מיר געגעבן אן אויסוואל פון דריי דירות, האב איך געפרעגט "ווען האסטו פארקויפט די לעצטע דירה?" זאגט ער מיר "פאריגע וואך" פרעג איך אים, אויב איך מעג פרעגן, "וויפיל האסטו געמאכט פון יענער דירה?" זאגט ער מיר "אכט מאל! מער וויפיל איך האב געצאלט פאר די קלאסן!". (דאס איז נאר פון איין דירה, מער האב איך אים שוין נישט געפרעגט איבער אנדערע דירות) האב איך געזען פון דעם אז "החיל והחוסן לחי עולמים" מען גייט דורך דעם קלאס, מען לערנט זיך אויס וויאזוי מען קען מאכן געלט וויאזוי מען קען אויסנוצן דעם כח און 'חוסן' פון השי"ת לעשות 'חיל', איי דער אויבערשטער קען מאכן זאלסט מאכן געלט אן דעם אויך? אבער דעמאלטס דארף מען מאכן א נס, אז איינער וויל זיצן אינדערהיים און ער וויל פרנסה זאל אריינקומען אין שטוב אריין מוז דער אויבערשטער מאכן א נס, ווער זאגט ביסט זוכה צו א נס? אבער אויב דו טוסט צו דער זאך, דו רעדסט נארמאל, דו נוצט מער דיין שפראך, דו לערנסט דיך אויס וויאזוי שפראך ארבעט, דעמאלטס קומט דער אויבערשטער דער חי עולמים און ער געט דיר דעם כח און חוסן וואס ס'איז אלעס זיינס.

***און וועגען דעם זאגן מיר אונז...***

## ***"החיל והחוסן לחי עולמים"***

### מ'האט 'טכס' ער ווייסט וויאזוי צו פירן א סיסטעם

און כדי צו האבן א פיינע פרנסה און צו קענען גוט זיך דורכקומען מיט מענטשן ביים ארבעט, לאמיר זאגן אזא סארט ארבעט וואס איז אים באשערט צו האנדלען אסאך מיט מענטשן, אדער ארויסגעבן באפעלן פאר מענטשן, זיין א מענעדזשער, אדער גאר צו זיין העכער פון א מענעדזשער, דארף מען אבער האבן א כח פון סיסטעמיזעישן, מאכן א סיסטעם, ווער זאל מאכן דאס ווער זאל מאכן דאס, און דאס הייסט 'הטכס', די אידן וואס זענען געקומען פון די קלאס זאגן "הטכס והטוהר לחי עולמים" וואס איז דאס טכס? טכס איז א סיסטעם, די טייטש פון טכס איז אז מען שטעלט אוועק א סיסטעם און ס'זאל פארן, דער זאל גיין דא, דער זאל גיין דארט.

באמת, דער אויבערשטער שטעלט אוועק סיסטעמען, ער

# פראדוקטיוו האט מיר צוגעשיקט צום עמוד, נאך 15 יאר! דאס נישט אנקוקן

8

עפענטליכע עדות

פראדאקטיוו!!! קורס

קלאס מעמבערס
טרעטן אויף ברבים
ביים אינטראדאקטאן
פונעם קורס
און שילדערן די רושם
וואס די קורס
האט אויף זיי
משפיע געווען:
ליינט און האט
הנאה!

אויפטריט פון האברך..
עקסטענשאן:
- #746 -

מיין נאמען איז...

אפרש שיחתי וואס ס'האט מיר אהערגעברענגט, **פאר איך בין געקומען דא האב איך געהאט זייער א גרויסע פראבלעם אין צוגיין צום עמוד דאווענען,** ס'איז געקומען אויך פון שעמעוודיגקייט. אזוי ווייט אז איידער איך בין געקומען דא, האב איך ממש אנגעקוקט דאס צוגיין צום עמוד **ווי א וואנט וואס איז נישט מעגליך דורכצוברעכן,** אזוי האב איך געפילט פאר איך בין געקומען דא, ווי אויך בין איך געווען **זייער א פארשלעפטער מענטש און אומפונקטליך.**

למעשה בין איך געקומען דא, איך האב באקומען די **ריכטיגע טולס,** בעיקר איבער צוויי נויטיגע זאכן וואס דאס איז **"קאמיוניקאציע"** מיט **"התלהבות".** דורך "קאמיוניקאציע" טולס איז **אוועקגעפאלן די שעמעוודיגקייט,** פארוואס? ווייל איך ווייס ווי אזוי צוצוגיין צו מענטשן, און וואס צו רעדן צו מענטשן, איבריג צו זאגן, אז דער נעקסטער שטאפל איז געווען אז איך בין שוין ב"ה צוגעגאנגען **פיר מאל צו מעריב,** איך האב שוין גדאווענט מנחה פאר'ן עמוד, און **אפילו שחרית אויך.** אבער באמת אונטערן באוואוסטזיין שטעקט נישט דער עיקר הצלחה אז מ'קען צוגיין צום עמוד, נאר עס איז ליבערשט א כלליות'דיגע מתנה טובה אז מ'קען רעדן צו מענטשן, און משפיע זיין אויף אנדערע, און נארמאל רעאגירן אין א שמועס מיט וועם אימער.

דאס זעלבע איז לגבי "התלהבות" **אדאנק זיך אויפארבעטן דערין, בין איך איבערגעקומען די טיילן פון פארשלעפטקייט וואס פלעגט מיר צוריקהאלטן פון טון אסאך גוטע און וויכטיגע זאכן.**

דורכ'ן זען רעאליסטישע ענדערונגען נאך די שיעורים בין איך געוויזן געווארן אז אפילו ס'איז דא א וואנט, א שוועריקייט, נעמט מען אין באטראכט נאך א באשטאנדטייל וואס ערשיינט אין א וואנט דאס איז.... א טיר אינדערמיט, און עס איז פארהאן א זאך וואס הייסט שליסלען, א געצייג מיט וואס צו עפענען די טיר, מען דארף פשוט ארײנלייגן די ריכטיגע, דאס שליסל דארף האבן די ריכטיגע קריצן אז ס'זאל ארײנפאסן, די ריכטיגע שליסלען און די ריכטיגע טולס, דאס האב איך מיר דא געלערנט און גענוצט און אויפגעטון געוואלדיגע ענינים בעז"ה.

איידער איך ענדיג וויל איך מיר באציען לגבי דאס צוגיין צום עמוד וואס כ'האב ב"ה דורכגעבראכן, ס'איז נישט אזוי פשוט ווי מ'מיינט, דאס לעצטע מאל וואס איך בין צוגעגאנגען צום עמוד איז געווען ביי די 15 יאר!, היינט בין איך שוין כמעט 30, ד"ה אז **אין א צייט אפשניט פון 15 יאר בין איך צום עמוד נישט צוגעטרעטן, און כהיום יום איז דאס פאר מיר א שוין רגילות,** מען קען משער זיין וואס איך האב דא דערגרייכט?

לעצטע מאל וואס כ'האב גערעדט איז געווען פאריגע זונטאג אין וויליאמסבורג, האב איך געזאגט אז איך זע מיר אין א בילד פון א חודש ארום ווי איך גיי צו צו שחרית און דער עולם האט הנאה, אבער יעצט דארף איך שוין אביסל אפדעיטן דאס בילד, לאמיר גיין שטאפלווייז, ביי דער ערשטער שיעור האב איך געזאגט אז איך זע מיר אין בילד דאווענדיג מעריב פאר'ן עמוד, דערנאך איז געווארן א מנחה, און שחרית (מען האלט שוין נאך שחרית), אצינד טו איך אפדעיטן דאס בילד, אז איך זע מיר א פאר חדשים ארום **אז איך גיי צוגיין צו קבלת שבת, און דער עולם האט הנאה.**

זעה איך פון דעם **א כלל גדול ביי יעדער שוועריקייט,** נישט קיין חילוק ווי גרויס, די וואנט קען זיין דיק, גרויס, און מעכטיג, **אבער עס איז דא א טיר אינדערמיט,** און מיט די **ריכטיגע שליסלעך קען מען עס אייביג עפענען.** דאס זעלבע זאג איך ענק רבותי! דער וואס איז שוין דא געווען נוצט די ריכטיגע שליסלעך צו עפענען די טיר ביי אלע שוועריקייטן, און **דער עולם וואס איז נאכנישט דא געווען, זאל זיך קומען לערנען וויאזוי צו עפענען די טירן פון אלע שוועריקייטן און זיי וועלן עס דורכברעכן בעז"ה.**

הצלחה רבה!

"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטערנספערט צו זיין
עקסטענשאן נומער"

יא! בעז"ה קענט איר
דאס אויך באוויזן!

רופט אין אפיס אויף
845.232.1079

האט געמאכט א הערליכע סיסטעם, די גאנצע וועלט פארט אויף א סיסטעם, און דא ביי די קלאסן קען מען זיך אויסלערנען וויאזוי דער סיסטעם ארבעט, אונז ווער מיר געוואויר אז ס'איז דא א גוטע סיסטעם וואס מען קען נוצן פאר קינדער, א גוטע סיסטעם וואס מען קען נוצן פאר חברים, א גוטע סיסטעם וואס מען קען נוצן פאר מענעדזשער, פאר א בעל הבית, פאר יעדן איינעם איז דא א סיסטעם, אז דו גייסט ארויס פון דעם סיסטעם, קראכט עס, טאמער פארסטו אבער אויפ'ן סיסטעם, פארט עס סאך בעסער און געשמאקער.

**און וועגען דעם זאגן מיר אונז...**

## ״הטכס והטוהר לחי עולמים״

### מ'האט יראה און פחד נאר פאר השי"ת נישט פאר מענטשן

די מענטשן וואס זענען געווען ביי די קלאסן, האבן פאר די קלאסן געפרעגט עפעס וואס האט זיי אלס געעגבערט, און איך געדענק פון אנהייב איז געווען דער סארט שאלה זייער אפט, שפעטער בין איך שוין געווען מער זיכערער צו ענטפערן די ריכטיגע תירוץ פאר דער שאלה, פשוט פון עקספיריענס.

זיי פלעגן פרעגן "איך פיל זייער א סאך מאל א געוויסע מין פחד, אבער וואס איז דער פחד, איך קען נישט אנדייטן גענוי וואס דער פחד איז, פון וואו קומט דאס?" א טייל פון די מענטשן האבן גענוי געוואוסט ווען ס'קומט און צוליב וואס ס'קומט, למשל דוקא ווען ער גייט צום עמוד דעמאלטס קומט דער פחד פלוצלינג אן, ממש איך קען נישט זאגן קיין ווארט, פארשטייט זיך גייט ער מער נישט צו, אדער דוקא ווען ער וויל עפעס רעדן פאר א מיטינג פאר א מערערע מענטשן אויפאמאל, ער ווייסט נישט וואס צו זאגן ווייטער, איי ער ווייסט יא? פון וואו ווייס איך אז ער ווייסט, ווייל ווען ס'איז דא נאר איין מענטש ווייסט ער יא, אבער אז ס'איז דא א געזעמל מענטשן ווייסט ער נישט, האט ער נישט וואס צו רעדן, ער האט פארלוירן די שפראך, וואס איז געשען? איינפאך פחד! ס'איז געקומען א שטיקל פחד אין דעם מענטש און ס'לאזט אים נישט גיין ווייטער. און זיי קענען נישט אנצייגן וואס איז פשט פון דער פלוצמ'דיגער פחד.

אידן וואס זענען דורך די קלאסן זאגן "היחוד והיראה לחי עולמים" עס איז דא בלויז איינער פון וועם מען האט מורא, און דאס איז נאר פאר'ן אויבערשטן, אלע אנדערע פחדים איז נישטא מער, 'היחוד והיראה' איין איינציגסטע מורא איז נאר דער באשעפער, חוץ דעם "נישטא קיין פחד, וואס אימער ס'זאל נאר זיין".

**און וועגען דעם זאגן מיר אונז...**

## ״היחוד והיראה לחי עולמים״

### מ'באקומט א זעלטענעם 'כתר' שם טוב, א ריכטיגער 'כבוד'

אין פרק זע מיר אונז אז ס'איז דא פארשידענע כתרים, ס'איז דא כתר כהונה, כתר כהונה מען איז געבוירן א כהן, נישט יעדער איינער קען עס באקומען, נאר א כהן, נאך ביאת המשיח וועלן אויכעט בלויז די בכורים זיין כהנים, נישט יעדער. כתר מלכות געציילטע זענען מלכות, ווער איז אלס מלכות, געציילטע ממש, היינטיגע מלכות קען מיינען א ראש הקהל, וויפיל אירע האבן עס? ממש געציילטע. צו כתר תורה איז אויך נישט יעדער מסוגל, קען דען יעדער זיצן און לערנען? ניין, נישט יעדער איינער קען זיצן און לערנען, אבער דער פרק פירט אויס "כתר שם טוב עולה על גביהן" א גוטע נאמען דאס קען יעדער איינער זיך ערווארבן, כתר שם טוב די קרוין פון א גוטע נאמען עולה על גביהן דאס איז העכער אלעם, און יעדער קען דערצו זוכה זיין.

און אידן וואס זענען דורך די קלאסן זאגן "הכתר והכבוד לחי עולמים" אז ב"ה שחלק כבודו לבשר ודם, דער אויבערשטער געט פאר יעדן איינעם דער מעגליכקייט צו האבן דעם 'כתר', און דורכדעם האבן 'כבוד', הגם דעם אייבערשטנ'ס נאמען איז געלויבט און בארימט העכער אלעס, אבער מיר מענטשן קענען אויך באקומען כבוד וואס דער אויבערשטער האט צוגעטיילט אז יעדער מענטש קען האבן אביסעלע געשמאקע כבוד, און די גרעסטע און די שענסטע כבוד האט ער ווען זיין נאמען שמו הטוב איז הולך לפניו, דאס איז דער כתר שם טוב, און ווען מען באנוצט זיך מיט די וועגן וויאזוי מען לערנט זיך דא אין קלאס, זעט מען אז די אלע זאכן ברענגן א גוטע נאמען, א שם טוב וואס ברענגט כבוד, ס'ברענגט געשמאקקייט, מענטשן קוקן דיך ארויף און מענטשן שעצן דיך, און באקומסט אן אמת'ער כתר שם טוב.

**און וועגען דעם זאגן מיר אונז...**

## ״הכתר והכבוד לחי עולמים״

### מ'ווייסט מעטאדן וויאזוי תורה 'לקח' זאל זיין מיט קאנצענטראציע 'ליבוב'

עס האט אמאל ארויסגעברענגט א איד אז ער קען נישט לערנען מער ווי צען מינוט אין א צי, ער וויל לערנען זיינע שיעורי תורה, מאכן אן עכטע 'קביעת' עתים לתורה, לערנען כדבעי, ער וואלט געקענט באשטיין צו לערנען אסאך, ער האט צייט צו לערנען פאר צוויי שעה אין א צי, אבער די מערסטע וואס ער קען לערנען איז צען מינוט, נאך צען מינוט, בום, איך דארף נאך ערלעדיגן דעם און יענץ, די דאגה, מיט יענע דאגה, מען דארף נאך איינקויפן, מען דארף נאך מאכן, צען מינוט אין א צי איז שוין די מאקסימום, ער האט געהאפט אז דורך די קלאסן וועט ער דאס קענען דורכברעכן.

דער איד האט געהאפט צו זען שנעלע רעזולטאטן פון די קלאסן, אבער למעשה האט ער געזען נאכ'ן קומען צו איין קלאס, איין שיעור, נאך א שיעור, ס'האט זיך נאך גארנישט געטוישט. באמת האב איך נישט ליב צו גאראנטירן באלדיגע ענדערונגען איבער קאנצענטראציע, ס'איז דא למשל איינער וואס מוז האבן קאנצענטראציע זיך צו לערנען אין ביזנעס זאכן, מען דארף אמאל לערנען טיפע זאכן, איינער וויל ווערן א פארמעדיק, א בוכהאלטער צי סיי וואס, מען דארף האבן דעם קאפ, די קאנצענטראציע איז נישט נאר פאר תורה, סיי וואס מען לערנט דארף מען זיך קענען קאנצענטרירן, די שאלה איז געווען זייער א סאך, "עטץ העלפסט פאר קאנצענטראציע?" איך האב נישט ליב צו זאגן א ברייטע יא, פארוואס? ווייל איך האב ליב מער צו זאגן וואס איז טעקנילי וואס איך לייג בעז"ה אריין אין די צוהערער, און איך ווייס אז עס ווערט אנגעפילט דעם גלעזעל, מיט דעם וואס איך האב אריינגעגאסן, גענוי ווען מ' גיסט אריין וויין, ווייס איך אז ס'איז דא וויין.

דאקעגן, קאנצענטראציע איז אביסל א פנימיות'דיגע זאך. און דער איד ווען ער איז אדורך די ערשטע קלאס זאגט ער ס'איז נאכנישט געשען, די דריטע, פערטע, פינפטע, נאך די 7'טע קלאס ס'איז נאך אלס נישט געשען, אבער א טאג נאך די אכטע קלאס, האט ער מיר געגעבן א קאל און געזאגט איך ווייס נישט וואס עפעס איז געשען א טשעינדזש, איך האב מיך געזעצט היינט לערנען צוויי שעה אין איין צי, אזויפיל צייט וויפיל איך האב געהאט אזויפיל האב איך געלערנט.

און די אידן זאגן "הלקח והליבוב לחי עולמים" די "לקח" וואס מען קען לערנען, ועוד זאת "והליבוב" דאס הארץ זאל זיין בייםלערנען נישט אוועקפליען, דאס האט דער אויבערשטער געגעבן

9

# אויסגעגליכן דעם פלאנטעה, אדאנק פראדאקטיוו, ב"ה!

מיין נאמען איז...

איך וועל אראפלייגן א קורצן עפיזאד פון מיין **הצלחה פון די קלאסן** וואס ווארפט א שיין אויף אסאך אנדערע זאכן.

איך האב שוין רעטייערט, איך האב געדארפט אראפגיין אין ישיבה-אפיס וואו כ'האב געדינט אלס משגיח צו **דורכשמועסן און ערלעדיגן געוויסע רעטייערטמענט טעמעס**, עס איז מיר אין אנפאנג געווען **זייער שווער** צו ענדגילטיג שליכטן אלע פרטים איבער מיין רעטייערטמענט.

אבער **זייט איך האב באקומען די טולס וואס איך האב געהאט דא געלערנט**, בין איך **ווידער ארויפגעגאנגען אין אפיס**, ס'איז דורכגעגאנגען **איינס צוויי אזוי גלאטט**, אז **אלע האבן זיך געבויגן פאר מיר**, ווי פארשטענדליך קען איך נישט פארעפנטליכן פונקטליך די פרטים וואס ס'איז געווען. אבער דער שפיץ איז געווען אז **זיי האבן אלעס נאכגעגעבן וואס איך האב פארלאנגט אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן**, ווען איך בין ארויסגעקומען פון דארט האב איך נישט געגלייבט וואס ס'גייט פאר, וויאזוי האט דאס פאסירט? איך האב מיר געכאפט אז **איך האב גענוצט די טולס און ס'ווערד דאס געלט וואס מ'צאלט.**

רבותי! **קומט אהער וועלן ענק אויך קענען נוצן די אלע זאכן** ביי פארשידענע זאכן און אויף פארשידענע אופנים און ענק זאלן האבן **גרויס הצלחה!**




"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטרענספערט צו זיין
עקסטענשאן נומער"

**יא! בעז"ה קענט איר דאס אויך באווייזן!**

רופט אין אפיס, אויף
**845.232.1079**

פאר אידן וואס לייגן אריין כוחות און זענען גרייט צו ארבעטן דערפאר, נישט סתם זיי וועלן קענען, אומגעטאן גארנישט; "איך קען באשטיין פארוואס נישט" און אז עס געשענט דאן גייט מען אריבער צו, "איך קען נישט, שוין פטור", ניין בלויז מיט'ן ארבעט דערפאר וועסטו קענען, און כדי צו וויסן וואס צו ארבעטן קומט מען דא אהער.

### און וועגען דעם זאגן מיר אונז...
## "הלקח והליבוב לחי עולמים"

### מ'האט ארויס דעם מהלך פון דער מלוכה וואס השי"ת שענקט

אונז האמיר צווישן אונז פארשידענע אויפגאבעס, אונז האמיר נישט נאר אן אויפגאבע אויף זיך, יעדער דא פארמאגט אויך א געזעלשאפט, צי חברים, צי קינדער, צי ארבעטערס, צי בעלי בתים, צי אנדערע צו וועם מ'קומט אין באריהרונג, אונז זעמיר ארומגענומען מיט מענטשן ארום אונז און דארטן דארפן מיר אנפירן א שטיקעלע מלוכה'לע, מען קען נישט דארטן זיין א שמאטע, ווייל טאמער יא וועט מען טאנצן אויף דיין קאפ, און דו וועסט נישט קענען אויספירן דיינע אויפגאבעס, דיין אויפגאבע איז אנצופירן, און אסאך מאל איז דא אידן וואס פילן אז מען קען נישט פירן, מען פילט אז יענער פירט מיר אין באד אריין, און איך פיר נישט יענעם, איך קען יענעם נישט פירן.

אבער די אידן וואס זענען דורך די קלאסן, זיי האבן געהאט די זעלבע פראבלעם, היינט אבער זאגן זיי "המלוכה והממשלה לחי עולמים" אז מען קען באקומען פונעם אויבערשטן אביסעלע זעלבסטשטענדיגקייט, מען האט באקומען פונעם אויבערשטן פלעצער וואו מען דארף פירן א מלוכה און אנפירן, און אויך די כוחות הנפש און מהלכים צו פירן ריכטיג די מלוכה, און אוודאי' די כוחות צו פירן זיך אליין, די אייגענע מלוכה.

### און וועגען דעם זאגן מיר אונז...
## "המלוכה והממשלה לחי עולמים"

### מ'לעבט בשלום מיט שיינע זיגרייכע שלום שליסונג בין איש לחבירו

זייער א סאך מאל איז דא מענטשן וואס צווישן זיך אנטוויקלען זיך קליינליכע וויכוחים, און די ויכוח קען גיין עד כדי ס'שפריצט פייער, איינער טענה'ט זיך מיט'ן צווייטן יא, ניין, אהין, און צוריק, און ווער געווינט? קיינער נישט! יעדער געווינט די אומווילנדיגע אומאנגענעמע סיטואציע, יעדער געווינט יענעם אוועקצושטופן בעסער פון זיך, וואס ברענגט נאר שעדליכע קאנסעקווענצן.

אבער אז מען לערנט זיך אויס דעם וועג און מהלך וויאזוי מען פירט ויכוחים, אדער בעסער געזאגט מען פירט נישט ויכוחים, און מען קומט זיך אויס גוט מיט מענטשן, קען מען זאגן מיט'ן ברייטן מויל "הנוי והנצח" די שיינקייט פון נצחון אויף א שיינעם אופן, וויאזוי מען קען פירן א ויכוח און געווינען צום סוף, אויף א שיינעם אופן, און ס'דארף נישט זיין מיט קיין געשלעגן און מיאוסע געפעכטן. ס'קען זיין מיט א שמייכל, מיט א געשמאקקייט און ביידע זענען מסכים, יענער זוכט אויך נישט צו דיקטירן און זיך מיט אויבערהאנט, ער וויל נאר תכלית, און מען קען טרעפן א וועג וויאזוי מען זאל קומען צו א שיינע שליכטונג אז ביידע זאלן זיין פריילך, נישט דורך אריינארן דעם צווייטן, ניין, נאר אז ביידע זאלן באמת זיין העכסט צופרידן מתוך שלום ושלוה.

### און וועגען דעם זאגן מיר אונז...
## "הנוי והנצח לחי עולמים"

### ווען מ'האט 'סגוי, שגב און עוז, זעט מען מ'האט ריכטיג 'ענוה'

הסגוי והשגב העוז ו'הענוה', מענטשן מיינען ענוה איז עפעס א מין זאך וואס מען קען עס אזוי גרינג באקומען, צו ערדייכן מדת ענוה מוז מען האבן א מורא'דיגע שטארקייט, וואו איז דער ווענדפונקט, דער שיידוועג, וואו מען קען מעסטן ענוה, צי דו האלטסט דיך טאקע קליין, אפשר ביסטו א גרויסער 'משה גרויס' א גאנצער יש, ענוה קען מען מעסטן ווען איינער געט דיר א טשעפע אריין, דאן קען מען מעסטן און זען ווי שטארק דו האלטסט דיך עד כדי כך זאלסט נישט ווערן פארלוירן, אמאל קען מען עס אויך מעסטן ווען עפעס גייט נישט ווי דו ווילסט, וויאזוי ראגירסטו, דאס קען מען מורא'דיג שטארק זען דארטן, דאס סבלנות און מען איז מסכים צו דער מצב בכל מה דעבד רחמנא, און דארט זעט מען צי דער מענטש איז א טאקע אן עניו, ווייל אויסערליך איז גארנישט קיין באווייז, און כאטשיג ער זאגט דיר ער האלט זיך קליין, ס'איז אבער גארנישט מיט גארנישט.

מענטשן וואס זענען דורך אין די קלאסן זאגן "הסגוי" די גרויסקייט און "השגב" וואס באדייט א גרעסערע לשון פון גרויסקייט, און "העוז" די שטארקייט וואס איך האב געהאט אז איך האב מיך נישט דערשראקן ווען יענער זאגט מיך אריין א ווארט דאס איז ריכטיג "ענוה" איך ווער נישט ווייניגער ווערד, איך ווער נישט פארלוירן ווען יענער צוקלאפט מיר. און דאס קענען ב"ה הונדערט פראצענט פעסטשטעלן די קלאסן אנווועזנדע, אז זיי זענען שוין אומצאליגע מאל אדורך דעם נסיון און ב"ה אויסדרוקליך באשטעטיגט געווארן אז זיי גייען נאר ארויף אנצוקומען צו דער ריכטיגער ענוה, "ענוה גדולה מכולן" ווען מ'גייט דורך די קלאס, און נישט מ'ווערט ח"ו א בעל גאווה ווייל מ'האט געארבעט אויף קאנפידענס.

### און וועגען דעם זאגן מיר אונז...
## "הסגוי והשגב-העוז והענוה לחי עולמים"

### מ'גייט ארויס פון אייגענעם גלות און מ'זעט 'פאר' א שיינע וועלט

אז מען זיצט אין א באקס פארמאכט אין א קעלער ווייסט מען נישט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן מיט שווערקייטן אין לעבן, משא"כ אז מען קומט צו א קלאס און מען גייט ארויס פון תפיסה לאך, און מען זעט אז ס'איז דא פאר יעדע זאך אן עצה, דאן איז מען מודה ומשבח לה' אז מען ארויס פון זיין אייגענער תפיסה.

כמעט יעדער פילט איידער מען קומט אהער אז ס'איז דא א פארמאכטער וואנט וואס מען קען נישט עפענען; מען האקט, מען זעצט, מען קען עס נישט עפענען, אבער אין יעדן פארמאכטן וואנט איז דא א טיר, ס'קען נישט זיין אז נישט, ערגעץ איז דא א טיר, די טיר איז אויך פארמאכט, הערמאטיש פארשלאסן מיט דיקע שטאל, אבער יעדער טיר האט א שלאס, די שלאס איז אויך פארמאכט, אבער יעדע שלאס האט א שליסל, און ער לייגט אריין דאס ריכטיגע שליסל און מען עפנט אים אויף, דאן איז הוצאנו מבור עמוק, גייט מען דורך די פארמאכטע דיקע גראבע ברייטע שטאלענע הויכע וואנט.

און דעמאלטס ווען די טיר עפנט זיך מען קומט אריבער די אנדערע זייט, זאגט מען "הפדות והפאר" מען איז ארויס פון דער תפיסה און מען איז ב"ה אנגעקומען צו א שיינער וועלט ווי אזוי מ'קוקט עס אן און ווען איך בין געווארן אויסגעלייזט, 'פדות' מען איז אויסגעלייזט געווארן, אהה, 'פאר' ווי שיין דער וועלט זעט אויס, 'לחי עולמים' וואספארא שיינע וועלט דער אויבערשטער

בס"ד

10

# פראדוקטיוו האט ערזעצט דעם "קאשמאר" ביים פארברענגען מיט אנדערע אלס "געשמאק"

עדות עפענטליכע

פראדאקטיוו קורס

**קלאס מעמבערס**
טרעטן אויף ברכים
ביים אינטראדאקשען
פונעם קורס
און שילדערן די רושם
וואס די קורס
האט אויף זיי
משפיע געווען:
**ליינט און האט הנאה!**

מיין נאמען איז...

ראשית כל וויל איך מיר באדאנקן פאר מיינע חשוב'ע חברים וואס זענען געקומען מיר אויסהערן, ס'איז מיר א גרויסע כבוד.

**איך בין געקומען דא אין קלאס זיך צו פארבעסערן קאמיוניקאציע**, ביי יעדן שמועס פלעג איך **דארפן בלייבן גערעכט**, איך בין געווען **זייער אנגעצויגן מיט מיין מיינונג** און נישט געקענט אננעמען א געדאנק אז **יענער איז מעגליך אויך גערעכט**, ס'האט מיך זייער געשטערט, איך בין געקומען דא צו דעם קלאס, און **מיר אויסגעלערנט אסאך וועגן ווי אזוי זיך צו קענען פארבעסערן אין דעם**, און איך האב נאך א סאך ארבעט צו ארבעטן, אבער **איך האב א מהלך**, איך זע אז **אי"ה מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף האב איך א וועג ווי אזוי צוצוקומען צו קענען קאמיוניקירן מיט אלעמען.**

איך וויל ענק פארציילן צוויי מעשיות וואס טוען פולקאם באשטעטיגן מיין שטארקע פארבעסערונג אין מיין געוועזענעם קאמיוניקירונג-סיסטעם.

מעשה נומ. 1. איך בין אנגעשלאסן אין א חבריא חשוב'ע יונגעלייט, וואס קומען זיך צונויף מעת לעת, יעדע צוויי וואכן קומט פאר א חבורה, ס'איז אויף א אופן פון א שמועס, מ'לערנט פאַר א ספר, און אז ס'איז דא איינער וואס האט אריינצוזאגן קען צולייגן, און **איך פלעג א סאך מאל אריינפרעגן זאכן, און מען פלעגט מיר שטענדיג אפפרעגן**, איך פלעג דערפון **ווערן אינגאנצן אנגעצויגן**, ס'האט געברענגט א **גאנצע טענה'עריי און געפילדער אויף די הויכע טענער.** און דער סך הכל פון דעם איז געווען אז **איך פלעג ווערן אינגאנצן פארשעמט, ס'איז געווען זייער אומאנגענעם.**

דאס איז געווען **ביז היינט.** לעצטע וואך דאנערשטאג איז געווען א זיץ, **און איך האב אריינגעפרעגט** און ס'איז געווען **זייער אויף אן אנגענעמען אופן, דער עולם האט זייער הנאה געהאט, און איך געבליבן זייער רואיג און ב"ה איך האב מיר געקענט האלטן אין די ראמען, און אננעמען דעם דערהער אז..."יענער קען אויך זיין גערעכט!"**

די צווייטע מעשה איז ווי פאלגנד, אין ביהמ"ד וואו איך דאווען איז נישטא איינער וואס זאגט שלש סעודות תורה, נאר דאס יא, יעדע וואך איז דא א צווייטער יונגערמאן וואס זאגט די שלש סעודות תורה, אזוי ווי **איך האב קיינמאל נישט געהאט די שטארקקייט** צו קענען זאגן א שלש סעודות תורה, האב איך דעריבער **קיינמאל נישט אנגענומען דעם געבאט פון זאגן די תורה.** ביז **איך בין געקומען דא צו די קלאסן, און מיט די עצות וואס איך האב מיר דא אויסגעלערנט האב איך געהאט די שטארקקייט, און איך האב די וואך געזאגט שלש סעודות פאר דעם עולם און איך האב מיר כלל נישט דערשראקן.**

זעט מען פון דעם, אז א מענטש וואס האט א שוועריקייט, באמת 'אלע' מענטשן האבן שוועריקייטן, און געוועגליך א מענטש ווען ער האט א שוועריקייט, דוכט זיך אז מען קען עס נישט העלפן, זאג איך ענק אז מען זעט פון דעם אז **יעדע שוועריקייט האט א וועג ארויס**, וועגן דעם **ווארטס נישט אפילו איין טאג**, נאר טוטס למעשה און ארבעטס אויף ענקער שוועריקייטן און **בסייעתא דשמיא וועט עס אוועקגיין פון ענק, און ענק וועלן אנהייבן א נייע מיט א פרייליך לעבן.**

הצלחה רבה!




"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטערנספערד צו זיין
עקסטענשאן נומער"

**יא! בעז"ה קענט איר דאס אויך באווייזן!**

רופט אין אפיס אויף
**845.232.1079**

האט באשאפן.

און וועגען דעם זאגן מיר אונז...

## "הפדות והפאר לחי עולמים"

### מ'איז 'קורא' שבח והודיה להשי"ת אז מ'קען זיך פירן 'בקדושה'

א איד האט געזאגט אמאל נאך א קלאס, ס'איז שוין געווען היבש לאנג צוריק, ער האט זיך זייער שטארק געפלאגט אז ער פלעגט ווערן מורא'דיג געשעדיגט פון זיינע אויגן. דאס טייטש, ער האט נישט געהאט דאס מינדעסטע קאנטראל אויף זיינע אויגן, וויפיל עצות, און מהלכים ער האט נאר פרובירט איז דאך גארנישט געשען, אלעס איז געבליבן ווי ער איז געווען.

ווען ער האט געענדיגט דא דעם צענטן קלאס איז אדורך צוויי דריי טעג, און ער האט געזען אז ס'איז נישט קיין חלום, ער האט באקומען א מורא'דיגע קאנטראל ער איז געווארן בעל הבית אויף זיך, ער האט געפילט אז אפילו ס'געשעט א פארלעצונג אין זיינע קבלות, קען ער זיך פארט פריש אפרייסן און אוועקגיין, ביז ער האט באקומען געצעלך קאנטראל, די לשון וואס ער האט מיר געלאזט און די מעסעדזש איז געווען ווי פאלגנד: "די איין זאך איז ווערד פאר אים א מיליאן דאלאר" למען האמת איז ער נישט מגזם ווייל ס'איז טאקע ווערד!

איך רעד פון דעם וואס ער האט געזאגט אז ער פילט פאר זיך אז ס'איז אזויפיל ווערד, דאס הייבט די שטומע און מ'שרייט אויס בקריאה גדול "הקריאה והקדושה" מ'האט דער כח צו קענען האלטן א קאנטראל אויף זיך אז דאס וואס איך וויל יא טון זאל איך יא טון, און דאס וואס איך אליין וויל נישט טון זאל איך נישט טון, לעשות נחת רוח 'לחי עולמים' בעניני קדושה וטהרה און כל חפצי שמים.

און וועגען דעם זאגן מיר אונז...

## "הקריאה והקדושה לחי עולמים"

### ברנה וגילה איז מען מרומם השי"ת אויף די אלע פארדינסטן פון די קלאסן

און אוודאי אז ס'גייט דורך אזעלכע שיינע זאכן, מען גייט דורך א קלאס און מען זעט פאר זיך פאר די אויגן, אז אזויפיל זאכן קען מען טוישן, אזויפיל זאכן קען מען אנקומען, און מ'איז ב"ה אנגעקומען, קומט אומווילנדיג ארויס פונעם מויל רגשי הלב מתוך שמחה עצומה, און ס'גיסט זיך פון די מויל, סיי אומווילנדיג און סיי ווילנדיג, "הרון והרוממות" צו לויבן דעם אויבערשטן מיט די גרעסטע שירות ותשבחות.

און וועגען דעם זאגן מיר אונז...

## "הרון והרוממות לחי עולמים"

### מ'לויבט השי"ת אז מ'ווייסט וויאזוי צו לויבן השי"ת מיט זיינע מענטשן

און דערנאך קומט ווי אינסטינקטיוו א לויב פון "שיר והשבח" צי דאנקן דעם אויבערשטן, איבערהויפט צוליב הא גופא, אז מען ווייסט ריכטיג און געניט דעם מהלך וויאזוי צו משבח ומשורר זיין להשי"ת.

איבערגעבן א דאנק פאר א צווייטן איד, לויבן און אויסרימען א צווייטן, איז נישט אזוי פשוט ווי מאנכע מיינען. דערגיין דעם ריכטיגן וועג וויאזוי צו זאגן א גוט ווארט פאר א צווייטן איד, איז פון די עבודות קשה, ווער זאגט אז ער האט אויפגעטון מיט זיין גוט ווארט א השפעה ביי יענעם? ווער זאגט ס'האט עפעס אויסגעמאכט? אפשר לאכט יענער פון דיר? אדער גאר האט עס אויפגעטון די פארקערטע?

דא ביי די קלאסן לערנט מען א מהלך, א וועג וויאזוי מען זאגט א גוט ווארט, אונז זיך מיר דא און אונז לערנען מיר דעם ענין, אונז דערגרינטעוועןן זיך אריין אין דעם הינזיכט, אויב לערנסטו דיר עס אמת'דיג אויס, דעמאלטס איז "השיר והשבח" נישט בלויז דו האסט יענעם גוט געלויבט, נאר דאס גוט ווארט וואס דו האסט געזאגט וועט יענער אזוי גוט געדענקען און אריינקריצן אין זכרון, אז ער וועט דיר נאך בארימען א פאר טעג שפעטער און ווען אימער ער וועט זיך דערפון דערמאנען, ער וועט דאס שטענדיג פילן און זיין דאנקבאר פאר דיר.

און וועגען דעם זאגן מיר אונז...

## "השיר והשבח לחי עולמים"

### מ'גיט פאר'ן רבוש"ע תהלה ותפארת אז מיר קענען אזויפיל אנקומען

"התהלה והתפארת לחי עולמים" פאר די אלע זאכן וואס אונז זענען דא קונה, לויבן מיר דעם אויבערשטן אז ער האט באשאפן א מענטש וואס קען אזויפיל שטייגן, אזויפיל אנקומען, אזויפיל זיך טוישן, אזויפיל בעסער ווערן און אזוי שיין אנקומען, אין דער רגע וואס ער איז מחליט אז ער איז גרייט צו אנהייבן צו ארבעטן, ער איז גרייט זיך צו לערנען, קומט ער אן עפעס אומגלויבליך מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף.

און וועגען דעם זאגן מיר אונז...

## "התהלה והתפארת לחי עולמים"

### אריינפיר צו אייגענע איבערלעבעניש סעסיע

איידער מיר גייען צו די גראנדיעזע טייל פון היינט נאכטיגער אינטערדאקשן, וועלן איך אין קורצן ערקלערן די נויטוויכטיגקייט פון דער דאזיגער סעסיע.

די גמרא זאגט, מר זוטרא האט אויסגערופן "מאן בעי למיזבן מילי בדינרי" ווער וויל קויפן רייד פאר געלט. רייד פאר געלט? רייד איז דאך אן אומזיסטע ארטיקל, ניין, פאר אומזיסט האסטו די רייד וואס איז מעגליך ס'וועט דיר נישט מאכן געווג דעם טויש. אבער, אויב דו קויפסט עס, דו לאזט דיך פאר דעם קאסטן א פרייז, דעת קנית, דו קויפסט דעת, מה חסרת? דער כלל איז אז ווען מען קויפט, גיבט דער פארקויפער אוועק רייכע קאסטבארע זאכן, וואס ער האט עס אליין אויספראבירט פאר זיך און פאר אנדערע, ער ווייסט אז ס'וועט גוט ארבעטן, אם כן; פארוואס גיבט ער עס דיר אוועק? ווייל עס קומט זיך דיר, די האסט עס דאך 'געקויפט'! און דאן פארדינען ביידע, סיי דער מקבל איז מקבל בעסער, און סיי די מוכר גיבט בעסער און ממילא געשעהנט גינסטיגע טוישונגען.

ב"ה, הודו לה', אידן גייען דא דורך די קלאסן און מען לאזט זיך קאסטן, און מען ארבעט דורך די ידיעות פון די אלע זאכן וואס אונז האמיר גערעדט און נאך סאך מער פון וואס אונז האמיר נישט יעצט גערעדט און באריכט.

וויאזוי ארבעט עס? וויאזוי געשעהן דא אזויפיל טוישונגען ביי מענטשן, עפעס אויסערגעוועהנליך? די סוד שטעקט אין דעם וואס מען טוט עס דא פראקטיצירן. צום ביישפיל, הדעה והדיבור, איך וועל אויסלערנען מענטשן וויאזוי מען מאכט מען זאל האבן דעם ריכטיגן קאמיונקאציע און דיבור מיט מענטשן, קען מען נישט מאכן קיין פאקטישע טויש אין דעם געביט אן קיין פראקטיצירונגען, אויב וועט מען נישט דא אין קלאס פראקטיצירן, וויאזוי א שמועס פאנגט זיך אן, וועט עס קיינמאל נישט פאסירן.

היינט נאכט האבן מיר א זעלטענע געלעגנהייט צו מאכן א שיינע פראקטיצירונג בעת אונז האמיר דא אצינד מענטשן עס

בס"ד

# א ציל אין לעבן

האט איר א ציל אין אייער לעבן?
גייט איר פאראויס מיטן גרייכן אייער ציל?



*אייער איינציגער פאוואונדנסם ציל:*

- שרייבט אייך איין אין קלאס;
- **זעט פאר זיך נייע אויסוואלן פון גוטע צילן;**
- באקומט די כלים און מהלכים וויאזוי צו ערייכן דעם ציל;
- **קומט אן און דערגרייכט בעז"ה אייער ציל, בשעה טובה ומצלחת!**

אויסצואַרבעטן.

און אפילו נאכ'ן פּראקטיצירן מוז מען אבער האבן נאך זאכן, ס'איז נישט גענוג פראקטיצירן, מען מוז אויך האבן עקסערסייז, און אן דעם עקסערסייז בלייבט א גרויסער לאך ביז ווען דער מענטש וועט עס אויספירן למעשה, ווייל ביי דער פלאץ וואו ער דארף עס שוין אויספירן למעשה הערשט א שטיקל פחד א שטיקל צוריקצי, "אפשר וועט עס נישט געלונגען, אפשר וועל איך נישט קענען, ווער זאגט ס'וועט געפעלן פאר יענעם" נישט ווייל די זאך איז נישט אזוי גוט, נאר ער איז נאכנישט געוואוינט אזוי גוט וויאזוי עס צו נוצן און באהאנדלען לויט ווי אונז האמיר דא געלערנט. משא"כ אז מען מאכט עקסערסייז ווערט דער מענטש שטערקער און ווען דער מענטש ווערט שטערקער קען ער טון זאכן וואס אונז האמיר דא געלערנט, אויך אינדרויסן, אזש זאגאר במעמד קהל רב.

ממילא אדאתן להכא, ווען מיר מאכן דעם סך הכל פון די הויפטיילן וואס ווערן דא געטון אין דעם קלאס. מען ארבעט דא אויף די דריי מהלכים, "אינפארמאציע" "פּראקטיצירן" "עקסערסייז".

ראשית כל איז דא פארהאנען רייכע אינפארמאציע. ס'איז נישט סתם א דרשה, ווי מען האלט א דרשה חוה"מ און מען ענדיגט דער דרשה און געגאנגען ווייטער, דער עולם שפּאנט אהיים ומפטירין כדאתמול, אויסדריקליך ניין, נאך געבן די אינפארמאציע וועט מען איבער'חזר'ן די אינפארמאציע, לויפטס נאכנישט אוועק, לאמיר נאך חזר'ן די אינפארמאציע, נאכ'ן חזר'ן די אינפארמאציע, וועט מען פּראקטיצירן די אינפארמאציע, לאמיר זען וויאזוי מען מאכט עס, און די פּראקטיצירונגען ווערן באגלייט מיט א שטארקע עקסערסייז, כדי זאלסט עס קענען גוט מאכן אויך אינדרויסן.

די דריי זאכן זענען אויבנאויף ענינים וואס יעדער מיטהאלטער זעט דאס פאר די אויגן, אבער דאס זענען די חיצונות'דיגע מעטאדן 'וויאזוי' מ'ארבעט אז די טולס וואס מ'לערנט דא אויס זאל ערשטקלאסיג ארבעטן, די זאכן אויף 'וואס' מ'ארבעט דא? זענען כולל בעיקר פיר יסודות, איינס אז ס'זאל זיין די ריכטיגע "קאנפידענץ" דער מענטש זאל זיין גענוג שטארק 'גאוה והגדולה' די ריכטיגע גאוה, העוז והענוה, סגיו וסגב די ריכטיגע שטארקייט, דעמאלטס קען די מענטש זיין גרייט און אריינטאנצן אין אויספירן זאכן.

אבער דאס איז נישט גענוג, ער מוז האבן די דעה ודיבור ער מוז האבן "קאמיוניקאציע" ער מוז האבן וואס צו רעדן און וויאזוי צו רעדן, השיר והשבח רעדן צו אנדערע מענטשן ריכטיג, נישט אוועק מאכן אנדערע מענטשן, רעדן צו אנדערע מענטשן מיט א שעצונג מיט א כבוד, טאמער נישט, וועלן אנדערע מענטשן נישט געהעריג ארבעטן מיט אים, אפילו ער זאל וועלן ארבעטן, ער האט שוין יא קאנפידענץ, אבער אויב גייט זיין שיר ושבח גייען זיי נאך בעסער ארבעטן. ווייל ס'וועט זיין נאה להם ולעולם.

והשלישית אויף וואס מיר ארבעטן דא איז "התלהבות" פלייס און ענערגיע, הועד והותיקות ער דארף זיין א צייטליכער מענטש, און באשטימען א צייט ריכטיג, און צו דעם מוז מען האבן התלהבות, נישט פארשלאפנקייט. און נאכדעם מוז ער האבן א מורא'דיגע 'רואיגקייט' היחוד והיראה, נאר פון איינעם מורא האבן, חוץ דעם זאל ער זיין רואיג און יעדן ענין וואס געשעהט.

און ב"ה אונז לערנען מיר די אלע פיר זאכן צוזאמען און אזוי ארום קען מען אויפטון גדולות ונצורות ווי פילצאליגע זענען עדות חזקות דערויף. אויף קאנדפידענס איז דא מענטשן וואס זאגן אז זיי האבן שוין פון דעם גענוג, טא, וואס פעלט זיי אויס דאס צו פארשטארקערן, ער דערמאנט מיך וואו איינער האט מיר אריינגערופן, איך האב אים געפרעגט זיין נאמען, ער האט מיר א טובה געטון ער האט מיר געזאגט זיין נאמען, זיין נומבער האט ער שוין מורא געהאט צו זאגן, און אינמיטן די שמועס זאגט ער אז ער איז גאנץ מסודר אין שטארקייט. זאג איך אים "געב א קוק, אויב דו האסט "קאנפידענץ" וואס האסטו מורא צו זאגן דיין נומבער?".

נו, וואס איז פשט, ער רעדט נישט אין דער וועלט אריין, ער זאגט דאך אז ער האט קאנפידענץ. דער תירוץ איז, יא, יעדער האט קאנפידענץ, די שאלה איז צי דיין קאנפידענץ ווערט אויסגענוצט אויף דער ריכטיגער פלאץ צי נישט, און שאלה נומער 2 איז צי ס'איז גענוג קאנפידענץ לויט וויפיל דו דארפסט האבן. יא ס'איז דא לעקטער ב"ה, אבער אויב דו וועסט אריינברענגען א פאר 220 קאפי מאשינען, ס'איז בלויז א שאלה פון צייט און די עלעקטריק וועט קראכן, און ווען ס'קראכט ארבעט שוין די לייט אויך נישט...(אלע סוויטשעס קראכן), פארוואס? ער האט דאך געהאט עלעקטער קראפט? אוודאי האט ער געהאט, אבער ס'איז נישט געווען גענוג.

אויב דער מענטש באקומט נייע אקטיוויטעטן אויף זיין קאפ, ביז היינט איז ער געווען נאר א טאטע פון א קינד, שפעטער א טאטע פון קינדער, יעצט האט ער אנגעהויבן צו האבן פרנסה, ער אנגעהויבן עסקנות, אנגעהויבן צו טון זייטיגע זאכן, ער האט אנגעהויבן למשל אויך צו מאכן חסד, ער איז געווארן א חברים מעמבער, ער איז געווארן אויך נאך א וואלונטירישע מעמבער ער האט צוגעלייגט נאך און נאך זאכן, און די ליסטע איז ענדלאז, פיין, מעגסט צולייגן, אבער לייג אויך צו ענערגיע און קראפט, אז נישט וועט ערגעץ די סיסטעם קראכן, דיין שטוב קען זיין שוואכער לכבוד דעם.

פארוואס? ער האט דאך גענוג קאנפידענץ צו זיין א חברים מעמבער ער גייט ער קומט ער מאכט? פיין, אבער אין פארזוך צו בויען א פעסטע באזיס צו דיין פארברייטערטע סיסטעם וואס דו פירסט, מוזטו האבן מער קאנפידענץ, און דו דארפסט ארבעטן צו האבן מער קאנפידענץ, און אז דו וועסט האבן מער קאנפידענץ, וועסטו קענען אנפירן מער זאכן, און זיין א גליקליכערער מענטש, מיט א רואיגע געוויסן אז אלע דיינע עסקים פארן אויף די גלייכע רעלסן. סיי לגבי אלטע זאכן און סיי לגבי צוגעלייגטע זאכן. ווידעראום אויב נישט, איז לא די אז נייע קענסטו נישט מאכן, נאר אפילו די אלטע וועלן ליידן פון די ברוכווארג פון די קארגע קאנפידענץ וואס דו פארמאגסט און די אלטע וועלן עווענטועל שוואכער ווערן.

אויב איז דאס גילטיג ביי קאנפידענץ איז דאס פילפאכיג מער נוגע לגבי "קאמיוניקאציע" וואס ביי קאמיונקאציע איז נישטא אזא מין זאך ווי גענוג, קיינמאל איז נישט גענוג וויפיל מ'זאל נאר פארמאגן, אלס איז דא נאך שווערערע מענטשן מיט נאך שווערערע סיטואציעס, אפילו דו האסט קאמיוניקאציע מיט דעם און דעם מענטש, מוז נישט זיין אז דו האסט מיט כל ערליי מיני מענטש. יעדער מענטש איז א אנדערע געשעפט.

און נישט בלויז לגבי פון איין מענטש צו א צווייטן, נאר דער ענין גייט פיל מער, אפילו ביי איין ספעציפישן מענטש, אפילו דו האסט א געלונגענעם שפראך מיט דעם מענטש, דו האסט אנגעקניפט גלענצנדע באציאונגען מיט אים, אבער נישט ווען ער איז גערעגט, נישט ווען ער האט טענות אויף דיר, און מעגליך אז ווען דיין קינד - מיט וועם דו פארשטייסט דיך יעצט זייער גוט מיט אים - ווען ער וועט ווערן א בחור וועסטו זיך מוזן ספראווען מיט נייע אומאויסגערעכנטע סיטואציעס, און צו דעם האסטו בכלל נישט גענוג קאמיונקאציע סקילס.

און לאמיר ערוועגען דעם ענין לגבי "רואיגקייט" מען מעג זיין זייער א רואיגער מענטש, מער רעדט זיך איין אז מען איז אנגעלאדנט מיט רואיגע נאטורן אז דאס איז דאך מיין אריגינעלער כאראקטער, יא, דאס איז אלעס מאמענטאל גוט ביז דער אנגעצויגענער עלעמענט מאכט אים אן אנגעצויגענער מאמענט, און ציט אים ארויס פון די גלייזן, פלוצים ווערט ער נתהפך לאיש אחר, מיט אן אנדערער כאראקטער ווי נישט ער איז עס.

# אלע מלמדים אין תלמוד תורה פרעגן מיר "וויאזוי האסטו געהאט אזא הצלחה?"




מיין נאמען איז... איך בין א מלמד שוין פאר לאנגע יארן.

איך וועל אראפלייגן גענוי די השתלשלות הדברים ביז איך האב געמאכט דעם שענסטן באשלוס אין מיין לעבן, צו קומען צו די פראדוקטיוו קלאסן.

די לעצטע צוויי יאר זע איך כסדר רעקלאמעס וועגן פראדוקטיוו, עס איז דארטן געווען דער הויכפוקנט אז עס העלפט פאר די וואס האבן **פלענער אויפ'ן עתיד** און האבן **שוועריקייטן דורכצופירן זאכן** וכדומה, ס'האט נישט גערעדט צו מיר קיינמאל, **ביז איך האב מיטגעהאלטן מיט א נאנטן**, א ידיד מיינער, איינער וועם איך קען גוט, א יונגערמאן א כליל המעלות, אבער ער האט געהאט **איין פראבלעם וואס איז געווען מושרש פון דער משפחה, אן ערנסטע פראבלעם וואס איך האב מיר קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אז דא קען מען עס טוישן.**

אבער למעשה האב איך **פלוצלינג מיטגעהאלטן ממש א מורא'דיגע טויש,** צוויי חדשים שפעטער איז בטעות ארויסגעפאלן פון אים אז **ער איז געווען דא ביי די שיעורים,** דאס איז געווען יעצט אדר א', **איך בין ספאנטאן געגאנגען זיך דא איינשרייבן כדי צו קענען זיין א שטערקערער בעל נפש,** קענען אויפמישן א בעסערער קאפיטל אין לעבן, און **זען בעז"ה גרויסע הצלחות.**

קודם דאס אז **איך קען רעדן פאר אן עולם,** בפרט צווישן מיינע תלמידים (איך בין דאך א מלמד) **איך האב אנגעהויבן צו נוצן געוויסע טולס פון דא כדי צו קענען בעסער פארלערנען און פארפירן ליבליכע שמועסן מיט מיינע תלמידים, און צוגלייך כדי צו קענען טון זאכן וואס מען דארף טון,** ובפרט ביי שווערע תלמידים וואס **אלע מלמדים האבן זיך געמוטשעט מיט זיי.** איך האב גענוצט געוויסע טולס און אין לויף פון די לעצטע פאר טעג **וואקסט נאכאנאנד די ליסטע פון קינדער וואס קומען צו מיר דערציילן זאכן אין וואס זיי האבן געהאט הצלחה.**

נאך מער, **אנדערע מלמדים, מיטארבעטער,** זיי האבן מיר געזען טון מיט די שווערע קינדער פון די טולס, און **זיי האבן געזען זייערע הצלחות, קומען זיי מיר פרעגן גענוי וואס איך האב געטון, א מורא'דיגע קנאת סופרים איז פארווירקליכט געווארן אין חדר.**

און חוץ מזה, **די גאנצע בליק ארום און ארום טוישט זיך אויך,** די גאנצע בליק וואס מען האט ביז היינט געהאט צו די ארומיגע וועלט טוישט זיך, ווי אזוי מען האט אנגעקוקט דאס, ווי אזוי מען האט אוועקגעמאכט דאס און יענץ אלעס טוישט זיך.

דערפאר, הערטס מיר אויס טייערע אידן, איך זאג ענק אלע, די וואס וויל ארייגגיין אין א העכערן לעבן, אין א בעסערן לעבן זאלן אנעמען דער עצה טובה וואס איז בדוק ומנוסה און זיך דא איינשרייבן, איי געלט? מ'זאל נישט קוקן אויפ'ן געלט, איך האב אויך געמיינט מען דארף קוקן אויפ'ן געלט, אבער מן השמים האב איך צוריקגעזען דאס געלט אויף אזעלכע וואונדערליכע וועגן, **א טאג נאכדעם וואס איך האב מיר איינגעשריבן, איז דאס גאנצע געלט שוין צוריקגעקומען צו מיר אויף א וואונדערליכן אופן.**

איידער איך ענדיג מוז איך **דאנקען דעם חשוב'ן מדריך שליט"א,** ס'נישטא קיין ווערטער צו באדאנקען, סיי אלעס וואס ער האט אויסגעלערנט און סיי אונזער גאנצער מהות וואס האט זיך **געטוישט מקצה אל הקצה,** און אונז זעמיר דערפאר שולדיג פאר אים א הכרת הטוב אויף אלעס וואס ער לייגט אריין, דער אויבערשטער זאל העלפן ער זאל **ווייטער מצליח זיין, און קענען גיין ווייטער מחיל אל חיל.**

**הצלחה רבה!**

"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטערנספערט צו זיין
עקסטענשאן נומער"

**יא! בעז"ה קענט איר דאס אויך באווייזן!**

רופט אין אפיס, אויף
**845.232.1079**

איינמאל מען רעגט אים אויף, אוי וויי רחמנא יצילינו. איך קען א מענטש וואס איז געווען א מורא'דיג רואיגער מענטש, און מיט זיין גרויסער רואיגקייט האט ער געבעטן עפעס פון זיין חבר זאל אים ערלעדיגן, ער בעט אים און ער בעט אים איינמאל נאכאמאל און ווידעראמאל, איז געקומען א צווייטער חבר און ער האט געטון פונקט דאס פארקערטע פון זיין בקשה, דער 'רואיגער' מענטש האט זיך אזוי אויפגערעגט אז ער האט גענומען א פול גלעזל הייסע קאווע, ער האט דאס געגעבן א שיס אריין אין יענעם'ס געזיכט, דער באטרעפענדער איז געווארן באגאסן מיט הייסע קאווע. ס'האט זיך נישט געענדיגט דא, נאר די גאנצע פערקיולעיטאר, די הייסע פערקולעיטאר איז אראפגעפלויגן פון די קאנטער אויסגעגאסן אויפ'ן פלאר צוליב כעס און שוים.

וואס גייט פאר, א סעקונדע בעפאר איז ער דאך געווען פון די רואיגע סארט מענטשן? נישט אזוי? און איך געדענק ווען איך האב אים געזאגט אז מען דארף קומען וועגן רואיגקייט צו די קלאסן, האט ער געזאגט "איך? ווייסט ווי רואיג איך בין, מען קען מיר נישט אויפרעגן, עס איז אוממעגליך, פרוביר", אן אנדערער האט פרובירט, און די איבריגע איז היסטאריע.

נישט לאנג צוריק איז געווען די מעשה איך האב עס געהערט פון א צווייטן.; איך האב אים דאן אנגערופן, האב איך אים געפרעגט נו, איך מיין דיר נישט יעצט צו סעקירן און זינגען א זיג ליד, אבער פיל דיר נישט שלעכט, זע כאטש ס'איז דא אזא מין זאך, און טראכט אריין וואספארא פנים דו האסט געהאט ביי די אלע ארומיגע און צושויער, אלע זיינע חברים קוקן אים צוליב דעם אן אלס צעדרייטער נערוועזער פארשוין, און טאקע די חברים וואס האבן ביז דאן געמיינט אז ער איז א רואיגער סאלידער מענטש.

איי ס'איז געשען איינמאל? מ'האט שוין געהערט אזאנס, די לעצטע מאל וואס ס'איז געשען איז געווען 7 חדשים צוריק. אבער צו שעדיגן א מענטש איז גענוג איינמאל אין צען יאר אויך. איינמאל אין צען יאר דו שעדיגסט איינעם, קיינער וועט נישט וועלן שטיין אין דיינע ד' אמות, און אפילו איינמאל אין פופציג יאר אויך נישט.

א בי"ד וואס הרג'עט א מענטש אחת לשבעים שנה, זאגט דער גמרא אין מכות, איז אויך נקרא חובלנית, בלויז צוליב איינמאל שעדיגן. והיוצא לנו מזה, אויב איז מען א רואיגער מענטש וואס איז געבוירן רואיג, קען ער פארט נאכנישט ענדגילטיג ערקלערן אז ער האט א דיפלאמע פון רואיגקייט, ער קען נישט זיין גאראנטירט צו זיין אלעמאל רואיג. ומצד שני, אויב ער האט זיך געלערנט, אפילו ער איז בתולדתו א גערעגטער מענטש, פון נאטור אויס, אבער ער האט זיך געלערנט וויאזוי צו זיין רואיג, ביי אים וועט עס נישט פאסירן. ווייל זיך לערנען מיינט אז מען זעט אז ס'קומט אן, און וויאזוי ס'קען אנקומען די שעדליכע אטאקעס, און מען ווייסט וואס מען האט צו טון, איז מען פיין באווארנט נאך פאר מען זעט עס בפועל, און מען ווייסט וואס מען האט צו טון מיט פונקטליכע דירעקציעס, ממילא קומט עס נישט אן צו אזעלכע זאכן.

די אלע ענינים וואס מ'לערנט זיך דא אויס קען איך נישט פאראויס זאגן פאר קיינעם אז פאר דיר וועט דאס ווירקן און פאר דיר דאס, ווייל פאר יעדן איינעם איז אנדערש. אבער אזוי ווי ס'איז שוין געווען דא אידן וואס זענען דורך די קלאסן קען איך באשטיין צו הערן פון זיי וואס זיי האבן אויפגעטון, וויבאלד דאס האט א געוואלדיגע תועלת, הן לגבי וואס יעדע מעשה וואס מ'גיט מיר איבער וועגן וויאזוי די קלאסן האבן ביי אים אויפגעטון, איז עס פאר מיר פונקט אזוי חיזוק ווי פאר אנדערע, און דאס געט מיר באווייז אז די זאך איז גוט און שטאנדהאפטיג, און עס האט א ווירקונג אויף די עתיד פון די קלאסן. און סיי לגבי די מענטשן וואס ווילן וויסן וואס ס'קען זיי העלפן קען איך כסדר ענטפערן "געב א קוק וואס ער זאגט, און וואס יענער זאגט" און יעדער קען זיך ווארשיינליך צופאסן צו איינע פון די פילצאליגע עפיזאדן וואס מיטהאלטער פארציילן.

איך וועל דאס אביסל מער נענטער מדגיש זיין, ווען איינער זאל מיר פרעגן אויב ווען מען לייגט אריין ווייץ-קערנדלעך אין דער ערד גייט וואקסן הונדערט מאל אזויפיל, וואס זאל איך אים ענטפערן? וויאזוי מעג איך אים ענטפערן יא, איך ווייס טאקע נישט, ווער זאגט? אבער אויב ס'איז געוואקסן נעכטן אזויפיל, אייער נעכטן אזויפיל, אייער אייער נעכטן אזויפיל, וואס ענטפער איך יענעם מענטש, איך ווייס דיר נישט וואס צו זאגן אבער אזוי געשעט, לייגסט אריין ווייץ אין די ערד וואקסט די ווייץ.

דאס אלעס וואס איך הער דא פון די מענטשן איז פאר מיר נייעס פונקט ווי פאר די געסט, איך וויל הערן וואס געשעהט ווען מען גייט דורך דעם קלאס, וואס זענען די רעזולטאטן, אין קלאס אליין רעדט מען נישט אז מען זאל דאווענען פאר'ן עמוד, מען רעדט נישט מען זאל טון דאס מען זאל טון יענץ. א גרעסערע חלק וואס איך הער וויאזוי מענטשן רעדן דא אז זיי האבן אויפגעטון, איז נישט זאכן וואס מען האט גערעדט אין די קלאס, ס'איז תוצאות וואס איז ארויסגעקומען דורך זיך שטארקן אין די פיר זאכן וואס מיר האמיר פריער ערוועהנט, און דורך האבן די דאזיגע שטארקייט, קען ער צוגיין צום עמוד, דורך האבן מער קאמיוניקאציע האט ער אן אנדערע שפראך, מאכט ער די קינדער זאלן טון וואס מען דארף, אפילו מען האט נישט גערעדט פון דעם מין פאל און פון דעם מין אופן. און דאס העלפט מיר אנצוצייגן פאר פרעגער איבער די שיינע אנטוויקלונגען פון די קלאסן.

וועלן מיר געבן יעצט קודם די געלעגענהייט פאר די קלאס מעמבערס וואס זענען שוין געווען דא א יאר צוריק און מער, וואס זענען געקומען באזוכן די היינטיגע אינטראדאשען צו איבערגעבן וויזאזוי איז אדורך א יאר, נאכן דורך גיין א קלאס, דערנאך וועלן מיר הערן די קלאס מעמבערס וואס זענען אדורך די יעצטיגע קלאס.

(אריבער 50 אזעלכע דרשות קענט איר הערן אויף די פראדאקטיוו האט ליין אויף 951.262.3674 און דריקט אריין פון 5 ביז 57 און זיך איינצושרייבן און די קלאס און אייער שטאט וואס פאנגט זיך אן און געציילטע טעג רופט יעצט און אפיס 845.232.1079 און מעגליך אז איר וועט נאך ווערן אפראוועט פארן פעי-אויט פראגראם אדורך צוגיין די קלאס בחינם, האט אסאך הצלחה מיט אייער באשלוס)

12

עפּעגטליכע
עדות

# פלוצים געווארן א בעל מספר, גוטער מחנך, הערליכע באציאונגען מיט די מלמדים

מיין נאמען איז...

ב"ה איך האב באקומען א מתנה פון הימל א שיינע שטוב מיט פיר לעכטיגע קינדער, פיינע וואוילע קינדער, און **איך האב אויך געמיינט אז איך וועל אריינלייגן מיינע קינדער אין חדר און אלעס וועט פארן געשמירט ביזן זיי חתונה מאכן און אלעס וועט זיין פיין און וואויל...**

למעשה האב איך אריינגעלייגט דאס ערשטע יונגל אין חדר, **ויהי היום זאגט מיר דער רבי "ער איז שטיל"** האב איך געזאגט פאר'ן מלמד "שוין אבער ער האט דאך אנדערע מעלות" ערלעדיגט, מען וועט עס דורכשטופן און געגאנגען ווייטער. **ס'קומט אן אין כיתה א', און דער רבי זאגט מיר אז "ער איז זייער שטיל"**, ער האט מיר אבער מחזק געווען אז איך זאל נישט זארגן, ער איז א גוטע יונגל ער איז זייער גוט און פאלגזאם, און דאס וועט איבערוועגן.

אביסל שפעטער האב איך בשעטו"מ אריינגעלייגט נאך א יונגל אין חדר, און... **די זעלבע פאון קאלס הייבן זיך נאכאמאל אן...** ס'איז געווען בערך צוויי וואכן פאר איך בין אהערגעקומען, באקום איך **א טעלעפאן קאל פון דעם מנהל, אז מען דארף זען עפעס צו טון**, איך זאל זען צו זיין אין שפּיץ פון די אקטיוויטעטן וואס מ'דארף דרינגנד טון פאר דיין יונגל וואס ער גייט דארפן דורכגיין יעדע צוויי וואכן. אבער איך האב נישט געהאט קיין אנונג וואס מען וויל דא, איך האב מיר מחזק געווען, אז פאקטיש האט ער דאך אנדערע אזעלכע גוטע מעלות, אזא פיין יונגל ער קען אלעס אזוי גוט, ס'איז אלעס זייער פיין.

ס'איז געווען פונקט דעמאלטס, האט מיר איינער גערופן איך זאל אהערקומען דא צו פּראדוקטיוו, איך האב געטראכט אז דאס איז אפשר א גוטע עצה ווייל איך האב גערעדט צו ר' יעקב יצחק, ר' יעקב יצחק האט געזאגט אז אויב איך וועל דא קומען וועלן זיך די זאכן טוישן. איך האב דעמאלטס דורכגערעדט מיט אים א שעה צייט אלע איינצלהייטן און ער האט מיר גאראנטירט אז דא וועט אלעס נשתנה ווערן לטובה בעז"ה.

למעשה; **אזוי ווי איך האב נאר אביסל אנגעפאנגען צו גיין צו די קלאסן**, האב איך דאס וואס **איך האב געהאט געמיינט אז ס'איז א פיינע לעכטיגע שטוב, אלעס פיין און וואויל, האב איך געזען אז ס'איז נאך דא צו גיין א סאך, סאך ווייטער**, איך האב אנגעפאנגען צו זען **א נייע דערהער**, יעדעס מאל וואס איך קום אריין אין הויז, **אלע קינדער שמייכלען צו מיר און פרייען זיך צו מיר**, און יעדן טאג באזונדער האבן **אלע קינדער אנגעפאנגען צו פארציילן**, ביז דאן פלעגן זיי נישט פארציילן פון חדר און פון סקול, **אויפאמאל האבן זיי אנגעפאנגען צו פארציילן אלע זייערע זאכן**, אסאך מאל שטייען אלע דריי קינדער צוזאמען, יעדער איינער וויל אויפאמאל ווי אין א כאר פארציילן וואס איז היינט געווען אין חדר און אין סקול.

איך האב געהאט איין טאג מיין טאכטער קומט אראפ פון באס, און שוין אויף די שטיגן אראפ פון באס פרעגט זי מיין פרוי "איז טאטי אינדערהיים?" זאגט זי פאר'ן קינד "ניין" זאגט זי "יוי איך האב שוין געוואלט טאטי זאל דא זיין".

און אזוי ווי איך האב אנגעפאנגען צו גיין צו די שיעורים, האב איך אנגעפאנגען א נייע זאך, **יעדן טאג האב איך שיינע מעשיות צו פארציילן**, אמאל האב איך געהאלטן זיכער אז איך קען נישט פארציילן קיין מעשה פאר קינדער, איך האב נישט קיין מעשיות צו פארציילן, **אויפאמאל זינט דאן, האב איך יעדע נאכט מעשיות צו פארציילן**, ס'איז דא באמת אסאך שיינע מעשיות צו רעדן און פארציילן.

איך האב אנגעפאנגען ב"ה נאך א נייע זאך, **איך האב אנגעפאנגען קאמיוניקירן און זיך מסדר זיין מיט די רבי'ס**, די רבי'ס זאלן מיטארבעטן כדי צו קענען טאקע זיי ארויפברענגען צו זיין העכער, מען האט אנגעפאנגען צו טון אין דעם און **מען זעט שוין גרויסע זאכן ב"ה.**

עס איז געווען איין טאג קריג איך א טעלעפאן קאל, מיין פרוי רופט מיר אן, אז זי האט יעצט גערעדט צו דער טיטשערע, די טיטשער האט נישט געהאט קיין אנונג פארשטייט זיך פון די גאנצע זאך, זי זאגט פאר מיין פרוי אז זי ווייסט נישט וואס איז געשען, די לעצטע פאר וואכן, מיין טאכטער איז אויפגעלעבט געווארן, ס'איז עפעס א נייע מיידל אין דעם קלאס. האב איך געזען פון דעם **אז מען טוט אביסל, מען פאנגט נאר אן אביסל צו טון זעט מען גרויסע זאכן, די גאנצע זאך ווערט לעכטיגער און לעכטיגער און ס'איז פרייליכער און פרייליכער.**

און איך האב געוואלט איין זאך זאגן, אז ס'איז קלאר ווי די טאג אז אפילו אויב דאס קאסט אביסל געלט, אבער אויב מען רעדט דא פון ארויפברענגען קינדער, מחנך זיין קינדער, איז יעדע דאלאר וואס מען לייגט צו איז גארנישט, די $2,000 וואס ס'קאסט, איז דאך אזא זאך וואס גייט פאר דורי דורות ס'איז גארנישט מיט גארנישט. איך האף דער עולם וועט האבן שכל און מען וועט זיך איינשרייבן.

**הצלחה רבה!**

"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פּראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטרענספערט צו זיין
עקסטענשאן נומער"

פּראדאקטיוו
קורס

קלאס מעמבערס
טרעטן אויף ברבים
ביים אינטראדאקטען
פונעם קורס
און שילדערן די רושם
וואס די קורס
האט אויף זיי
משפיע געווען:
**ליינט און האט
הנאה!**

אויפטריט פון האברך..
עקסטענשאן:

- #766 -

**יא! בעז"ה קענט איר
דאס אויך באווייזן!**

רופט אין אפיס, אויף
**845.232.1079**




דרשה אצל סיום/אינטראדאקשען של אחד מה'פראדאקטיוו' קלאסן:

## ע"י הר"ר **יעקב יצחק שטיינמעטץ** שליט"א

מדריך 'פראדאקטיוו-קורס'

**וואס זענען די יסודות פון פראדאקטיוו קלאסן?**

די לעצטע צוויי חדשים זענען קרוב צו צוויי מנינים יודן זיך צאמגעקומען און געארבעט אויף זיך ווי אזוי צו באקומען א בעסערן לעבן, א לעבן וואס די זון שיינט בייטאג און ביינאכט, א לעבן וואס די ליל שימורים, די לעכטיגע סדר נאכט איז נישט נאר איינמאל א יאר, נאר ווי די ספרים הקדושים זאגן א סדר פאר א גאנץ יאר, א לעבן וואס מ'זעט איין אז דער וועג ווי אזוי דאס איז אויסגעשטעלט איז געוואנדן אין 'מיר', דער וועג ווי אזוי א זאך קען ארויסקומען פריילין צי אנגעזעצט ליגט אין 'מיין' האנט.

נארמאל פילט א מענטש, ספעציעל איינער וואס ארבעט אלע יארן אויף אמונה, אז אלעס טוט דער אויבערשטער, און אין א געוויסן זין ווארפט ער ארויף אלעס אויפ'ן אויבערשטן. אז עפעס גייט נישט גוט דארף ער ארויפווארפן אלעס אויפ'ן אויבערשטן. און וואס געשעט אז 'ער' זעלבסט, דער בעל האמונה, טוט עפעס נישט ריכטיג, אויף וועם ווארפט ער אין אזא פאל ארויף דעם פעקל? פארשטייט זיך אויפ'ן רבוש"ע. אבער דעמאלטס ווארפט עס דער אויבערשטער צוריק ארויף אויף אים.

ס'איז אן אלטע מחלוקה השיבנו ה' אליך ונשובה, צי שובה אלי ואשיבה אליכם, ווער זאל אנפאנגען ערשט? ביידע איז וואר, און ביידע געשעען ביי אן אמת'דיגע בעל בטחון. ס'איז דא זאכן אין די מענטשנ'ס לעבן וואס ער קען אפילו מתפלל זיין און ער קען האבן אמונה, ער מוז אבער עפעס כאטש אנפאנגען צו טון, און ווי לאנג ער וועט נישט אנהייבן צו טון וועט עס נישט ווירקן. למשל וואס איז אויב איינער איז מתפלל אז ס'זאל זיך נעמען וואקסן פון דא ווייץ, און ער וועט בעטן א יאר, צוויי, דריי, פיר, פינף און גלייבן אז דא גייט וואקסן ווייץ, הרבה עשו כר' שמעון ולא עלתה בידן. לויט אונזערע דרגות, און לויט אונזער מציאות, וועט עס נישט געשען. טאמער וויל ער עס זאל וואקסן ווייץ, דארף ער גיין אין א פלאץ וואו ס'איז געמאכט צו וואקסן ווייץ, און אריינלייגן דארטן קערנדלעך און עס באוואסערן, באהאנדלען, און טון אלע אינסטרוקציעס וואס מען דארף צו טון עס זאל ארויסקומען גוטע ווייץ און דעמאלטס וועט עס פאסירן. און דא קומט אריין אמונה אין בילד.

די אפטייטש פון אמונה איז גלייבן אז אפילו דו מיינסט און דו רעדסט דיך איין אז דו האסט עס געטון און דו האסט די כוחות און די פארשטאנד און דו פארשטייסט, ניין, נישט דו האסט עס געטון, נאר דער אויבערשטער האט עס געמאכט, דער גבור ורב להושיע דער כל יכול.

און לאמיר עס אביסל ברייטער אויסשמועסן. ס'איז דא צוויי סארטן מענטשן וואס האנדלען אומריכטיג לגבי אמונה, זייער א סאך מאל איז דא די מענטשן וואס זיי האבן געוויסע סיטואציעס אין לעבן, געוויסע אומשטענדן, א וועג ווי אזוי די לעבן איז אויסגעשטעלט, און ער פרובירט מיט אלע וועגן אז ס'זאל זיין אנדערש, אבער ס'איז נישטא וואס צו רעדן, ס'קען זיך נישט טוישן, ס'קען נישט זיין אנדערש, נאר אזוי קען עס

זיין, אבער ער ארבעט שווער. זיין פראבלעם איז אז ער איז האט נישט ריכטיג ארויס אמונה מיט'ן גאנצן עומק. יא, ס'איז דא געוויסע זאכן אין לעבן וואס דער רבוש"ע וויל נישט אז דו זאלסט טוישן, און בכגון דא איז דיין ארבעט און פליכט, צו נוצן אביסל שמחת החיים און צופרידנקייט מיט וויאזוי מ'איז באשאנקען געווארן פונעם יוצר הכל, וכשם שמקבל שכר על הדרישה כך מצוה לקבל שכר על הפרישה.

דערנאך איז דא א קאטעגאריע, ערגער פון ערשטן סארט. איינער האט זאכן וואס ער וואלט וועלן 'געוואלט' ס'זאל זיין אנדערש, אבער ער טוט גארנישט דערצו. פארוואס? אויבערפלעכליך, ווייל ער האט בטחון, און איז אויפגעארבעט מיט קבלת יסורים באהבה.

איך וואלט עס באטיטלט אזוי, לפי ראות עין נעמט ער עס טאקע אן, ער האט בטחון און איז מקבל באהבה, אבער באמת לאמיתו האט ער פארטוישט די כוונה וויאזוי דער אויבערשטער האט אראפגעשטעלט זיין וועלט. דער אויבערשטער האט געגעבן כח פאר א מענטש צו קענען דערהייבן שווערע מענטשן, און דער אויבערשטער האט געגעבן קוראזש פאר א מענטש צו קענען טוישן זאכן צו טון אנדערש. און עס איז בידך צו טוישן די זאכן וואס דער רבוש"ע האט אהערגעשטעלט א מהלך און מיטל וויאזוי עס צו ערזעצן. ממילא, די ערשטע זאך איז, ארויסצוהאבן 'אמונה'. צו גלייבן אז דער אויבערשטער טוט אלעס, אפילו נאכדעם וואס ער אליין האט געארבעט דערויף, אבער, ער מוז ארבעטן דערויף, און ווי פארשטענדליך זאכן וואס מ'קען נישט טוישן, השתיקה יפה להן.

און מ'מוז אויסשמועסן לגבי די ענינים וואס השתיקה יפה להן, און גוט אריינגעמען אין געדאנק, און גלייבן, אז דער רבוש"ע האט געגעבן חכמה פאר'ן מענטש אז מען זאל דייקא 'נישט' טוישן געוויסע זאכן, מען זאל זיך נישט אמפערן אויף זאכן וואס זענען אנדערש נגזר געווארן למעלה. וואס מען דארף טוישן און ס'ליגט אויף אים צו טוישן זאל ער טון, זאכן וואס איז נישט שייך צו טוישן זאל ער אננעמען און נישט פרובירן אויסצוראטן בחוזק יד. דאס ברענגט צו, אז וויבאלד ער קען בשום אופן נישט דורכפירן די זאכן, הייבט ער צו ליידן פון דעפרעסיע, נערוועזיגקייט, פילן אז ער קומט נישט אן און קען נישט אויפטון וכו' וכו'. דאס איז אין רעזולטאט פון זיך פארלייגן אויף אוממעגליכע פראיעקטן וואס ער האט גענומען אויף זיך.

## שָׁמוֹר וְזָכוֹר בְּדִבּוּר אֶחָד...

פראדאקטיוו לערנט אויס:

**וואס יא טון, און וואס נישט טון**

אויף דעם איז געזאגט געווארן "זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו" אין דער זעלבער צייט, סיטואציע, און אין זעלבן לעבן, האט א מענטש א חיוב פון 'זכור', טון וואס ער דארף צו טוישן די מצב, כאטש ס'לויפט שוין אזוי יארן אויף אזא מהלך ווי אזוי ס'איז אויסגעשטעלט צווישן מיר און די קינדער, צווישן מיר און מיין בני בית, צווישן מיר און מיינע שכנים, צווישן מיר און מיינע ארבעטער, פארט איז בידו בעז"ה צו טוישן דעם ביז איצטיגן מהלך און כאראקטער, און דאן איז זיין אויפגאבע 'זכור' נישט פארגעסן, נישט אויפהערן, נישט שלום מאכן, זיך נישט צוגעוואוינען, נאר ארבעטן צו פארבעסערן די סיטואציע, וטוב לך.

ומאידך גיסא איז 'שמור' וואס איז שמור? לאזן אזוי ווי ס'איז, ס'איז גוט. זכור גייט ארויף אויף קום ועשה, און שמור גייט ארויף אויף נישט טון. און דאס צו קענען ביידע זייטן, סיי לענגו ולכבדו, צו וויסן ווי אזוי ריכטיג מכבד זיין אנדערע מענטשן, צו וויסן ווי אזוי מען קען הנאה האבן אויף די וועלט אויף'ן ריכטיגן וועג און זיך טוישן מעלה מעלה, און סיי להממו ולאבדו, וואס מען זאל אוועקשטיין וואס מען זאל נישט טון, ער זאל נישט איבערשטרענגען די כוחות אומזיסט. דערצו איז דא אוועקגעשטעלט די פראדאקטיוו קלאסן, וואס דאס איז הויפטזעכליך געצילט אויף די איינצלנע הויפט יסודות, און צעטיילט זיך אויף פיל שטארקע פארשידנארטיגע יסודות וואס שענקען פאר'ן באטייליגטער אומצאליגע טולס און נוצבארע טיפס, פון וואס מ'קען געניסן א גאנץ לעבן.

לענגו ולכבדו גייט אסאך טיפער, אסאך מאל וויל א מענטש אוועקשטיין פון א נישט גוטע געוואוינהייט, ער האט אבער נישט די כוחות, נישט בלויז מ'לערנט דא אויס אז דו קענסט 'יא' זיך טוישן, נאר מען מאכט ווירקליכע פארשריט צו מאכן שטערקער די כוחות און מען ארבעט אויף דער כח וואס די מענטש האט, און ער ווערט א שטארקער מענטש צו טוהן למעשה.

## לִקְרַאת שַׁבָּת לְכוּ וְנֵלְכָה...

פראדאקטיוו לערנט אויס:

**פירן א שבת טיש מיט קליין און גרויס;**
**"סוף מעשה במחשבה תחלה" מען**
**ארבעט מיט א פלאן אויף למעשה**

די זעלבע איז לגבי דאס וואס א מענטש פילט למשל אז ער האט באקומען געוויסע אויפגאבעס וואס ער קען עס נישט אויספירן. דער אויבערשטער האט מיר געשיקט געוויסע אופנים וויאזוי מיין קינד איז, איך דארף מיר פארלאזן אויף ניסים - בעסער געזאגט, איך וועל מתפלל זיין, געבן צדקה, דאס קען איך, אבער ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן מיט'ן קינד, דער איז דאך אזא מחוצף, ווי אזוי צו מאכן קינדער זאלן זיצן נארמאל ביי דער טיש, איך ווייס נישט ווי אזוי, ער טאנצט ארויס פון די הויט. דא לערנט מען אויס, לענגו ולכבדו, אז ביי דער שבת טיש, זאל איך יא קענען שטעלן פרינציפן, און פירן א שיינער שטוב מיט נארמאלע קשרים צווישן אים און דער ב"ב און צווישן די קינדער.

עס האט מיר דערציילט א איד וואס האט קע"ה אכט קינדערלעך פון יונג ביז אלט. פאר ער איז געקומען צו די קלאסן,

איז געווען זיין שבת טיש באזירט אויף אזא מהלך. דאס האט ער פארשטאנען מען דארף זיך צוגרייטן, טאמער וויל ער האבן עפעס א שיינער שבת טיש, די פראבלעם איז אבער געווען אז וואס האט ער צוגעגרייט איז אן אנדערע האלבע טיש נישט דא געווען, האט ער זיך צוגעגרייט אויף די קינדערישע ניווא, זענען די עלטערע פארשוואונדן געווארן. דאקעגן האט ער זיך צוגעגרייט פאר ערוואקסענע זענען די יונגווארג אנטרינען, מען האט זיך אנגעהויבן צו שפילן, מען האט איבערגעדרייט די שטוב, מען האט איבערגעדרייט די טיש. נו, וואס טוט מען? גארנישט, אזוי איז עס און פארטיג.

ווען ער איז דורכגעגאנגען די קלאסן און זיך אויסגעלערנט א 'דרך הממוצע' ווי אזוי מען קען יעדן איינעם אריינברענגען אין בילד, האט זיך ארויסגעגליטשט פון זיין מויל, "לקראת שבת לכו ונלכה כי הוא מקור הברכה", אז מען האט געזען אז שבת איז באמת א בא'טעמ'טער טאג פאר יונג און אלט, אויפאמאל.

אין אמת'ן אריין עפ"י מזל איז שבת א שווערער טאג. דאס טייטשן די ספרים די וואך אין דער סדרה, איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו, שטעלט זיך א קשיא פארוואס 'איש אמו ואביו תיראו'? ס'ליגט אויף אים א חיוב, די טבע פון דער וועלט איז מ'זאל האבן קינדער, די ערשטע מצוה אין דער תורה איז פרו ורבו, קינדער זענען געוואנדן אינעם מזל, וואס דארף איך ווענן דעם מכבד זיין טאטע-מאמע זיי האבן דאך מיר אראפגעברענגט אויף דער וועלט אלס וועלט נאטור?.

נאר דער תירוץ איז "ואת שבתותי תשמורו" די מזל פון שבת איז ארבעטן, זיך מוטשען, די קינדער שטייען אויף די געהירן, דער שווערסטער טאג פון דער וואך, ס'פאנגט זיך אן מיט מזל מאדים, זיך מוטשענען. און דעריבער זאגן טאקע ליידער מאנכע, אז די שבת קודש פאר זיי איז אן אפקומעניש, ווען גייט מען שוין צוריק צו דער ארבעט. זיי שטייען שוין ביים זמן יושבת וממתנת עד כלות שבת, זיי ווילן שוין אנטלויפן פון דער שבת. א לאנגע דאווענען, מיט די טישן ער לויפט אוועק דערפון, ס'איז נעבעך א פרעשור פאר אים. דאס איז לגבי דער עצם מזל און כח פון שבת.

אבער יודן וואס זענען למעלה מן המזל, זענען באאויפטראגט דאס אויסצונוצן אויף פונקט פארקערט, זיין רואיג פארברענגען רואיג, און דאס מענג זיין, זיך משמח זיין אין שבת קודש.

און דא שווימט ארויף די געוואלדיגע מתנה טובה פון די קלאסן, מען קומט אהער און מען לערנט זיך אויס א וועג ווי אזוי מען טוט קאמיוניקירן מיט די קינדער, א וועג ווי אזוי מען קען שמועסן אנדערש מיט זיי, אה, ס'ווערט א "לקראת שבת לכו ונלכה כי הוא מקור הברכה" ס'ווערט א ברכה, ס'קומט איין טאג וואס מען קען האבן א מחי'דיגער טאג.

פון די גרעסטע זאכן וואס מען לערנט זיך דא אויס, איז וויאזוי צו באווייזן גרויסע פראיעקטן, און דאס געשעט דורך דער מורא'דיגער כח פון "סוף מעשה במחשבה תחלה" מ'לערנט דא אויס די געצייג ווי אזוי אויפצובויען די מחשבה ריכטיג. און דורכדעם אזוי אזוי אנקומען צו דער מעשה.

אין קורצן וויאזוי דאס ארבעט איז ווי פאלגנד: ס'איז דא בערך 12 אדער 13 זאכן וואס האלטן אפ מענטשן אנצוקומען צו זאכן וואס זיי ווילן אנקומען, שוועריגקייטן וואס בלאקירן דעם מענטש, און אויב צען זאכן איז אים נישט נוגע, אבער צוויי זאכן איז אים דאך יא נוגע, פונקט גענוג צו שטערן צו שטייגן, פארוואס? ווייל ווען א מענטש האט א דורכפאל אינמיטן דורכפירן סיי וואס, ווערט ער אנטמוטיגט און באקומט קאלטע פיס און ער ציט צוריק, דעריבער אויב האט ער אפילו איין זאך וואס קען אים שטערן פון אנצוקומען צו פראיעקטן, געווענליך איז אלעמאל דא אדורכפאל איינמאל אינמיטן, ממילא געענדיגט, מער קען ער עס נישט טון.

אבער אויב האט מען די ריכטיגע אויפגעבויטע וועג נאך איידער'ן עס אנהייבן, און ער האט פונקטליכע דירעקציעס ווי אזוי מען שטעלט אוועק דעם פראיעקט און וויאזוי עס צו פארפולקאמען, דאס איז ריכטיג "סוף מעשה במחשבה תחלה" די סוף מעשה ליגט שוין אין זיין מחשבה, און עס אינטערעסירט אים מער נישט אלע שטרויכלונגען, הקטנים עם הגדולים, ווייל ער קוקט נאר אויף דער סוף מעשה, און אזוי קומט ער אן צו מעכטיגע אומגלויבליכע זאכן.

### מִקְדָּשׁ מֶלֶךְ עִיר מְלוּכָה...

**פראדאקטיוו לערנט אויס:**

**"מקדש מלך עיר מלוכה" דער מאן איז ריכטיג דער מלך אין שטוב**

איך האב געהערט אמאל א ווערטל, א חתן מיינט ווען ער האט חתונה אז ער איז דער מלך, איינמאל ער איז איר מקדש, איז ער דער מלך, צום סוף ווערט ער געוואר אז ס'איז 'אי"ר מלוכה', זי איז די מלכה. אבער יודן וואס זענען דורכגעגאנגען די קלאסן ווערן אויף איינמאל געוואר אז זיי זענען די מלך בבית, און אויב זיי ווילן טון עפעס א זאך וואס זיי ווילן אנגיין, דארפן זיי עס נישט טון 3:00 פארטאגס, ער קען עס טון 9:00 ביינאכט וכדומה, וואס ער וואלט ווען געוואלט טון, איז ער בעל הבית צו טון, און ער ווערט בעל הבית אויף זיין שטוב אין די ריכטיגע אופן.

וויפיל יודן פלאגן זיך איידער'ן דורכגיין די קלאסן, זיי ווילן אנקומען צו א געוויסע זאך און ער זעט ווי די בני בית האט אזא מין כח צוריקצוהאלטן. און נאכ'ן דורכגיין די קלאסן טוישן זיך די זאכן מקצה אל הקצה, בבחי' להיות כל איש שורר בביתו.

נו, ווען מען זאגט פאר די פרוי זאלסט וויסן, אז אויב דיין מיין וועט גיין צו די קלאסן גייט ער ווערן בעל הבית, וועט זי דאך עס נישט וועלן? איך וועל שטעלן נאך א קשיא וואס עגבערט



בס"ד
אין סומכין על הנס!
ר' איד:
אויב ווילט איר
א טויש אין אייער ביז
יעצטיגן לעבן;
אויב ווילט איר עס זאל
וואקסן א נייע (די?)...
?????????????
דאן טוט די
ריכטיגע
השתדלות!
גייט אדורך א 'פראדאקטיוו-קורס' וואס האט שוין
ארויפגעברענגט דאס לעבן פון הונדערטער אינגעלייט

מענטשן וועגן דער ענין ווערט ערוועגט. אינ'אמת'ן אריין, פארוואס טאקע דארף איך זיין בעל הבית? אפשר טאקע זי? מהיכי תיתי?

ביידע באהויפטונגען זענען לגמרי נישט אמת, קודם זי וועט עס יא וועלן! ס'איז אזוי ווי א קענדי אויף די מינוט זעט עס אויס זיס, אבער שפעטער פילט מען די ציפ אין די מויל, מען פילט א נישט גוטן טעם, אט דאס איז די פאסיגסטע ביישפיל פאר א שטוב וואו די פרוי איז בעל הבית'טע, ס'איז מורגש ביטערע נאכווייען און נאכפאלגן. ס'איז טאקע אויף די מינוט זיס, זי קען זיין בעל הבית אויף דעם, אבער נאכדעם ציפט עס.

און דער אמת איז אז זי איז מער צופרידן דייקא ווען 'ער' איז בעל הבית. פארוואס? ווייל דער באשעפער האט באשאפן די נאטור פון די פרוי, אז זי זאל פילן מער באקוועם ווען דער מאן איז אויף איהר בעל הבית, דאס איז געצילט צו מאכן די בני בית לעבן געהעריג, לעבן געשמאק. פונקט פארקערט ווי מענטשן קלערן און מיינען אז אויב איך וועל איר נאכגעבן, וועט זי פילן בעסער. אויב דו וועסטו איר נאכגעבן וועט זי מעגליך פילן מער צעבראכן, דעריבער אויב לערנט ער זיך אויס וויאזוי צו פירן וויכוחים, דאן צייגט 'ער' בעלות, און אז ער איז בעל הבית אין שטוב, דאן איז דאס א שטוב על פי תורה, ועל פי מענטשליכקייט, און ביידע זענען העכסט צופרידן.

ולגבי דער טענה, וואס איז א חילוק ווער ס'איז בעל הבית? ס'איז נישט דער וועג וויאזוי דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט די בריאה, ועל זה נאמר "קומו צאי מתוך ההפכה", דרייט נישט אויס די יוצרות ווי די וועלט דא אין אמעריקע, וואס איז אויסגעדרייט אין אסאך הינזיכטן, אבער אין דעם ענין מורא'דיג שטארק, און ווי אזוי ס'גוי'איזשט זיך אזוי אידישט זיך ליידער, און דרינגט אריין בתוכינו במשרין ובעקיפין.

ווי אזוי שטייט אין די חתונה בריוולעך, וועמענס נאמען שטייט ערשט אין די איינלאדענונגען? די נאמען פונעם חתן, און דארטן אויף ענגליש איז עס פארקערט.

ב"ה אז מען גייט דורך די קלאסן קען מען ארויסקריכן און מען קען זאגן "רב לך שבת בעמק הבכא" איך האב געמיינט איך האב די בעסטע שלום בית, אבער ער ווערט אינפארמירט אז "רב לך שבת בעמק הבכא והוא יחמול עליך חמלה" ביזט געווען אין א בור עמוק, אין עמק הבכא, אבער ב"ה ביזט ארויס פון דארטן, והוא יחמול עליך חמלה.

און איך וועל מיר אביסל באציען צו די וואס זאגן "עס פעלט גארנישט אין מיין שלום בית" יא, אמת דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער ער זאל קענען ווייטער ממשיך זיין. אבער דער וועג ווי אזוי ס'דארף באמת צו זיין איז וויאזוי מ'לערנט דא אויס, ווי אזוי זאג איך ניין, ווי אזוי זאג איך יא, ווי אזוי קריגט מען זיך, ווי אזוי בעט מען זיך איבער, וויאזוי נעמט מען אויף ווען מען האט 'נאכאמאל' עפעס געמאכט נישט ריכטיג, אין פאל עס חזר'ט זיך איבער א טעות, א מיספארשטענדעניש, און איין צד האלט פאר "האסט שוין נעכטן זיך איבערגעבעטן" וואס טוט מען מיט די אלע זאכן? אז מ'קומט אהער ווערט מען געוואר וואס עס מיינט א ריכטיג ערשטקלאסיגע שלום בית.

אויך ווערט מען דא אינפארמירט איבער דער טענה וואס מענטשן שיטן אין ריכטונג פון נישט ארויסהאבן וואס עס מיינט אמת'דיג שלום בית, מענטשן קלערן אלץ "איך קען פארשטארקן שלום בית, בלויז ווען איך העלף אויסערארדנטליך", און צומאל קען איך טון אזויפיל אין שטוב און פארט העלפט עס נישט.

אבער דער אמת איז, אז שלום בית איז בכלל נישט אפהענגיג אין דעם, איין זאך העלפט, "אויב פירט זיך דער שטוב אויפ'ן וועג וואס דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט אז 'ער' איז דער מלך אין שטוב". עס איז בפירוש'ער גמרא, אפילו א גאסן קערער איז אויך א מלך אין שטוב, ווי די גמרא זאגט ביי להיות כל איש (מס' מגילה).

### הִתְנַעֲרִי מֵעָפָר קוּמִי...

**פראדאקטיוו לערנט אויס:**

## "לבשי בגדי תפארתך עמי" מ'באקליידט זיך מיט תפארת און שאץ

זייער א סאך מאל פילט א מענטש אויף זיך אז ער איז נישט גענוג א חשוב'ער מענטש, ער קען נישט גענוג טון, ס'איז נישט פאר אים די און די ביזנעס, ווייל ער קען נישט גענוג אויפטון דארט, צי ברוחניות צי בגשמיות, ער פילט זיך נישט גענוג חשוב עס צו קענען טון, ער פילט נישט זיין אמת'ע שאץ.

איך האב אמאל געשמועסט מיט איינעם וועגן די קלאסן, האב איך אים געזאגט ס'קאסט כך וכך, 2,000$, "אזוי סאך געלט?" האב איך איך פרובירט אויפצוקלערן אז ער שאצט אומריכטיג אפ די ווערט פון די קלאסן, און איך האב גענומען די מי אים צו העלפן אפשאצן דער פרייז, ער זאל פארשטיין אז ער גייט מאכן ערנסטע טוישונגען אין זיין פריוואטן לעבן, דאס איז שוין ווערד כל חללי דעלמא, ס'איז נישט א טשעינדזש פון אין איינצלהייט, דאס איז א רעדע פון אן אייגנארטיגן צוגעפאסטן טויש וואס וועט אים טוישן מקצה אל הקצה, עפעס אומגלויבליך. און דאס איז די גרעסטע זאך אין זיין לעבן וואס ער קען זיך וואונטשן און פאר דעם לוינט זיך צו צאלן אפילו פיל מער ווי דער פרייז.

עכ"פ דער איד האט נאך אלץ געצויגן מיט די אקסלען, נישט ווילנדיג אננעמען מיינע רייד, אז דא איז א רעדע פון ערנסטע טוישונגען, האב איך אים געפרעגט "דו גלייבסט אז אויב עס איז אמת אז דא מאכט מען די מעכטיגע טוישונגען לוינט זיך עס, דאן וואס איז די פראבלעם יעצט, וואס האלט דיר אויף, ווייל דו ביסט נישט זיכער? אויב ביסטו גרייט צו צאלן כל הון דעלמא אויב ס'איז א וודאי, דאן אפילו פאר א ספק לוינט זיך געוויס צו לאזן קאסטן?", זיין ענטפער איז געווען "איך ווייס נישט צי ס'איז בכלל אזויפיל ווערד אפילו ס'איז א וודאי".

13

# א באלוינונג פון מיין בעה"ב...
# און שעצונג ביים ארבעט...
# ב"ה אדאנק "פראדאקטיוו"!

עפענטליכע עדות

פראדאקטיוו קורס

מיין נאמען איז...

איך בין א **פלאמבער אויף ני"ו קאנסטראקש"ן**, און איך בין געקומען צו דעם קלאס זיך צו לערנען וויאזוי **צו ערדרייכן מער התלהבות ביי דער ארבעט**. איך בין ב"ה אנגעקומען **זייער ווייט דורך די זאכן וואס מען האט מיר דא אויסגעלערנט...**

איינע פון די מערערע באווייזן וואס צייגן מיין הצלחה אין רעזולטאט פון מיין התלהבות איז ווי פאלגנד: דאס איז געווען ווען מען האט אנגעהויבן די קלאסן און **איך האב פונקט דעמאלטס אנגעהויבן א נייע דזשאב**. קודם א קורצע הקדמה וויאזוי ס'ארבעט ביי ראפינג ארבעט, מען גייט אריין אין א הויז און מען זיצט דארטן א וואך צוויי וואכן, צי זעקס וואכן און מען טרעפט זיך נישט מיט קיינעם, מען גייט יעדן טאג צו דעם הויז און מען ארבעט דארט, און ווען מען איז פארטיג זעצט מען זיך אראפ זען וואס מען האט אלס אויפגעטון, וואס ס'איז יא געשען, און וואס ס'איז נישט געשען.

אין תוצאה פון דעם סיסטעם, שטעלט זיך אזא סארט פראבלעם, **אויב גיי איך ענדיגן אין זעקס וואכן ארום, מוז איך דאך היינט נישט אנהייבן, איך קען אנהייבן מארגן**, ווייל איך וועל ארייינשטופן די פאר שעה במשך די זעקס וואכן, **מארגן מוז איך אויך נישט אנהייבן**, דער דריטער טאג **אקעי איך וועל שוין אנהייבן, אבער נאר אביסל**, ווייל איך האב דאך **נאך גאנצע 6 וואכן.**

איינע פון די ערשטע זאכן וואס מ'לערנט אויס אין די קלאסן און דאס האב איך מיר אויסגעלערנט נאך אנהייב, **איז "התלהבות"**, דערפאר פונקט ווען איך האב אנגעהויבן די נייע דזשאב, פיר וואכן צוריק, **האב איך יענעם פרייטאג אנגעהויבן דעם ערשטן ארבעט פון דעם דזשאב**, ס'איז געווען פרייטאג, 11:00 אזייגער האב איך באקומען די פלענער וואס מען דארף דא טון אין די הויז, איך בין אריין 11:00 אזייגער און איך האב געארבעט ביז 12:00, איך האב שוין מער ווייניגער ארויסגעהאט די פלענער, **ס'איז געקומען זונטאג האב איך אנגעהויבן דער ארבעט, און איך האב אנגעהויבן גלייך**, און מיט די התלהבות וואס מען האט געלערנט דא, **האב איך געטון דארט**, און איך האב **טאקע געארבעט פלייסיג, איך האב ארייינגעלייגט אסאך ארבעט.**

**למעשה האב איך געענדיגט מיט דריי טעג פריער**, אונז האמיר לויט'ן אריגינעלן פלאן **געדארפט היינט ענדיגן די דזשאב**, איך האב **שוין געענדיגט לעצטע וואך מיטוואך די דזשאב!** און איך האב **באקומען א שיינע באלוינונג פארשטייט זיך פאר'ן ענדיגן פריער.**

זע איך פון דעם אז **ווען מען נוצט די גוטע טריקס און די גוטע זאכן מיט התלהבות קומט מען אסאך אן**, סיי מען הייבט מען אן אין צייט מיט געשמאק, און פארשטייט זיך מען ענדיגט פריער, און **מ'געניסט פון א באלוינונג** באגלייט מיט שעצונג פונעם בעל הבית **מיט א טוץ קאמפלימענטן** פון די **גוזעלשאפטליכע פארבינדונג.**

דאס איז אין ערזאץ פון מיין ביז היינטיגן סטאטוס, מען ווארט נישט ביז דער לעצטער מינוט, איז **נישט נאר מען ענדיגט אויף די טאג** וואס מען דארף ענדיגן, **מען ענדיגט נאך א פאר טעג פריער.**

זאג איך **ענק קומטס צו די קלאס, לערנטס ענק אויס וויאזוי מען שטייגט אין התלהבות** און וויאזוי דורך די געוואלדיגע מעטאדן פון דא לערנט מען זיך אויס אז אפילו מען האט נישט קיין געדולד **מאכט מען זיך האבן געדולה**, און טייערע אידן **"ענק וועלן באקומען גוטע באלוינונגען".**

**הצלחה רבה!**

"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטרענספערט צו זיין
עקסטענשאן נומער"




יא! בעז"ה קענט איר
דאס אויך באווייזן!

רופט אין אפיס אויף
845.232.1079

אין רעאקציע פון אזעלכע ווערטער האב איך מיר אנגערופן "ר' איד! דו האסט סואיסייד מחשבות כמה פעמים ביום" "פון וואו ווייסטו?" פרעגט ער. "זייער פשוט" ערקלער איך אים, "אויב דו האלטסט אז אפילו ביי א וודאי איז עס נישט צופיל ווערד, איז א סימן אז דו האלטסט אז דיין לעבן איז ווערד ווייניגער ווי 2,000$, און אויב א מענטש האלט אז זיין לעבן איז ווערד ווייניגער ווי מינימום א מיליאן דאלאר, (מינימום א מיליאן, איז די נאטירליכע געפיל וואס א מענטש דארף פילן אז ער איז ווערד, וואס דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אין יעדע מענטש) פילט ער אזוי ווי טויט און ער פילט אז טוב מותי מחיים, דעריבער פון דיין אנטווארט שאץ איך דיר אפ וויאזוי דו האלטסט פון דיין אייגענעם לעבן" זאגט ער "יא ס'איז טאקע אמת".

די סוף פון יענעם איז געווען אז קודם האט ער טאקע נישט געקענט דורכברעכן די זאך, ביז א ברודער האט אים געדארפט זאגן "אויף מיין אחריות" און ענדליך האט ער מסכים געווען מיטצוהאלטן.

די מעשה איז נאכנישט פארטיג, ס'איז געווען א יאר צוריק חודש אדר, דער יונגערמאן וואוינט אין וויליאמסבורג, יעדעס מאל ער טרעפט מיר אין שטאט זאגט ער מיר, "דו ווייסט ווען ס'איז געווען די לעצטע מאל ווען איך האב געטראכט סואיסייד מחשבות? רעכן אויס וויפיל חדשים ס'איז נאך די קלאס, אזויפיל חדשים צוריק האב איך געהאט דער לעצטער אזא מחשבה אין געדאנק!", נו, אפשר וועט זיך דוכטן, פיין, ער האט נישט קיין סואיסייד מחשבות, ער האט זיך נישט געפילט ליגן אין גרונד, אבער ער איז אויך נישט געשטיגן.

יעצט הערט ווייטער, ער האט מיר פונקטליך אראפלייגט וויפיל פאזיטיווע טוישונגען ס'איז דא אין זיין לעבן, אינדערהיים, לגבי זיינע חברים, ער פלעגט נישט האבן געהעריג א וועג ווי אזוי צו רעדן צו חברים, נו אוודאי ווען איינער איז צוקלאפט אין זיך, איז זייער שווער צו קאמיוניקירן מיט אנדערע חברים.

פארוואס? וואס האט איינס מיט'ן צווייטן? ווייל ווען איינער איז צוקלאפט און דערנידערט אין זיך, דאן קלערט ער "וואס א נפקא מינא, יא חברים, נישט חברים, צו וואס דארף איך עס האבן" נו אז אים אינטערעסירט נישט חברים, אוודאי פרובירט ער ניטאמאל זיך דורכצוקומען מיט זיי.

"לבשי בגדי תפארתיך עמי" טוט אן די חשוב'ע קליידער, טוטס ענק אן די געפיל פון חשיבות, און אויב האסטו יא ווערד, שאץ, דאן איז טאקע באמת יא ווערד צו אינוועסטירן אין דעם צייט און געלט וויפיל ס'איז נאר שייך. וויפיל וועט א מענטש זיין אינטערעסירט צו אינוועסטירן אין א בענקל, מאקסימום 50$ 100$ 500$ מער נישט, מער איז עס נישט ווערד, און אויב איז עס דאס סאמע שענסטע בענקל ווערט ער זיך העכסטנס ערלויבן צו אינוועסטירן דערינען 1,200$, 1,500$ דאס איז די מאקסימום. וויפיל איז די מאקסימום פון א מענטש וויפיל איך קען צולייגן, ס'האט נישט קיין גבול, דער גרעסטער מענטש קען צולייגן צו זיין מער און מער, 'אין שיעור למעלה'.

בקשר לזה וויל איך דא זאגן אזאך, וואס וועט דינען פאר אונז אלס א משל, ארויסצוברענגען דער געוואלדיגער כח וואס דער אויבערשטער האט באשאפן אינעם מענטש:

ס'איז געווען אמאל א גוי 25 יאר אלט און אלקאהאליק. ער האט זיך נישט געקענט אפשיידן פון די ביטערע טראפן, יעדע דאלאר וואס ער האט געהאט, האט ער געשפענדעט פאר זויפערייען, ער האט זיך געוואלגערט אין די גאסן, ער איז געגאנגען צו געוויסע פלעצער וואס זאלן אים ארויסנעמען פון דעם אדיקשען, און ער איז ארויסגעקראכן דערפון. למעשה האט ער זיך דורך זיינע אומשטענדן און היילונג, זיך אויסגעלערנט די חוש פון ארויסקריכן פון אזעלכע שעדליכע געוואוינהייטן, האט ער עס אנגעהויבן צו טון מיט אנדערע מענטשן, און געהאלפן אנדערע זאלן אויך דערפון ארויסקריכן, צוביסלעך ווייטער און ווייטער, דער ערל איז היינט 55 יאר אלט, דרייסיג יאר שפעטער, ער האט אונטער זיך איבער 1,500 איינגעשטעלטע, געשולטע עקספערטן אין דעם הינזיכט, וואס ער האט אריינגעטרעינט, וואס זיי לערנען אויס אנדערע מענטשן וואס צו טון אין זייערע סיטואציעס.

און נישט נאר לגבי עדיקעישאן געביטן, נאר ער האט אונטער זיך אומגעפער הונדערט פראגראמען פאר געוויסע מיני זאכן ווי אזוי זיך ארויפצוארבעטן, און טוישן זאכן און געוואוינהייטן, צי אין ביזנעס, צי אין קאנפידענץ. ער איז א קאסטבארערע ארטיקל, אויב דו ווילסט אנקומען צו אים, קאסט עס צען טויזנט דאלאר פאר צוויי שעה!, און מ'קען לעת עתה נישט באקומען אן אפוינטמענט פאר 9 חדשים. און דער פרעזידענט זעלבסט פון אט דער מאסיווע ביזנעס שעמט זיך נישט צו זאגן אז דרייסיג יאר צוריק בין איך געווען אן אלקאהאליק עדיקטעד פארשוין. און ער באשטעטיגט דעם פאקט אז "נישט קיין חילוק אונטער וועלכע אומשטענדן דו ביזט, קענסטו פון דארטן אויך אנקומען און שטייגן!", און דאס איז א גוי.

פשט פון דעם איז, אז ווען דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט כוחות אין די נאטור פון די בהמיות פונעם מענטש, דאס געט ער אלס א מינימום, אבער מיט דעם האט ער בייגעלייגט א באהאלטענעם כח וואס איז פיל פיל מער פון דעם, וואס דורכדעם קען מען דורך אן עזרת ה', דער וואס העלפט דיר כסדר, ווייט אנקומען. די אויבנדערמאנטע מעשה באשטעטיגט פאר אונז אז ס'איז נישטא קיין מאקסימום, קענסט אנקומען גאר גאר ווייט, און דאס איז היינטיגע צייט נישט אמאליגע צייטן.

און פארוואס פארצייל איך נישט א מעשה פון א צדיק? ווייל ביי א מעשה פון א צדיק טראכט מען אלעמאל, 'ניין דאס

בס"ד

# געשלאפן גאנץ וויינציג;
# אבער אדאנק פראדאקטיוו איז די מידקייט נישט שולט אויף מיר..., ב"ה!




מיין נאמען איז...

צום ערשט וויל איך מיר באדאנקען פאר מיין חשוב'ע שוואגער וואס איז געקומען, און פאר מיין חשוב'ן חבר, איך ווייס ס'איז פאר פסח ס'איז נישט גרינג. און נאכדעם וויל איך מיר באדאנקען פאר ר' יעקב יצחק **פאר'ן זיך אפגעבן מיט יעדן מיט אזויפיל געדולה**, דער אויבערשטער זאל באצאלן מיט אלעס גוטס.

איך בין געקומען אין דעם קלאס, **כדי איך זאל נישט אויסקוקן אזוי ווי יענער** וואס האט זיך אויסגעדרוקט **ביים ארויסגיין פון כולל נאך צען יאר "ס'איז שוין צייט זיך צו זעצן לערנען"**. איך וויל נישט פארשפילן די כולל יארן, אדרבה, **איך וויל פון דארט ארויסנעמען די מאקסימום**, דעריבער בין איך דא געקומען זיך אויסצולערנען וויאזוי מען זאל קענען ארויסנעמען און **האבן די שטארקקייט זיך אריינצולייגן אפילו אין שווערע מקצועות**, און וויסן קלאר די החלטה **אז ווען מען וויל וועט מען אנקומען.**

נאך די לימודים וואס איך האב זיך דא קונה געווען, פיהל איך **אז אין דריי חדשים ארום בין איך מסיים בעז"ה גאנץ הל' בשר וחלב, און איך בין גרייט זיך צו שטעלן אויף א פארהער מיט א קלארקייט.** און צו דעם בין איך צוגעקומען **דורך ארבעטן אויף שטארקקייט, דורך וויסן אז וואס מען וויל שטארק קען מען אויספירן,** אז מען וויל אמת'דיג, **מען האט די כוחות אסאך מער ווי מען מיינט,** און מען האט די כוחות זיך נישט צו לאזן שטערן פון יעדע שטער וואס קומט אונטער.

איינע פון די מעשיות וואס איך האב געזען דורכ'ן ארבעטן אויף די זאכן וואס מען לערנט דא איז געווען ווען **איין נאכט איז מיר נישט אויסגעקומען צופיל צו שלאפן,** צופרי גייענדיג צום דאווענען האב איך געטראכט אז איך בין דאך געשלאפן אינגאנצן א קארגע פאר שעה, **ס'איז אוממעגליך אזוי צו אינזינען האבן ביים דאווענען,** איך האב אפילו נישט וואס צו פרובירן, **האב איך באשלאסן אז ניין!** נישט די מידקייט איז בעל הבית אויף מיר, **איך בין בעל הבית אויף די מידקייט,** א מענטש קען האבן ישוב הדעת אפילו ווען מען איז מיד, אז מען וויל קען מען... **און נאך א מינוט איז נישט געווען קיין זכר פון קיין מידקייט!!**

האב איך געזען פון דעם אז **א מענטש האט סאך מער כוחות ווי ער חלומ'ט אז ער האט,** און אז מען **אנערקענט די כוחות** וואס מען האט, האט מען שוין **די רצון צו אנקומען** צו וואס מען וויל, און מען וועט בע"ה דורכדעם אנקומען **אסאך מער אין לעבן.** זאג איך פאר'ן עולם, **זעטס איין די שטארקקייט און כוחות וואס מען האט,** שטארקקייט אויסצופירן **אלע זאכן וואס מען וויל אנקומען,** וועט מען אנקומען **סאך מער,** וועט מען האבן **א פילפאכיג בעסערע לעבן.**

ישר כח!

"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטערנספערד צו זיין
עקסטענשאן נומער"

יא! בעז"ה קענט איר
דאס אויך באווייזן!
רופט אין אפיס, אויף
845.232.1079

איז נאר געווען יענער גרויסער צדיק', איך רעד יעצט נישט פון דער מעשה פון א צדיק, די מעשה איז אן אמת'ער היינטיגער מעשה וואס מ'קען ליינען און הערן איבעראל. איך ברענג עס ארויס פשוט אז די נאטור פון דער בריאה איז, אז מ'קען מאכן אן ענדערונג וואס לאזט זיך גארנישט זאגן. והנוגע לענינינו, די וואס גייען דורך די קלאסן זעען אז פון דער איין חודש, האט מען זיך אזויפיל געקענט טוישן, און די יודן אנערקענען און פארשטייען אז אויב אין איין חודש האט מען געקענט אזויפיל אנקומען, מכ"ש אז אין צוקונפט, אין צוויי חדשים, א יאר, אויב וועט מען ווייטער אזוי שטייגן, און דאס פראקטיצירן, וועט מען פיל פיל מער אנקומען, און אין דרייסיג יאר ארום אנקומען צו אזא הויכן אומגלויבליכן צושטאנד.

צי אונז זוך מיר אין דרייסיג יאר ארום אנצוקומען דארטן וואו דער גוי איז אנגעקומען? ניין, ס'איז נישט אונזער אינטערעסע, אונז זע'מיר נישט אנטציקט צו קענען שטייגן אין ראנג, מ'מוז נישט צו דעם צילן. אבער דאס איז יא אמאל זיכער, אז דורך די קלאסן וועט ער קענען טרעינען און אויפארבעטן דאס אייגענע געזונדל און קינדער, און קענען אוועקשטעלן א גוטע צוזאמענארבעט אין שטוב, און דאס מאכן פאר א בעסערן ארט.

## הִתְעוֹרְרִי הִתְעוֹרְרִי, כִּי בָא אוֹרֵךְ...

פראדאקטיוו לערנט אויס:

**"שיר דברו" מ'קען ארויסברענגען מיט'ן דיבור וואס מ'וויל; "כבוד ה' עליך נגלה" מ'דעקט אויף געפילן וואס מ'וויל ארויסברענגען**

יעדער מענטש האט געוויסע בלאקאדעס אין זיין לעבן, וואו ער איז דארטן בלאקירט, ער קען עס נישט דורכברעכן, איי די באריקאדעס איז ביי אים סאך ווייטער ווי ביי א צווייטן, אבער ער קען דאס נישט דורכגיין.

צו עפענען די באריקאדעס, דארף יעדער זיך באנוצן מיט'ן זעלבן שליסל, סיי דער וואס איז אין א שוואכע צושטאנד, און סיי דער וואס פילט אז ער איז ברום המעלה, פארט קומט צו א געוויסן ווענדפונקט וואו ער מוז נוצן דעם זעלבן טול. יא, געווען א גוטער טוער? מ'האט גייט אים גוט, אבער ווען איינער איז אים מבזה, אדער ווען איינער מאכט אוועק זיינע אויפטואונגען, דאן איז ער אויף דער זעלבער דרגה ווי יענער אין זיין שוואכער דרגה, און ער קען זיך נישט קיין עצה געבן אויף דעם, דאס איז דער מציאות "יעדער איינער האט ערגעץ בלאקאדעס", די שאלה איז האסטו א שליסל פאר דיינע בלאקאדעס? האסטו א וועג ווי אזוי דאס דורכצוברעכן? דא אין קלאס לערנט מען זיך דאס אויס, ס'איז דא יעצט מיט אונז יודן וואס האבן זיך עס שוין דא געלערנט, און זיי נוצן עס אומאויפהערליך, און וויבאלד ס'האט געווען פאר אין בלאקידזש וועט עס ארבעטן פאר די אנדערע בלאקאדעס, און דאס איז באמת דער ארבעט וואס עס ליגט אויף אונז, צו עפענען נאך און נאך בלאקאדעס, און אזוי צו קענען גיין פאראויס.

די געפילן וואס די מענטשן האבן געפילט ווען זיי האבן נאך געהאט א בלאקאדע, אין קאנטראסט נאכ'ן מיטהאלטן די קלאסן ווען זיי האבן דאס דורכגעבראכן איז אזוי פארשידנארטיג. איידער די קלאסן, ווען זיי האבן געוואלט עפעס ארויסברענגען פאר איינעם וואס איז העכער פון זיי האט זיך זייער דיבור הערמאטיש פארשלאסן, ווען ער האט אנגעהויבן צו רעדן, אדער ווען ער האט נאר געוואלט צו אים צוגיין, צי איז ער א לענדלארד, צי איז ער סיי ווער ס'איז העכער פון אים, צי הנהלה, איז ער שוין געווארן פארדרויטלט און פארשעמט, עס קומט נישט ארויס וואס מ'האט אים געוואלט זאגן, צי ס'איז ווען דו רעדסט פאר מערערע מענטשן ביי א שבע ברכות, צי ווען דו ווילסט רעדן סיי וואו פאר א מיטינג פון אנגעזעענע מענטשן, יעדע איינער האט זיך זיינע דרגות וואס ביז דא איז ער באקוועם, העכער פון דעם ווערט ער בלאקירט און ער זאגט נישט און ער רעדט נישט וואס ער האט אליין געטראכט.

דעריבער זאגן דא די אלע מענטשן און דאנקען דעם אויבערשטן אויף דער געוואלדיגער כח פון "שיר דברי" אז מען האט געקענט אנהייבן צו רעדן ריכטיג אויפ'ן ריכטיגן אופן, אויפ'ן ריכטיגן וועג ארויסברענגען גוט א געדאנק, אזש ס'איז געווען א "כבוד ה' עליך נגלה" ער האט געקענט ארויסברענגען מעסעדזשעס קלאר פאר מענטשן און מאכן אז זאכן וואס דו ווילסט ערלעדיגן זאל פאסירן עס זאל געשען, דורך דיין גאלדענעם שפראך וויאזוי דו האסט זיכערערהייט ארויסגעברענגט וואס דו האסט געוואלט אן מורא און פחד.

## לֹא תֵבֹשִׁי וְלֹא תִכָּלְמִי...

פראדאקטיוו לערנט אויס:

**מ'שעמט זיך נישט פאר אנדערע, און מ'בויט אויף שטרעבונגען און התעלות ברוחניות ובגשמיות אן בושה רעה**

איין זאך קען איך ענק זאגן, אויב א מענטש וויל אנקומען צו א זאך און ער האט זיך ביז היינט אפגעהאלטן וועגן בושה, צי בושה האט אים אפגעהאלטן פון דורכפירן און זיך איינפירן א גוטע זאך, לאמיר זאגן ער האט געוואלט דאווענען הויך אין בית מדרש, אבער ער האט זיך געשעמט אז מענטשן וועלן אים דורכבליקן מיט א ביטול "דו דאווענסט הויך? ווער ביסטו צו דאווענען הויך?". צי האט ער געוואלט זיך נעמען לערנען אדער כדומה, צי אינדערהיים אפילו ער האט געוואלט זינגען בעסער, צו רעדן עפעס געוויסע דיבורי תורה, אבער ער האט זיך צוריקגעהאלטן אז זיין ווייב וועט טראכטן אויף אים אזוי צי אזוי, אדער זיינע קינדער וועלן טראכטן, ער האט עלטערע קינדער, ווער ס'האט שוין בחורים פארשטייט וואס איך מיין.

יעצט נאכ'ן דורכגיין די קלאסן זינגען די מענטשן מיט א שמחה מיט א לעבעדיגן טאן "לא תבושו ולא תכלמו מה תשתוחחי מה

תהמו בך יחסו עניי עמי" און דעמאלטס ווערט פארפולקאמט דער "ונבנתה עיר תלה" וועסט וואוקשטעלן דיינע כוחות און ארויסברענגען דיינע טאלאנטן וואס דער אויבערשטער האט אין דיר אריינגעבויט, אן קיין בושה, און זיין פריי, נישט ווערנדיג אפעקטירט פון דעם "מה יאמרו הבריות? — וואס גייט יענער זאגן?".

און לאמיר עס אביסל צולייגן. דער אויבערשטער האט באשאפן א מח פון א מענטש זאל אנגיין און טראכטן וואס ער האט צו טון. ס'איז אבער דא צוויי חלקים, ס'איז דא חלק המח די אנגייענדע חלק און פונקציאנירנדע טייל וויפיל ס'קען פארנעמען מינוט אויף מינוט, ס'האט א געוויסן גבול וויפיל ס'קען פארנעמען. מצד שני איז דא דער שאַך-קאמער, די סטארעדזש די הארד דרייוו, דאס איז אן א גרעניץ, עס גייט אריין ש"ס, בבלי, ירושלמי, בוקקיפינג, אקאונטינג, וואס דו לייגסט אריין גייט, אלעס האט פלאץ. וואו זע מיר אונז אז ס'האט פלאץ? ווייל די גמרא זאגט דאך לב מלכים ושרים אין חקר, עס איז אוממעגליך צו שילדערן חללה של רשות. וויפיל ס'גייט אריין אין א קאפ פון א מלך איז נישטא קיין שאַך.

וואס גייט פאר? דער אויבערשטער האט אים געגעבן אן אנדערן קאפ? ס'איז אן אנדערער מין מענטש? ניין, ער איז דער זעלבער מענטש ווי אלע מענטשן, וואס דען? דער אויבערשטער האט געמאכט אין זיין בריאה אן אויסשטעל אז וויפיל דו לייגסט אריין, האסטו, אבער נאר כל זמן דו לייגסט אריין, און דו עפנסט דעם צינור און דו גלייבסט אז דארט קען אריינגיין ענדלאזע חכמות און מחשבות.

אויב, אבער, דו מאכסט צו דיין צינור, דו באשטימסט אז איך קען נישט ס'איז צו טיף פאר מיר, דעמאלטס גייט עס נישט אריין. איז יעצט לעניננו אז אונז האמיר געוויסע בלאקאדעס, זאכן וואס אונז קען מיר אראפנעמען, ווי למשל בושה, א זאך וואס אונז ווילן מיר באזייטיגן דורך נוצן אביסל שכל און פארשטאנד, קענען מיר אנקומען גאר ווייט, עס איז נישט אזוי רחוק מן המציאות. דעריבער אונז דאנקען מיר דעם אייבערשטן אז מען האט געקענט אראפנעמען די פאלשע בושה און באקומען דעם טול עס ווייטער אראפצונעמען, ווייל אלעמאל איז דא נאך פלעצער וואו מען שעמט זיך נאך דארט, אבער עכ"פ מען האט די טולס ווי אזוי עס אראפצונעמען.

דא שווימט ארויף דעם טעות פון מאנכע, וואס הערנדיג אז מ'נעמט אראפ ביי פראדאקטיוו די בושה, גייט מען זיך ארויסלאזן זוכן די משוגעים וואס פראדאקטיוו האט ערצייגט, די משוגעים וואס שעמען זיך פאר גארנישט און טאנצן ארויף אויפ'ן באלעמער מיט א שלאף קאפל און שרייען - דאס איז א פונדאמענטאלע טעות, ניין, ניין, ניין!

זיי טרעפן נישט אזעלכע, ווייל ס'איז נישט במציאות, ס'איז נישטא, און ס'וועט נישט זיין!. ווייל אונז לערנען זיך אויס אז קאנפידענץ מיינט נישט ציגן מאדנע גרימאסען און וואזשנע אקטן, 'קאנפידענץ' ביי אונז באדייט אין קורצן זייער אן איינפאכער באדייט, און ווערט צעטיילט אין דריי פארעמען.

איינס, אויב האסטו יא קאנפידענץ, זאלסט וויסן וואו 'יא' צו נוצן די קאנפידענץ, און דו זאלסט אראפנעמען די פלעצער וואו דו נוצט קאנפידענץ אויף די 'נישט' ריכטיגע פלאץ און עס נוצן אויף די ריכטיגע פלאץ.

דאס איז נומער איינס. צוויי, אז אויב דו האסט ווייניג דערפון זאלסטו האבן א כח ווי אזוי עס צו שטארקן. נומער דריי מיינט קאנפידענץ ביי פראדאקטיוו, אז אין פלעצער וואו דו האסט בכלל נישט קיין קאנפידענץ, שענקען מיר טולס וויאזוי זאלסט אינעם צוקנופט יא זיין א מענטש מיט קאנפידענץ.

וואס הייסט אין 'פלעצער' וואו דו האסט נישט קאנפידענץ, ער האט קאנפידענץ אדער נישט? עס קען זיין אזאנס, איך קען א גרויסער זינגער וואס קען זינגען פאר טויזנטער מענטשן, און ער האט א פראבלעם צו רעדן צו זיין לענדלארד, און ווען איך האב אים געפרעגט ווי אזוי קען עס זיין? ווי אזוי קען זיין דו זינגסט פאר א פאר טויזנט מענטשן, און פאר דיין לענדלאר קענסטו נישט עפענען דיין מויל? אדער צו דיין בעל הבית, אדער צו דיין ווייב, ער וויל א געוויסע זאך פועל'ן ביי איר, ער קען נישט? דער תירוץ איז, אז דאס זינגען איז נישט מכח קאנפידענץ, דאס איז זיין מזל, ס'איז א מזל אז דאס קען ער, ס'איז נישט אז ער האט אן אויפגעבויטער קאנפידענץ, אבער ווען דו באקומסט א טול אין האנט, אז דו קענסט ארבעטן אויף דיך, צו מאכן שטיין דיין קאנפידענץ ביי די פלעצער וואו דו דארפסט עס נוצן, קענסטו אנקומען צו פיל בעסער וואס עס פאדערט זיך!

## וְהָיוּ לִמְשִׁסָּה שֹׁסַיִךְ...

**פראדאקטיוו לערנט אויס:**

**"ישיש עליך אלקיך כמשוש חתן על כלה" מ'בויט אויף דעם שלום בית מיט א פרישקייט אזוויי די שבעת ימי המשתה**

א איד האט מיר אמאל דערציילט, "איך האב חתונה געהאט דרייצן יאר צוריק, ווער האט דאס אנגעטראגן, ווער האט באגלייט דעם שידוך? מיין טאטע, וואספארא שידוך האט ער מיר צוגעשטעלט? נישט א זאך וואס איך וואלט ווען געקליבן", און ער זעצט פאר, "איך זאג דיר דעם אמת, שוין דרייצן יאר און דאס געפעלט מיר נישט, איך האב נישט קיין שום געפיל, קענסט מיר זאגן וואס מען קען טון דערצו?".

באמת האט ער מיר געפרעגט א מורא'דיגע קשיא, די גמרא זאגט דאך אסור לאדם לקדש עד שיראנה, דאס איז אזוי אויסגעשטעלט געווארן פאר אים, און אפילו ער האט איר געזען אבער ס'איז געקומען למעשה ס'געפעלט אים נישט. זאג איך אים "יא, כ'קען דיר געבן אן עצה, 'פראדאקטיוו' קען פאר דעם העלפן". ער זאגט מיר "איך קען עס נישט גלייבן ווי

אזוי קען עס זיין, וואס גייסטו טון, איך גיי מיך גט'ן? איך גיי חתונה האבן מיט א צווייטן? וואס גיי איך טון?"

לאמיר צוענדיגן דעם עפיזאד, ער איז געקומען צו די קלאסן און ער האט גענוצט די טולס פאר זיין באשערטער, באמת האב איך געמיינט ס'וועט נאך דויערן א חודש, דערפאר האב איך אים געזאגט "געב נאך א חודש נאכ'ן קלאס פאר אזא זאך" מען דארף לייגן אויפ'ן געוויכט אז דא איז געווען א ציל צו טוישן זאכן פון 13 יאר!, אונז ערצייגן טוישונגען בשעת'ן קלאס אויך, אבער פארשטייט זיך דאס איז קלייניקייטן קעגן די טשעינדזשעס וואס קומט נאך, ממילא האב איך געזאגט, פאר אזעלכע ריזיגע ענדערונגען וואס דו ערווארטס, געב עס א שטיקל צייט. ס'האט גענומען טאקע א חודש נאכ'ן קלאס, א וואך שפעטער נאך דעם אנגעגעבענעם חודש האט ער מיר שוין צוריקגעקאלט מיט אן איינגעהאלטענער שמחה עצומה, אז ער האט גענוצט די טולס פאר די זאך, און ער פילט אז ס'איז נישטא נאך אזא בעסערע מתנה וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן ווי די חשוב'ע פרוי וואס ער האט!.

יא, דאס איז די שיינע רעזולטאטן פון די פראדאקטיוו קלאס, אז מ'קען העלפן אויפבויען אידישע הייזער, "ישיש עליך אלקיך" דער אויבערשטער מאכט דא פילן אזא פרייליכקייט "כמשוש חתן על כלה" ווי אזא שמחה וואס מ'האט געהאט בשעת ס'איז געווען די שבעת ימי המשתה אלס חתן און כלה.

עד כדי כך אז מען זאל פילן יעדן טאג אפילו 13 יאר נאך דער חתונה כאילו היום ניתנה, אזוי ווי דער איד האט זיך אויסגעדריקט, "איך פיל ממש א טעם בכל יום אזוי ווי שבעת ימי המשתה, איך האב א גוטער ווייב, א חשוב'ער, א געלונגענער, סוקסעספולער, איך זעה נאר אירע מעלות, עס איז אינגאנצן אנדערש", אויב אזוי האט ער מער נישט קיין טענות צו זיין טאטע, פארוואס האסטו מיך אריינגעפירט מיט אזא איינע? מ'שלעפט אריין אונטער דער נייער חופה דעם טאטן צוזאמען מיט'ן שווער, מ'איז צופרידן מיט יעדן. און דאס איז וואס יעדער איינציגער מוז און דארף טון, און ס'ליגט אין דיין הענט.

### יָמִין וּשְׂמֹאל תִּפְרֹצִי...

פראדאקטיוו לערנט אויס:

## "ימין ושמאל תפרוצו" אין אלע זייטן איז קענטיג פאזיטיווע טוישונגען

אין פרשת שופטים שטייט מי האיש אשר בנה בית ולא חנכו ילך וישוב אל ביתו, מי האיש אשר נטע כרם ולא חללו ילך וישוב אל כרמו, מי האיש אשר ארס אשה ולא לקחה, ילך וישוב אל אשתו, אנטשולדיגט פאר'ן טעות, ס'שטייט נישט אזוי, ס'שטייט אל 'ביתו', נישט אל 'אשתו', גענוי ביי כרמו שטייט אויך נישט אל 'כרמו', עס שטייט אויך אל 'ביתו', מי האיש אשר נטע כרם ולא חללו ילך וישוב אל ביתו, אלעמאל דארף מען צוריקגיין אל 'ביתו'. פארוואס? ווייל אלעס איז געוואנדן אין "ביתו".

און דאן קומט דער "מי האיש הירא ורך הלבב" ער איז פחדן, ורך הלבב ער האט נישט קיין קאנפידענץ, ער אז אויף א נידריגע זעלבסטשאצן שטאפל, אה, ביזט א רך הלבב, ביזט נישט גענוג שטארק צו טון וואס דו האט צו טון אויפ'ן קריגס-זאנע, דאן "ילך וישוב אל ביתו" גיי אוועק פון דער מלחמה, דו האסט נישטא וואס צו זוכן דא. נו, פיין גיין פון דאנעט, דאס ארט איז נישט געאייגנט פאר אים, אבער וואס עפעס פונקט "אל ביתו" וואספארא בארירונג האט דאס מיט זיין אנטזאגט ווערן פון מיליטער? וואס איז א חילוק וואו מ'גייט?

דער פשט איז זייער איינפאך, אז א מענטש זעט און איבערצייגט זיך אז מיליטער דינען איז נישט פאסיג פאר אים צוליב וואס? ווייל "בנה בית ולא חנכו" זאכן גייען אים נישט, ער פארנאכלעסיגט זאכן אזש אזוי ווייט "ולא חנכו", וואס איז דער עצה דערצו, וויאזוי קען ער זיך טוישן אז אזעלכע זאכן זאלן נישט פארקומען מער, ער זאל קומענדיגע מאל יא אנקומען צו ערלעדיגן זאכן, פראיעקטן, רצונות, און וועט עווענטועל יא גיין אין קריג אריין, קאמפס-גרייט און זארגלאז? איין עצה איז דא "ילך וישוב אל ביתו" מאך טוישנוגען אינדערהיים! דארט הייבט זיך עס אן!.

די זעלבע איז לגבי ביזנעס, ער זעט ער ערצייגט נישט הצלחה במעשי ידיו, "נטע כרמו ולא חללו" זיין ביזנעס גייט נישט, ווילסט דיך טוישן דאן "ילך וישוב אל ביתו" פרנסה איז בזכות אשתו, זיינע זאכן וואס ער וויל אויפטון גייט נישט, ער וויל אנקומען גייט נישט, ילך וישוב אל ביתו. און דאן קומט דער עיקר, "מי האיש אשר ארס אשה ולא לקחה" וואס הייסט ולא לקחה? איך האב קיינמאל איר נישט געוואלט נעמען, מען האט מיר אריינגעצווינגען, "ילך וישוב אל ביתו" גיי מאך טשעינדזשעס אינדערהיים צו בויען זיין שטוב, און נאכמער "מי האיש הירא" האסט עפאביעס, פחדים, "רך הלבב", "ילך וישוב אל ביתו", מאך טשעינדזשעס אינדערהיים און בוי אויף א גוטע קאמיוניקאציע א גוטע סימפאטירטע ליבשאפט, דו וועסטו ווערן געבויט דורך דיין בני בית. און ס'וועט זיין "כמשוש חתן על כלה".

און מיט דעם וועסטו קענען זיין בעזר השם "ימין ושמאל תפרוצו ואת ה' תעריצו ונשמחה ונגילה" וועסט קענען זיך שטארקן רעכטס און לינקס איבעראל, און די דרגא וואו ווייט מען קומט דא אן וועון מען גייט דא דורך די קלאס האט נישט קיין גבול, וואו דו וועסט זיך דרייען וועסטו זיך זען באגלייטנד מיט די טולס און הצלחות פון די קלאסן, אזש "בואו בשלום עטרת בעלה גם ברנה ובצהלה" קענסט איבערדרייען דיין לעבן פון אנגעצויגנקייט און נערוועזקייט פראבלעמען מיט שווערקייטן ביז פרייליכקייט, געשמאקקייט ליכטיגקייט אין יעדע סיטואציע.

בס"ד

15

עפענטליכע
# עדות

# א שבת'דיגע סעודה
# אה.. מעין עולם הבא..
# די גאנצע משפחה לעבט!

מיין נאמען איז...

**בעפאר איך בין געקומען צו די קלאסן** האב איך געהאט **א מאנגל אין 'זעלבסטשאץ'**, כ'האב פארמאגט **גאנץ ווייניג** דערפון.. וואס יעדער פארשטייט וואס ס'מיינט, אז **ס'איז נוגע אין זייער אסאך ענינים**, צ' אין **שטוב** צ' אין **גאס** צ' **מיט וועם מען האנדלט.**

און איך בין דורכגעגאנגען דא אין **פראדוקטיוו**, ס'האט מיר **גאר אסאך אויפגעטון**, איך בין דורכגעגאנגען די כללים די **פארשריפטן פון זעלבסטשאץ**, ווי-אויך פון, **קאמיוניקאציע, התלהבות, און נאך**. איך האב שוין **בלויז אין דער קורצער תקופה** געזען א **מורא'דיגע תועלת**, און איך זע שוין אויף דער צוקונפט אז איך וועל **פראקטיצירן די אלע זאכן מער און מער**, און **אסאך מער בענעפיטין** וועלן בעז"ה נאכפאלגן.

למשל איך וועל זאגן איין דוגמא; ס'איז נוגע דער **שבת'דיגער סעודה**, א פרייטאג צונאכטס, פארשטייט זיך על אחת כמה וכמה **א ליל הסדר** מען דארף זיך **צוגרייטן שיינע ענינים מיט באלערנדע זאכן צו נאכדערציילן אין שטוב**, אבער ס'איז א **ערב שבת**, א **ערב פסח וויפיל קען מען זיך שוין צוגרייטן**, איך האב מיר טאקע כמעט נישט צוגעגרייט, און **געווענליך** אפילו פון די זאכן וואס מען גרייט זיך **געדענקט מען נישט אויף למעשה**. אבער איך האב געטון **געוויסע טיפס** וואס מען האט **געלערנט דא**, און **אומצוגעגרייט איז אריינגעקומען די ענינים וואס פעלט אויס, די קינדער האבן מיטגעהאלטן, ס'איז געווען זייער געשמאק!** און מען האט זיך נישט געפילט אנגעשטרענגט נאך א סעודה.

**יא, רבותי!** פון נעמען די **פראדאקטיוו קורס** און נאכפאלגן וואס מען לערנט, ווערט מען **נאר געבויט און מען ווערט שטערקער! פאלגט מיר רבותי;** די וואס זענען שוין דורכגעגאנגען די שיעורים זאלן דאס אנהאלטן און **כסדר טון אין דעם**, און דער וואס איז נאכנישט געקומען **זאל קומען, וועט ער זען ווי ער וועט אסאך אויפטון**, און ער וועט זיך **בויען אין אלע ענינים בע"ה.**

**הצלחה רבה!**

"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטרענספערט צו זיין
עקסטענשאן נומער"

פראדאקטיוו
קורס

**קלאס מעמבערס**
טרעטן אויף ברבים
ביים אינטראדאקטען
פונעם קורס
און שילדערן די רושם
וואס די קורס
האט אויף זיי
משפיע געווען:
**ליינט און האט
הנאה!**

**אויפטריט פון האברך..**
עקסטענשאן:
**- #779-**

**יא!** בעז"ה קענט איר
דאס אויך באווייזן!

רופט אין אפיס אויף
**845.232.1079**

## עס לוינט זיך אלע געלטער צו ערדרייכן די אומשאצבארע רווחים פון די קלאסן

אז איינער האט א חולה בתוך ביתו ר"ל, עס קען אנהייבן אויסצוזען זייער שווער, ווייל איך דארף יעצט גיין אין שפיטאל און מען ווייסט נישט וואס די מארגן גייט ברענגען, אפשר ח"ו וועט זיך עס ענדיגן נישט גוט. אבער, מ'קען קלערן ווי א איד קלערט אז ס'איז דא א וועג ארויס, בעזר השם ביז געציילטע חדשים, וועט מען ארויסקריכן פון יענע מעשה און אלעס וועט זיין אין ארדנונג בעז"ה. ס'איז טאקע אזוי געווען, ס'איז נישט דורך צו לאנג, און הודו לה' כי טוב. די סכנה איז פאראיבער ב"ה.

ס'איז דא אבער אנדערע נסיונות אויך, ס'איז דא שוועריקייטן וואו ס'איז נישטא דא א וועג ארויס, אין דרך ימין לנטות ימין ושמאל, דאס איז עס, קענסט בעטן, קענסט איבערדרייען, וועסט אלעס טון, די זאך גייט זיך נישט טוישן, דאן קומט אריין "פראדאקטיוו" אין בילד, מען נוצט די זאכן וואס איך לערן פאר אנדערע, אינ'אמת'ן ווערן די זאכן גענוצט אויף אנדערע קאלירפולע אומשטענדן, אבער, אומגלויבליך עס ארבעט אפילו פאר אזא זאך אויך, און דאס וואס איך זע וויאזוי ס'קען העלפן אזעלכע שווערע אומשטענדן, וואו פולע האבן שוין געהויבן הענט, דאס מאכט מיר פילן אז איך גיי גוט און אויסגעהאלטן, און איך ערלויב מיר צו נעמען געלט פון יודן.

געוועגטליך אויב דו פארקויפסט פאר איינעם א פוירניטשער פון $2,000 באקומט ער די פוירניטשער, נישט מער פון דעם. דאקעגן ווען דו פארקויפסט פאר איינעם א זאך א לעבנס מתנה, וואס ער קען נוצן ממש אן א גרעניץ, פארקויפסטו מער א ווערדפולער ארטיקל ווי א טייערע שטיקל פורנויטשער, טראצדעם וואס מענטשן פונדרויסן מיינען אז ס'איז לופט און זיי כאפן נישט אז דא געשעען מציאות'דיגע טשעינדזשעס, נו ווער זאגט אפשר איז עס טאקע נאר לופט, אבער מען זעט עס ווען מען נוצט די טולס ס'ארבעט.

ס'איז געווען אמאל איינער א מענטש וואס האט פארלוירן זיין גאנצע עשירות, זיינע שותפים זענען געווען זייער צעבראכן דערפון, זיי זענען געווארן ממש בעלי חוב איבער נאכט, איינער האט אים געדארפט גיין מבשר זיין די בשורה, און ס'איז נישט געווען ווער ס'האט אים געוואלט ברענגען אזא בשורה. נאכדעם האט איינער געזאגט "איך האב אן עצה" ער גייט צו אים ער דערציילט אים ווי פאלגנד "איך האב געהאט א ריזיגער פארמעגן, און עפעס איז פלוצלינג געשען א שריפה און מיין גאנצע פארמעגן איז ארויף אין פייער, איך ווייס נישט וואס צו טון" זאגט אים יענער איד "ס'איז גארנישט, ה' נתן ה' לקח יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם, דער אויבערשטער האט געגעבן דאס געלט, נישט דו ביסט בעל הבית אויף דער וועלט, דאס האט דער אויבערשטער געגעבן, ער האט עס צוריקגענומען, אז ער וויל וועט ער עס געבן נאכאמאל, אז ער וויל נישט וועט ער עס נישט געבן" און האט אים ארייגעגעבן א חיזוק לעקציע.

אבער דער אנגעבליכער באטרעפנדער זעצט פאר מיט זיין כלומר'שטער נאאיוויטעט "אבער איך האב אויך געהאט שיפן אויפ'ן וואסער און די שיפן זענען אויך איינגעזינקען אין וואסער אריין, כ'בין געבליבן ממש בעירום ובחוסר כל, און נאך מיט חובות אויך" זאגט אים יענער "בעזר השם וועסט האבן צו באצאלן אלע חובות און ס'וועט זיין גענוג זיך אויפצובויען פון פריש, דארפסט דיך נישט נעמען צום הארצן און ער בארואיגט אים".

זאגט ער אים "יא יא, דאס איז אלעס ווען ס'וואלט געווען ביי מיר, די פראבלעם איז אז די מעשה איז נישט געשען מיט מיר, די מעשה איז געשען מיט דיינע שיפן! יא, דיינע אלע שיפן, דיין גאנצע האב און גוטס ליגן אין וואסער אפגרונד", דער איד האט אוועקגע'חלש'ט.

וואס גייט דא פאר? פריער איז ער געווען דער מחזק, און דא פלוצים וואס איז געשען אז ער גאר דער בעל בטחון ואמונה ליגט דא אזוי באוואוסטלאז? די תירוץ איז אזוי: דער שכל וואס דער מענטש האט אנערקענט און ווייסט אז דער אויבערשטער געט, עס איז באגרינדעט מיט א פעסטע אמונה, און איז אלעמאל זייער שטארק, אבער צו דעם איז עס אויך "נוצבאר" ער קען עס נוצן ווען אומער, און ער לעבט דערמיט, און ער פילט עס, דעמאלטס איז עס פיל שטערקער.

און דאס איז דער חילוק פון "וויסן" ביז "נוצן" זייער א סאך מאל איז דא אז מען האלט נאר ביי דעם צושטאנד, מען ווייסט נאר די ידיעות, אבער ווען ס'קומט למעשה איז עס אומנוצבאר. דא ביי אונז אין קלאס איז די חכמה וואס אונז טו מיר דא, נישט נאר צו אויסלערנען ידיעות, נאר צו טון, ממשות'דיגע זאכן.

און ב"ה ס'ארבעט, די יודן וואס זענען דא געווען קענען פה אחד מעיד זיין "רבותי, ס'ארבעט" אזוי ווי, למשל, געז וואס דו לייגסט אריין אין א קאר, און די קאר פארט, אייגנטליך וואס איז געז? עפעס א פליסיגקייט, עפעס וואס ענדלט צו איינפאכע וואסער. טא, ווי אזוי מאכט עס די קאר פארן? איך ווייס נישט, אזוי איז עס.

די זעלבע ארבעטן דא די טולס, עס איז א מציאות און א ערנסטע פאקט, "ס'ארבעט" און ווען איך דארף עס נוצן, באנוץ איך מיר אויך מיט די טולס, און אז איך זע אז ס'ארבעט, עס ווירקט ביי אזא סיטואציע, און טוט פונקציאנירן ביי א צווייטער סיטואציע, ביי אלע סארטן מצבים און אומשטענדן וואס אויסערליך ערקלערט מען אז מ'קען עס נישט טוישן, פארט געשעען עפעס אומגעווענליכע טוישונגען וואס באאיינדרוקן אלע מיטהאלטער, און ארומיגע.

**באי בשלום עטרת בעלה...**

בס"ד



# Fully Charged..

בייטאג ביים ארבייט/כולל;
**נאכן אויפזיין א האלבע נאכט..**

אהיימקומענדיג צו די קינדער;
**נאך א שווערע טאג ארבייט..**

פרייטאג צונאכטס אין שול;
**נאך א לאנגע פרייטאג הארייוואניע..**

**יא!** אין זמנים וואס מען פילט ווי **די כוחות לאזן זיך שוין אויס;** האבן די **קלאס מעמבערס** פון **פראדאקטיוו** זיך געלערנט **וויאזוי זיך אנצוגארטלען מיט פרישע כוחות,** און אנגיין ווייטער **מיט חיות און חשק!!**

פראדאקטיוו לערנט אויס אויסצופירן מיט שמחה:

## "גם ברנה ובצהלה תוך אמוני עם סגולה" מ'געניסט פון אומגלויבליכע כוחות אין פאל מ'מוז אנגיין מיט א פראבלעם

ווען איינעם איז באשערט א נישט געזונט קינד, אזא קינד קען בדרך הטבע נישט געזונט ווערן, ס'קען נישט זיין אנדערש ווי ס'איז. לאה האט געקענט איבערדרייען פון א זכר צו דינה, אבער אחוץ דעם האט מען עס נישט געהערט, קיינער האט נאך צו אזא זאך נישט זוכה געווען. און ממילא דארף מען האבן די כוחות צו קענען אננעמען אזעלכע זאכן, און וויסן וויאזוי אנצוגיין אין אזעלכע פעלער ווען מ'דארף זיך ספראווען בעל כרחו מיט א פראבעלם.

אודה ה' מאוד בפי! איך דאנק דעם אייבערשטן אז ער האט געגעבן די רפואה פאר די מכה, דאס אז ס'האט געדארפט געשען, איז געווען אנגעשריבן נאך פאר'ן געבוירן ווערן, אבער ב"ה דער אויבערשטער האט מיר געשאנקן איך זאל האבן די ריכטיגע כוחות הנפש ווי אזוי זיך מיט דעם אפצוגעבן.

איינער פון די יודן פון המספיק האבן ארויסגעברענגט, ווען איך האב גערעדט מיט מיין בני בית צוזאמען אויפ'ן טעלעפאן מיט א טרי-ווער, "דו ווייסט, ס'איז מיר א מורא'דיגער חידוש דער וועג ווי אזוי ענק האבן באהאנדלט די זאך מיט אזא שכל'דיגן וועג" און דאס איז נישט קיין גוזמא, אלעס איז פאריבער אן קיין געפילן, געוועגליך הייבט מען אן צו וויינען, עס איז דא צוליב וואס, מ'איז נישט געמאכט פון שטיין, אבער מיר האבן באשטימט 'עד כאן' ביז דא, יעצט טוט מען וואס מען דארף!

ממילא ווערט "גם ברנה ובצהלה תוך אמוני עם סגולה בואו כלה" מען פאנגט אן צו פילן אז מען קען אין יעדע סיטואציע וואס אזוי עס זאל נאר זיין, זיין גם ברנה ובצהלה תוך אמוני עם סגולה, דאס איז א זעלטענער כח פון השי"ת וואס מ'עררייכט ווען מען קומט דא אין קלאס. דער אויבערשטער זאל העלפן אז קיינער זאל נישט דארפן נוצן די סארט כוחות פאר דעם, אבער דאס זאגט פאר אונז אז מען דערלערנט זיך אויך מיט אט די כוחות און די טעכנישע טיילן דערפון, און די טולס איז פריי צו נוצן פאר סיי וואסערע אנדערע שוועריקייט וואס דו האסט יא. באמת, נישט אלע שוועריקייטן מוז זיין א פראבלעם, ס'איז דא שוועריקייטן ווען ס'איז דא א שמחה, א מענטש מאכט חתונה קען זיך דוכטן ס'פאלט אים ארויף אזא מין בארג, מ'דארף גיין, קומען, ערלעדיגן זאכן, ס'איז אן אנגעצויגענע ברייטפארצווייגטע דורכגאנג, בכלל אויפציען פון די קינדער איז אויך א גרויסע שמחה, אבער ס'פילט זיך ווי א בארג.

### פארווארט צו אייגענע איבערלעבעניש סעסיע

איז יעצט וואלט איך געוואלט אביסל הערן פון יודן וואס זענען אדורך די קלאסן, וואס האבן זיי אויפגעטון, וואס פלאנען זיי אויפצוטון ווייטער, איך בין קלאר נישט צופרידן סתם צו הערן וואס מען האט שוין אויפגעטון, איך וויל אויך הערן וואס איז אויף די אגענדע אויף ווייטער.

איך וויל באטאנען, זייער א סאך מאל איז דא זאכן וואס ס'איז פאר מיר אויך נייעס אז מען האט דאס אויפגעטון, ס'איז מיר א נייעס אז דו ביסט אנגעקומען שוין צו די זאך, אז דו האסט דיך גערירט פאראויס דא.

א איד איז געקומען צו מיר דעם שביעי' של פסח און ער זאגט מיר "מיין קינד איז אכט יאר אלט, איך האב שוין געגעבן אלע מעטאדן ער זאל ענדיגן באנעצן בייגאכט, עס האט גארנישט געארבעט". יענער איז געווען ביי די קלאסן צוויי חדשים צוריק, און נאכ'ן קלאס, האט ער געטראכט לאמיר נוצן דאס פאר מיין יעצטיגן פראבלעם פון מיין קינד, אפשר וועט עס ארבעטן פאר אים, און דאס קינד האט אויפגעהערט נאס צו מאכן, ווען ער האט עס מיר געזאגט איז שוין געווען 12 טעג אין איין צי מיט דער נייער טויש אינעם מצב, פרעג איך אים, "ס'איז שוין אמאל געווען 12 טעג?" זאגט ער "ס'איז נישט געווען אמאל אפילו איין שעה, טאמער האב איך אים נישט געכאפט ביי דער שעה איז שוין געווען דערנאך, נו קען איך דען לויפן יעדער שעה? און ב"ה 12 טעג וואס ס'ווירקט" און יעצט כהיום יום איז שוין 15 טעג.

עכ"פ איך האב א שטארקע אינטערעסע צו הערן פונעם עולם ווי ווייט מען קען אלס נוצן די טולס, און איך בין גרייט צו הערן. פארוואס? ווייל איך ווער באריכטעט מיט נאך מיני מהלכים וויאזוי מ'קען נוצן די טיפס און טולס, לדוגמא, ביי דער יעצטיגע עפיזאד האט יענער צוגעלייגט איין געדאנק מער ווי אזוי ער האט עס גענוצט, אויף גאנץ אן אנדערע פרעצעדענט ווי אזוי איך האב געזאגט אין קלאס, אין קלאס האט מען נישט גערעדט פון דעם, אין קלאס רעדט מען נאר דזשענעראל, און די דזשענעראל זאכן קענסטו נוצן פאר אלע שוועריגקייטן, ער האט צוגעלייגט נאך א פוינט, ווען איך האב געהערט פון אים ווי אזוי ער האט עס גענוצט און אויף וועלכן אופן, איז עס מיר געווען א דבר חדש.

דאס האט אויפגעטון גאר געוואלדיג, ווייל געוואר ווערנדיג פון דעם מהלך, האב איך אנגערופן א צווייטן וואס האט מיר אויך אמאל געזאגט ער האט די זאך, איך האב געזאגט "נוץ דאס אויך, וועסט עס אי"ה מאכן" די רעזולטאטן זענען ב"ה גינסטיג. און מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועט זיין גוטע רעזולטאטן צו קענען נוצן אזעלכע זאכן ביי נאך באטרעפנדע. איז עס א גאראנטי? דאס ווארט איז נישט 'גאראנטירט', דאס ווארט איז ס'איז דא טולס וואס ארבעטן פאר שווערע סיטואציעס, און יעדע טול קען מען נוצן אויך אויף אנדערע פלעצער, מענטשן זענען דאס טאג טעגליך.

איך בין גרייט צו הערן וואס די יודן וואס זענען געווען דא האבן צו זאגן.

בס"ד

16

עפענטליכע עדות

פראדאקטיוו קורס

# איך זייץ שוין ענדליך ביים רעדל!
## "פראדוקטיוו" זעצט מיר צו!!

מיין נאמען איז...

איך וויל דא מיטיילן מיט דעם עולם מיין סוקסעס, וואס האט זיך הויפטזעכליך שטארק ארויסגעשטעלט נאך א קורצע, אבער דייטפולע זאך וואס איך האב געהאט דער וואך: **איך האב שוין געהאט גענומען לייסענס פינף חדשים צוריק, למעשה האב איך נישט געהאט די קוראזש זיך עמטליך אריינצוזעצן אין א קאר און זיך נעמען דרייוון.**

למעשה פאר צען וואכן צוריק, ב"ה געלויבט דער פון אויבן אז איך האב געמאכט מיין בעסטע אוסוואל אין מיין לעבן, **איך בין געקומען צו די קלאסן, און גענוצט טולס, נאך צוויי דריי שיעורים האט פאסירט די אומגלויבליכע... איך האב מיך אריינגעזעצט אין א קאר דרייוון.**

**איך בין זייט די שיעורים געשטיגן אין פולע געביטן ב"ה,** אבער למעשה ס'איז אדורכגעגאנגען א שטיק צייט, האב איך געפילט אין א געוויסע ענין ווי איך בין אביסל געפאלן, **און ב"ה דורכדעם וואס איך האב גענוצט די ריכטיגע טולס, אנשטאטס צו נעמען די זאך און ווערן צעבראכן דערפון און פאלן ווייטער, איז אדרבא דאס אליינס האט מיר געגעבן א מורא'דיגע שטופ אויף פאראויס, און ב"ה די לעצטערע טעג האב איך געהאט מורא'דיגע סוקסעס אין געוויסע ענינים, ובפרט אין מיין דרייוון, פיל מער ווי בעפאר דער ירידה!**

האב איך געזען פון דעם עטליכע זאכן, קודם כל, אז נאכ'ן פאלן קען מען אסאך מער שטייגן, און נאך א כלליות'דיגע זאך האב איך געזען פון דעם, אז **דורך קומען צו די קלאסן און לערנען די טולס, האב איך געבראכן זאכן וואס ס'איז מיר געווען זייער זייער שווער, באמת שווער, און די שינוי לטובה איז געווען גאר אומגלויבליך.** צוגלייך בין איך ב"ה גוט אינפארמירט און טרענירט געווארן מיט דעם דייטפולן כלל אז **ווען איך האב א ירידה, זאל עס זיין א ירידה לצורך עליה, ווייל יעדע ירידה שיקט השי"ת בלויז כדי צו שטייגן דערמיט, וואס אימער ס'זאל נאר זיין.**

**הצלחה רבה!**

"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטרענספערט צו זיין
עקסטענשאן נומער"




**יא! בעז"ה קענט איר דאס אויך באווייזן!**

רופט אין אפיס אויף
**845.232.1079**




דרשה אצל סיום/אינטראדאקשען של אחד מה'פראדאקטיוו' קלאסן:

## ע"י הר"ר **יעקב יצחק שטיינמעטץ** שליט"א

מדריך 'פראדאקטיוו-קורס'

**וואס זענען די "פראדאקטיוו" מיטהאלטער בכלליות מרוויח?**

קודם וויל איך מקדים בברכה זיין מיט א ברוכים הבאים אלע חשוב'ע פארזאמלטע געסט.

די לעצטע פאר וואכן זענען אידן זיך צאמגעקומען דא, זיי האבן באשלאסן אז זיי ווילן זיך איינמאל פאר אלעמאל צוזאמקלויבן און אנצוהייבן צו מאכן א קאלקולעישן, א סך הכל און געניוע חשבון "ווי האלט איך? וואס טו איך? און וואו בין איך? וואו בין איך געווען פאר א יאר, וואו פלאן איך צו זיין נעקסטע יאר, וויל איך בלייבן אזוי ווי איך בין געווען פינף יאר צוריק אין פינף יאר ארום, אדער איך האב אפשר פלענער צו ווערן מער פון וואס איך בין געווען ביז היינט?".

די אידן האבן אריינגעלייגט פאר דעם כוחות עצומים, אסאך שעה'ן, און אסאך ארבייט מיט די רמ"ח אברים ושס"ה גידין, די חושים זענען געווארן גענצליך פארנוצט און אריינגעטון אין די זאכן. מען איז דא געזיצן און געארבעט מיט אן הארעוואניע אויפצובויען די כוחות הנפש, נאכ'ן אנערקענען אז מען קען גאר אסאך מרוויח זיין דורך בויען די כוחות הנפש. און דאס איז דאך דער אמת אז נאכדעם וואס מען האט די כוחות הנפש קען מען עס נוצן מיט א געשמאקקייט פאר די אלע זאכן אינדרויסן, צו וואס די כוחות הנפש זענען געמאכט געווארן פאר דעם.

ב"ה, ס'איז ארויסגעקומען געוואלדיגע גוטע תוצאות, ס'איז ארויסגעקומען געוואלדיגע גוטע כשרונות וואס האט אנגעהויבן ארויסצובליען פון מענטשן וואס האבן געמיינט אז דאס וועט שוין אלעמאל אזוי בלייבן, דאס קען זיך שוין נישט טוישן. פלוצלינג האט מען געזען א נייע זאך, דאס קען זיך אויך טוישן, פלוצלינג זעט מען נאך א זאך קען זיך טוישן, סיי זאכן אויף וואס ער האט גע'חשבונ'ט אז וועגן דעם קומט ער דא, און סיי פאר זאכן אויף וואס ער האט ניטאמאל געקלערט אז דא וועט ער דאס דורכברעכן.

אבער אפילו די וואס זענען יא געקומען מיט א געוויסע סיבה צו דורכברעכן א געוויסע שטערונג, האבן פארט נישט געטראכט מיט אזא זיכערקייט אז זיכער וועט ער עס מאכן, אלע וואס קומען דא צווייפלען פארדעם, ער גלייבט שווער אז ער גייט עס באמת מאכן, איי פארוואס קומט ער? לאמיר געבן א שאנס!

איך וויל דאס אויסשמועסן אביסל, פארוואס טראכט ער אזוי פאר דעם? ווער זאגט אים אז ס'איז נישט אינגאנצן מעגליך דא דורכצוברעכן זיין מצב? דער תירוץ איז אזוי, וייל געווענליך די וואס קומען דא, די וואס אינוועסטירן, און באשליסט אהערצוקומען, האלטן שוין נאכ'ן פרובירן צען מאל, נאכ'ן פרובירן צוואנציג מאל און ס'איז נישט געגאנגען, נו, אז ס'איז נישט געגאנגען טראכט ער "מסתמא דא וועט עס אויך נישט גיין" אזא רעזאלוציע מאכט ער.

אבער איינמאל ער ווערט דא באגליקט מיט די גלענצנדע שיעורים ווערט ער געכאפט אין שאק און סורפרייז, ס'איז יא דא אזא מין זאך אז אפילו ווען ס'איז אמאל נישט געגאנגען יעצט גייט עס יא גיין! און די גרעסטע קונץ איז, אז דינט זיין ערשטע מאל ווערן געכאפט אין שאק, ווערט ער שוין נישט געכאפט אין סורפרייזעס, דאס איז בלויז אן איינמאליגע זאך, וויל נאכדעם ווייסט ער שוין פון פאראויס אז עוד ידו נטוי'. מען קען אלע מצבים און אומשטענדן דורכברעכן, ער איז דורכ'ן דורכגיין דא די קלאסן גאראנטירט אז אנדערע זאכן

וואס ס'ווארט אים אפ, אנדערע זאכן וואס קומען אונטער שפעטער, און ער וועט דעמאלטס אויך צווייפלען צי ער וועט עס מאכן, און ער וועט אפילו דורכגעפאלן, וועט ער פארט נוצן די טולס וואס ער האט דא געשאפן, און, ס'איז גארנישט געשען, ער וועט ווייטער עקזיסטירן, און ווייטער ארבייטן, זיך ווייטער אנשטרענגען און ער וועט אנקומען צו הצלחה פריער אדער שפעטער.

מ'קומט דא אן צו אזא מין סטאטוס אין לעבן אז מ'זאל זיך נישט דערשרעקן פון קיין דורכפאל, און איך וויל דאס דא שטארק איבער'חזר'ן אז באמת אזעלכע דרשות און ערקלערונגען האב איך שוין געהערט זינט מיין בר-מצוה אין ישיבה קטנה און אפשר נאך פריער, און געוויס שפעטער אין ישיבה און וואו אימער אנדערשוואו, דער פאלגנדער סלאגאן איז מיר זייער אפט אויסגעקומען צו הערן "רבותי' דערשרעקט זיך נישט פון קיין דורכפעלער, איך זאג ענק פרובירט נאכאמאל, און נאכאמאל, האסט שוין פרובירט פיר מאל פרובירט א פינפטע, געב נישט אויף", אבער זייער א סאך מאל האט פאסירט וואס פאסירט ביי כמעט יעדן אין רוב פעלער, ס'גייט אריין פון איין אויער און ארויס פון צווייטן, מ'געט זיך נאכאמאל און נאכאמאל דעם שאנס צו פרובירן און ווען ס'פאסירט א פרישע דורכגעפאל, שוין דאס איז עס, מ'קאפיטולירט.

און א צווייפל איז דאס אין רעזולטאט פון בלויז צוהערן זיך צו שיינע און געשמאקע דרשות אבער אן 'געצייג'. דאקעגן דא אין "פראדאקטיוו" ערשיינט דער מציאות ווען מען זעט פאר די אויגן אז מיט אביסעלע טולס, מיט אביסעלע קאפ, מיט אביסל זיך צאמזעצן זיך מטכס עצה זיין וויאזוי' זאכן זאלן געניצליך דורכגעבראכן ווערן, אזעלכע זאכן וואס מען האט געמיינט אז ס'קען נישט ווערן דורכגעבראכן, ווערן גאר שטארק און פעסט דורכגעבראכן, און דאס אליינס געט א שיין און חיזוק פאר'ן גאנצן צוקונפטיגן לעבן, ווייל דאס איבערצייגט דעם באטייליגטן דא אין "פראדאקטיוו" "יא! דו קענסט!".

איבערהויפט מאכט עס דעם מענטשנ'ס געוויסן רואיג און אין א שטענדיגער רואיגער געמיט, וויסנדיג, אז וואס אימער ס'וועט זיך מאכן, ווייס איך בעזר השם אז ס'איז אלעמאל דא אן עצה, פריער אדער שפעטער.

און דאס ברענגט נישט בלויז רואיגקייט, די פעסטקייט אז ער קען דורכברעכן זאכן, ברענגט דער געוואונטשענער "קאנפידענץ" א מורא'דיגע שטארקקייט, ער ווערט פעסט מיט דער מיינונג אז "איך וועל אנקומען צו זאכן וואס איך דארף קענען, וואס איך דארף טון" און דאס איז נאך מער מוסיף פאר א מענטש רואיגקייט, ער איז מורא'דיג רואיג, יא, אי"ה די זאך וועט זיין מסודר, אז נישט פריער איז שפעטער.

דאן קומט דער נעקסטער ווייטגרייכנדער שטאפל, ווען ער האט קאנפידענץ און ער איז רואיג, געשעט דערפון א געוואלדיגע זאך "ער קען קאמיוניקירן מיט אנדערע מענטשן בעסער". פארוואס קען ער אצינדער בעסער קאמיוניקירן? זייער איינפאך, ווילאנג א מענטש איז נישט רואיג, קען ער נישט האנדלען מיט א צווייטן, פארוואס? ווייל יענער וויל נישט האנדלען מיט אים, ווער איז נייגעריג צו האנדלען מיט א נערוועזן מענטש, אויסער זיין נערוועזקייט איז ער צוליב זיין אומרואיגקייט מורא'דיג סענסיטיוו, מיט איין אומווילנדיגע ווארט ווערט ער שוין פארלוירן ער איז מורא'דיג עמפינדליך, טא, קיינער זוכט נישט מיט אים צו שטיין אין באציאונג.

איידער איך ענדיג דעם חלק וויל איך מיר א וויילע אפשטעלן און ערקלערן "פארוואס איז טאקע דער נערוועזער מענטש זייער סעסיטיוו, וואס האט איינס מיט'ן צווייטן?" זייער פשוט, ווייל ער קען נישט דערהייבן אז מען האט אים געזאגט עפעס א ווארט וואס שמעקט אים נישט, ער איז נערוועז, און אומרואיג, און ווען עס קומט אין זיין ריכטונג אן אומפאסיגע ווארט ווערט ער אזוי דערשראקן, ווייל ער האט נישט קיין קאנפידענץ, און אפילו ער רעדט זיך איין אז ער פארמאגט יא, איז דאס געבויט אויף לופט. ממילא אין די רגע וואס איינער האט אים געגעבן א שאקל איז ער געווארן דערשטיקט.

דעריבער איז מיט שמחה און פרייד דא דער ארט צו באשטעטיגן די פרייליכע סטאטוס פון די מיטהאלטער פונעם פארגאנגענעם קלאס, און פון אלע פריערדיגע פילצאליגע קלאסן, אז זיי האבן ב"ה זוכה געווען צו ריכטיג שטייגן און באשליסן "יא, מ'קען דורכברעכן אלע שווערע זאכן" און זיי זענען ב"ה מענטשן באהאוונט מיט דער ריכטיגער קאנפידענץ, און טוען דאס נוצן און הנאה האבן ביי קאמיוניקירן מיט ארומיגע, און מיט אלעמען.

**"פראדאקטיוו מיטהאלטער" לויבן איינאיינעם דעם יוצר הכל איבער אלע אומגלויבליכע ערפאלגן מיט א הילכיגן:**

## נשמת כל חי תברך את שמך מלכנו...

### מ'לערנט זיך אויס רואיגקייט, קאנפידענץ, קאמיוניקאציע

און זיי זאגן פאר'ן הייליגן באשעפער "נשמת כל חי תברך את שמך מלכנו" מען לויבט דעם הייליגן באשעפער אויף דעם פאר'ן צוריק באקומען אונזער חיות, "כל חי תברך את שמך" אז אנשטאט מען זאל פילן קינדישע געפילן ווי כאילו ח"ו דער אויבערשטער האט באשאפן עפעס א דורכפאל פון א זאך, איך דארף מיר ווען כאילו שעמען מיט מיר אליין, און איך קען נישט האנדלען מיט אנדערע מענטשן, און איך קען נישט מיינע פונקציעס. פילט מען אצינד אז מען קען נוצן די כוחות וואס דער אויבערשטער האט מיר געגעבן, און איך וועל עס נוצן, און איך בין בארעכטיגט עס צו נוצן קיינער קען מיר נישט דערפון אפהאלטן. און ס'וועט בעז"ה געלונגען מיינע אונטערנעמונגען. אין ארט וואס מען זאל פילן דורכפאל און ליידיגקייט, פילט מען א חשיבות אין די כוחות הנפש וואס דער אויבערשטער האט געגעבן.

## תפאר ותרומם זכרך מלכנו תמיד...

### מ'שארפט דא אויס דעם זכרון

איינע פון די געוואלדיגע כוחות וואס מען שארפט דא אויס, איז די כח פון "זכרון" אז מענטשן פאנגען אן צו געדענקן בעסער, מען הערט אויף צו זאגן "אוי, אלע מאל פארגעס איך" מען שארפט זיך אויס צוביסלעך, מען געדענקט בעסער און

בעסער און בעסער, און מען קען דאנקען דעם אויבערשטן "תפאר ותרומם זכר"ך מלכנו תמיד", עס גייט ארויף אויפ'ן הייליגן באשעפער, דער הייליגער באשעפער האט אויך משפיע געווען פאר אונז א זכרון, פארוואס דארפן מיר בעיקר דעם זכרון, אז מיר זאלן אים געדענקן, מען זאל געדענקן אז ער געט און פירט אלעס.

וואס דען זאל מען געדענקן די שלעכטע זאכן? וואס מען מיינט אז ס'איז דא, ווייל באמת איז דאך נישטא קיין שלעכטס, אבער עכ"פ מען מיינט אז ס'איז דא, דאס דארף מען געדענקען? אדער די גוטע זאכן? תפאר ותרומם זכרך מלכנו תמיד, די גוטע זאכן וואס דער אויבערשטער האט געטון, דאס געדענקן מיר, און ב"ה אז די זכרון ווערט דאן אין פראדאקטיוו געשטארקט און מען געדענקט, איז אוודאי אז ס'געט חיזוק און קוראזש צו טון נאך און נאך, ווייל מען זעט אז זאכן גייען גוט.

## ומלבעדיך אין לנו מלך גואל ומושיע...

### מ'געניסט פון ישועת ה' דורך די מאכטפולע טולס

אסאך מאל קען א מענטש פילן אז ער איז אומבאהאלפן ער קען זיך נישט קיין עצה געבן, מען דארף נישט זיין א וועלט'ס רחמנות, ס'מאכט זיך ביי די שענסטע משפחות, אז א קינד ס'איז שוין געקומען די צייט וואס ער זאל שוין זיין טרעינירט אויך אויף בייננאכט, ס'קומט ביינאכט ס'גייט נישט, פינף יאר, זיבן יאר, ניין יאר, ער האלט נאך אלס ביים אנפאנג. און אויפאיינמאל, מען לערנט זיך נויטיגע טולס דא אין קלאס, מען הערט געוויסע טולס, קלערט מען, נו, לאמיר עס געבן א פרוביר, וואס קען שוין שאדטן, לאמיר עס געבן א נוץ אויפ'ן זעלבן אופן ווי מען האט עס געלערנט דא, לאמיר עס נוצן פאר מיין קינד.

בשייכות צו דעם האט מיר געזאגט א יונגערמאן וואס ער האט מיטגעהאלטן די קלאסן צוויי חדשים צוריק. דערציילט ער אז אין ערשטער געלעגנהייט ווען ער האט געהערט די טולס, האט ער צאמגעשטעלט "אה, אפשר קען איך עס נוצן פאר מיין קינד, א 9 יעריג יונגל, איך קען אים נישט שיקן איינשטיין אין ערגעץ, ווייל ער ווערט פארשעמט (וואס ער וועט טון וועט ער ווערן פארשעמט, וועט ער זיך אנטון בגדים, ס'זאל נישט גארנישט געשען, וועט מען זען, וועט ער עס נישט טון, וועט מען ווייטער זען) איך האב דאך מורא'דיגע פראבלעמען מיט דעם קינד, יעדן צופרי ווען ער שטייט אויף איז געפערליך און די רעזולטאטן נאך ערגער, ער ווערט צעווילדעוועט, דעפרעסט, ער ליידט פון אסאך סארטן שווערע פאלגן דורך זיין פראבלעם".

"לאמיר נוצן דעם טול פאר דעם קינד" "וואס זאל איך דיר זאגן" פירט אויס דער יונגערמאן מיט פאטאס "מ'האט דאס גענוצט איין נאכט און נאך א נאכט, און ביים דריטן נאכט איז ער צופרי אויפגעשטאנען ריין!, כ'האב קודם געמיינט ס'איז א וויץ, נע, ס'איז איינמאל געשען א טעות, עפעס אן איינמאליגע געשעעניש, מסתמא איז עס נישט עכט, ס'איז א חלום..."

ס'איז דורכגעגאנגען צוויי וואכן, רופט ער מיר אן: "צוויי וואכן איז דורכגעגאנגען און דאס קינד איז ריין ב"ה" "ומבלעדך אין לנו מלך גואל ומושיע" דער אויבערשטער האט אים געהאלפן, דער אויבערשטער העלפט שטענדיג, אבער מיר האבן ספעציעל צו דאנקן דעם אויבערשטן אז ער האט אריינגעגעבן דא עצות נפלאות רבות וגדולות מאוד, וואס ס'ווערן גענוצט סיי פאר פערזענליכע שוועריקייטן וואס מען האט אינעם טאג טעגליכע לעבן, און סיי מ'נוצט פאר אנדערע, פאר אונזערע קינדער, פאר זייערע שוועריקייטן פון וואס זיי ווילן, נישט ווייניגער ווי אונז, ארויסקריכן פון דעם.

די הצלה פאר דעם קינד איז נאכנישט פארטיג, רבותי! די ווייטערדיגע רעזולטאטן וואס איז אויסגעקומען ביי דעם קינד דאס שטייגט נאך איבער אלעס, זיין טויש אין חדר איז געווען עפעס אומערווארטעט מאסיוו, ער האט גערעדט אנדערש צו די חברים, אנדערש צו די רבי, אנדערש אינדערהיים, ער איז געווארן א נייע קינד!.

"א נייע קינד" דאס איז נישט מגוזם, איך וועל עטוואס שילדערן וויאזוי זיין באנעמונג איז געווען איידער דעם טויש. ס'איז געווען א פאל ווען כ'האב געדארפט שיקן א קינד אין דער פרעמד, צוליב וואקציע, יענער איז מיר א ידיד און איך האב געשיקט מיין קינד צו יענעם אין שטוב, איך קען ענק נישט זאגן ווי אזוי דאס קינד איז צוריקגעקומען פון יענעמ'ס שטוב, צעווילדעוועט, און צערידערט, אויך אין חדר איז דאס אנזעעבאר געווען, ער האט איבערגעדרייט אין חדר, ממש איך ווייס נישט ווי לאנג איך האב געדארפט ארבייטן צוריקצושטעלן דאס קינד אויפ'ן פלאץ. און איך האב נאכגעקוקט די פאקטן און געקומען צום אויספיר אז דאס זענען קאנסעקווענצן פון אנגעקניפטע באציאונגען מיט יענעם אינגל אין לויף פון זיין וועזנהייט אין מיין ידיד'ס שטוב.

אבער דא מיטאמאל, אלעס האט זיך געטוישט, און פאר דעם דאנקען מיר "ומבלעדך אין לנו מלך גואל ומושיע" יא, זאכן קענען זיך טוישן, דער יונגערמאן האט גענוצט בלויז '1' טול, וואס מען האט ניטאמאל דא געלערנט, ער האט דאס בלויז צאמגעשטעלט לויט די היגע יסודות. ובעיקר איז דאס אין נאכפאלג צוליב וואס מיר ארבייטן דא אז די קעפ זאלן זיך אביסל עפענען, און וויפיל מען געט דא תן לחכם ויחכם עוד, מ'זאל אויסנוצן ווייטער און ווייטער.

## המשיח אלמים...

### מ'ווערט רעדעוודיג און אויפגעעפנט פאר אנדערע

מיר טוען פארזעצן צו דאנקן דעם הייליגן באשעפער אז אידן וואס האבן אין עבר געפילט אז ווען זיי קומען נעבן אנדערע מענטשן ווערן זיי פארלוירן, זיי קענען זיך נישט עפענען דאס מויל, פלוצלינג זיי קומען דא צו די קלאסן און מען פאנגט אן דורכצוגיין שטאפל ביי שטאפל אלע שוועריקייטן וואס האט גורם געווען דער צוריקגעצויגנקייט אז ער קען נישט רעדן, ער קען נישט עפעס צוגעבן. און דאן איז אנגעהויבן געבן די ויסנשאפטליכע אייגנשאפט, ווי אזוי, און וואס צו רעדן. און אין קומענדיגן שטאפל איז געגעבן די שטארקקייט אז ער זאל זיך נישט דערשרעקן ארויסצוברענגען א מיינונג אדער א נקודה, צי ס'איז ביי א מיטינג, צי ס'איז א משפחה צאמקום, צי וואס ס'זאל נאר זיין.

און אויף דעם דאנקט מען דעם אויבערשטן אז "המשיח

בס"ד



# וואס איז טאקע דער אמת

## פארוואס איך בין נאכנישט געגאנגען צו פראדאקטיוו?

| טענה | תשובה |
|---|---|
| ווייל איך האלט אז איך דארף עס נישט האבן | אריבער 200 אידן וואס האבן אויך אזוי געהאלטן פאר זיי זענען געקומען צו פראדאקטיוו, זענען ביי די קלאסן געווארן געווארן אז זיי האבן וואס זיך צו פארבעסערן... |
| ווייל איך שעם זיך | פראדאקטיוו איז פאר דיר... |
| ווייל איך האב קאנפידענס | 'פראדאקטיוו' לערנט וויאזוי צו האבן 'מער' קאנפידענס פאר שווערערע מצבים, און 'ווייניגער' גיאות אין די זעלבע צייט... |
| ווייל ס'קאסט געלט | ס'איז דא א פראגראם וואס צאלט אייך אויס די קאסטן... |
| ווייל ס'נעמט צייט | דאס איז וואס איר ווילט קונה זיין ביים קלאס; וויאזוי צו האבן מער צייט אינעם לעבן, פאר די אייגענע קינדער, פאר תורה ותפילה... |
| ווייל ס'קען מיר נישט העלפן | פארוואס פונקט פאר דיר זאל עס נישט העלפן... |
| מיין ב"ב לאזט נישט | מיט אביסל קאמיוניקעישן וועט מען לאזן... |
| איך בין שוין געווען ביי מערערע פלעצער | די סארט צאמשטעל פון פראדאקטיוו וואס איז תורה וגדולה במקום אחד, האט איר נאכנישט געזעהן... |
| ווייל אפשר וועט עס נישט אנהאלטן צו לאנג | פראדאקטיוו גייט שוין אן 3 יאר ב"ה, און די אידן זאגן אז די 'לעבנס-טויש' האלט נאך יעצט אן... |
| כ'האב נישט דעם קוראזש אויפצוהייבן דעם טעלעפאן | פארדעם קענען מיר אייך טאקע נישט העלפן... |

**טוט דעם ריכטיגן שריט;**

ווערט א בעסערע מענטש, אין די ענינים פון:

בין אדם למקום • בין אדם לחברו • בינו לבין עצמו

**דורכן מיטהאלטן א 'פראדאקטיוו-קורס'!**

**פראדאקטיוו קורס**

א נטע מאטאוועישאן צו פראדוצירן

845-232-1079

אלמים" מען קען אנהייבן רעדן, מען מאכט רעדעוודיג די שטימע. מ'טוט דא אנולירן זיין עקסטרעמע שטילקייט און צוריגעצויגנקייט.

### המתיר אסורים...

**מ'האט דעם ריכטיגן שפראך ביי האנדלען מיט אנדערע און זאגאר הויכראנגיגע**

אז מ'רעדט פון "מתיר אסורים" קען מען נישט פארקוקן פון פארציילן אט דער פאלגנדער אינצידענט, אן אינטערסאנטע זאך וואס האט פאסירט מיט איינעם פון די קלאס מענטשן, ער איז פארפלאנטערט געווארן מיט אן "אודיט פראבלעם" וואס באדייט אין קורצן, די רעגירונג פארלייגט זיך אויפ'ן באטרעפנדן און קוקן נאך זיין גאנצע לעגאלע היסטאריע, פון אויבן ביז אראפ, און ווי פארשטענדליך איז דאס אומגעוואונטשן.

ביי דעם איד איז דאס נאך געווען א מאסטשטאבליכערער קאטאסטראפע, ווערנדיג דיאגנאזירט פון די הויכע פענסטער אלס "פראיד-שטאפל" און האט טאקע ערהאלטן אן אייגנארטיגן אודיט דירעקט פון די טערארזירנדע "פראיד-דעפארטמענט" וואס דייט אן נישט קיין גוטע נייעס, הקיצור די מצב איז געווען זייער אומרואיג און אנגעצויגן. אבער, ביי דעם ספעציפישן באטרעפנדן, וואס איז געקומען איידער דער פרשה צו די קלאסן, האט ער - דורכ'ן זיך צוגרייטן ריכטיג פארדעם מיט א כח זיך צו קענען האלטן רואיג - געקענט יענעם אויפווייזן די טעות וואס יענער האט, אז דא איז א רעדע פון פראיד, צו וואס יענער האט איינגעשטימט און מודה געווען און שטארק מינימיזירט דער קלאגע. וואס לויט ווי די געזעצן זענען אין ריכטונג פון א פראיד, איז דאס געווען ממש א בחינה "מתיר אסורים" אז ער איז נישט צוגעטיילט געווארן צום "פראיד" שטאפל.

און אויף דעם דאנקט מען דעם הייליגן באשעפער אז דער אויבערשטער איז געווען מתיר אסורים, און ער איז באפרייט געווארן פון האבן קאמפליקאציעס צו וואס קיינער וואלט זיך נישט געוואונטשן.

### ומפרנס ועונה ומרחם בכל עת צרה וצוקה...

**מ'שטייגט אין ביזנעס, און די פרנסה צושטאנד ווערט ב"ה שענער און בעסער**

די אידן וואס זענען געווען ביי די קלאסן, מאכן אצינד א שיינער חשבון, וויאזוי זייער פינאנציעלער בודזשעט האט אויסגעקוקט בעפאר'ן אהערקומען, און נאכדעם. איידער'ן אהערקומען האבן זיי געפילט אז זיי האבן נישט גענוג צו דעקן זייער בודזשעט, יא, זיי האבן עפעס א דזשאב, אבער די מערסטע וואס ער קען ארויסקוועטשן פון זיין דזשאב איז כך וכך, ווייל ער האט געהאט באגרעניצונגען צו טון בלויז אזעלכע ארבעט וואס יעדער איינער קען, וואס פארדעם צאלט מען נישט צופיל.

דאגעגן ווען מ'גייט דורך די קורסעס, לערנט מען זיך אויס קוראזש און קאנפידענץ צו לערנען זיך און האבן דעם קאפ און מח צו דערגיין טיפערע לעקציעס און טרענירונגען, א זאך וואס ברענגט מיט זיך שענערע און העכער פאזיצעס מיט גאר דראסטיש הויכע געהאלטן. איבערהויפט האט מען דער קאנפידענץ צו אינוועסטירן און ערפינדן, גרינדן נייע ביזנעסער אן מורא און עפאביע-זארג פון דורכפעלער.

א פרישע יונגערמאנטשיקל איז געקומען צו די קלאסן, ער האט זיך אויסגעלערנט דא דער קוראזשפולע גייסט פון "גיי אריין, אינוועסטיר, האב נישט מורא", ער האט גענוצט די טולס און די כוחות אריינצוגיין אין עפעס בעסערס, און ער איז ווירקליך אנגעקומען צו ווערן א "סעלף-עמפלויעד". אנגעפאנגען האט זיך עס מיט'ן ארבייטן ביי איינעם אין פירמע, און אנגעהויבן צו פארקויפן אייטעמס. דאס פאר זיך איז שוין אויך גאר שיין אנגעקומען, עס באדייט א שיינער געהאלט ערפילנדיג א שווערער און וויכטיגער פאזיצע אינערהאלב א ביזנעס.

אבער ער איז געגאנגען נאך ווייטער, ער האט מיט ערשטקלאסיגער קאמיוניקאציע געמאכט גוטע קאנעקשאנס ווייטער, ער האט זיך נישט דערשראקן אז ער וועט נישט קענען, ער איז געווען רואיג אז דער אויבערשטער וועט אים העלפן, ער האט צוגלייך פאראויסמארשירט מיט קאנפידענץ מיט א מאטיוואציע, באגלייט מיט אייפערדיגע חשק און התלהבות, און איז אנגעקומען צו דער שטוינענדער שטאפל פון ווערן א בעל-הבית פאר זיך און ער מאכט ב"ה שענער וויפיל ער האט געמאכט, און, ער ארבייט אויך גרינגער, ווייל ער ווייסט וואס ער האט צו טון.

יא, א סאך מענטשן בלייבן ארבייטערס, מען קען נישט זאגן אז יעדער מוז ווערן א בעל הבית צו עררייכן הצלחה, יעדער באקומט זיין פרנסה פון השי"ת אין זיין צוגעפאסטער שטעלע מן שמיא. אבער, פיל אנדערש איז אז אפילו מען איז אן ארבייטער, קען מען זיין אין א בחינה פון א בעל הבית, וויאזוי? ווען מ'איז א סוקסעספולן ארבייטער וואס האט א שפראך צו קענען מאכן דעם בעל-בית טון וואס איך שלאג אים פאר, דאס מאכט אויך פילן פאר איינעם אז ער איז סעלף-עמפלויעד, וואס הגם מ'קען נישט זאגן אז געלט מאכט ער אזוי ווי אן אריגינעלער בעל-הבית, אבער דאס איז אמאל זיכער אז די גוטע פילינג פארמאגט ער, און דאס איז גאר אויספעלנד אין געביט פון שטייגן העכער אין ראנג, געלט וועט שוין דער אויבערשטער שיקן אויף אן אנדער וועג, קודם האט ער א גוטע פילינג אזוי אויך.

איז די מענטשן דאנקן דעם הייליגן באשעפער "ומפרנס ועונה ומרחם בכל עת צרה וצוקה" אז אנשטאט ער זאל דורכ'ן אריינגיין טאג טעגליך אין דזשאב, אויך אריינגיין אין א "צרה וצוקה" "אוי, שוין ווייטער די פרעשור, דער בעל-הבית שטייט שוין ווידער אויף די געהירן". פילט ער אצינד, אז פארקערט, איך בין געווארן דיין בעל-הבית אויף אן אופן וואס ער פירט בכלל נישט אז איך טייל אים דא עפעס איין, ווייל ער האט דעם ריכטיגן וועג.

### והמפענח נעלמים...

**מ'עפענט זיך אויף פאר פרעמדע, און יעדער געניסט פון דעם**

אלס הקדמה צום קומענדיגן שטיקל אין נשמת, וועל איך פארציילן א קליינעם עפיזאד.




# איך רעד און טענה'ע מיר מיט מענטשן נארמאל און אויפריכטיג זייט "פראדאקטיוו"!

מיין נאמען איז...

איך בין געקומען אין קלאס לערנען די אלע גוטע זאכן וואס מען לערנט דא אויס, איינע פון די זאכן איז למשל קאמיוניקאציע, **אין מיין געוועזענעם שטייגער** ווען איך וואלט דורכאויס א שמועס **געהערט ווי איינער זאגט אנדערש ווי מיר, אים צוריקגעהאקט אהין און צוריק, און נישט איך און נישט יענער וואלטן ארויס צופרידן**, און עס וואלט גארנישט געווארן פון דעם.

**זייט איך בין געקומען דא מען האט זיך געלערנט די טולס וואס מען לערנט דא אויס געשעט דאס מער נישט,** מיין קאמיוניקאציע **איז פארבעסערט געווארן פיל מער ווי געראכטן.** אשר על כן, **קומטס אהער, ווערט עטס האבן א געשמאקע שמועס מיט א צווייטן** און ענק וועלן קענען האבן **א השפעה אויף א צווייטן.**

עס איז געווען טאקע לעצטנס בין איך געווען אויפ'ן וועג מיט איינעם, **איך האב מיר געהאלטן רואיג א שיינע שטיק צייט דורכאויס אונזער שמועס-געפעכט טראץ וואס מ'האט זיך גע'טענה'ט חסידות.** אין א נארמאלן אופן וואלט איך זייער נערוועז געווארן אויף די טיפשות און אומלאגישקייט וכו' פון דעם צד שכנגד שמועסנדיג, וואס אייגנטליך האט מען גארנישט פון זיך סתם צוריק טענה'ן אבי מ'זאל זיין גערעכט. **ב"ה היינט קען איך נארמאל שמועסן און זאגאר זיך טענה'נען מיט מענטשן באופן נעים און שוה לכל.**

**הצלחה רבה!**

"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטערענספערט צו זיין
עקסטענשאן נומער"

**יא! בעז"ה קענט איר דאס אויך באווייזן!**

רופט אין אפיס אויף
**845.232.1079**

עס איז צוגעקומען צו מיר א איד פון מאנטריאל, ער איז געווען דא אין אמעריקע צוליב א סיבה, און ער זאגט מיר אזוי "ער האט א חבר וואס האט געוואוינט אין מאנטריאל, ער האט אים געקענט פאר א מענטש וואס האט זיך קיינמאל נישט געעפנט דאס מויל, נישט ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו פארקויפן, ווייל ער איז דאך געווען זיין נאנט-פערזענליכן חבר און פאר אים האט ער דערציילט יעדן טאג, מסביר געווען זאכן און געפירט לאנגע שמועסן צוזאמען. אבער אזוי אין אנדערער געזעלשאפט איז ער געווען שטיל ווי א פיש".

דער מאנטרעאלער גאסט פירט אויס מיט שטוינונג "איין טאג הערט איך אז ער איז געווארן א 'יושב ראש' ביי מסיבות, מלוה מלכה'ס, ער רעדט ביי חברה תהלים'ס, וואס גייט דא פאר?".

"איך בין צוגעגאנגען צו אים און אפנהארציג געפרעגט, חבר מיינער ביזט מיר באקאנט געווען אלס שטילער כאראקטער, וואס איז אזוי פלוצים געשען מיט דיר אז די ביסט געווארן דער ראש המדברים? האט ער מיר אנפארטרויעט דעם סוד, ער איז געווען ביי א פראדאקטיוו-קלאס!".

דער גאסט פון מאנטרעאל איז ארויס פון התפעלות און פארגעזעצט מיט איינגעהאלטענער שטוינונג "יא? ס'ארבייט? איך האב אלס געמיינט אז ס'איז א נאמען ס'איז אדווערטייזמענט, ס'ארבייט טאקע? איך ווער אצינד געוואויר געווארן א נייע זאך, עפעס אומגלויבליך!". עד כאן וואס יענער פארציילט מיר.

און דאס איז באמת דער איינפאכסטער באדייט פון "והמפענח נעלמים" די כוחות הנפש וואס ס'איז געלעגן באגראבן אין א מענטש, ווי לדוגמא דער איד, וואס האט באמת געהאט וואס צו פארקויפן לויט וויאזוי זיין חבר פון מאנטרעאל האט אים אראפגעשילדערט. נאר ער האט נישט געוואוסט אז ער קען דאס אויסנוצן אלס טאלאנט צו מהנה זיין אנדערע, אזש די צוהערער ביי זיינע גרויסע אויפטריטן זענען געווען באראכטיגט צו פרעגן מיט אויפריכטיגקייט "וואו ביסטו געווען ביז היינט" און אט דערויף לויבן מיר השי"ת אז "המפענח נעלמים!".

## סומך נופלים...

### השי"ת הייבט אויף די געפאלענע, און ברענגט ארויס די געוואלדיגע אייגנשאפטן

עס זיצט א יונגערמאן אין כולל אסאך יארן, ער זיצט און ער זיצט, פינף יאר, צען יאר, ער וואלט שוין לאנג געקענט אנקומען צו עפעס, אבער ער קלערט צו זיך מיט א נישט גוטער געפיל "וואס קען איך?" ליידער קען ער נישט אנציגן איבער געוואלדיגע דערגרייכונגען. אבער איינמאל ער קומט אריין צו פראדאקטיוו, אומווילנדיג, סתם זיין חבר האט אים גערופן, ער האט געזאגט "איך גיי קום מיט" זיין קאלעגע האט זיך געאמפערט "וואס דארף איך גיין, אלעס איז גוט, אלעס איז פיין" אבער למעשה, ער איז אנגעקומען דא. נאך אין סאמע-מיטן פונעם קלאס, איך ווייס נישט ווי אזוי, איך ווייס נישט וואס, "ער ווערט א ראש הכולל" מען קען זיך דאס גלייבן? אינמיטן קלאס א ראש הכולל, וואס איז געשען? "פראדאקטיוו" איז דער אנטווארט. דאס איז א מעשה שהיה, און פולע ענליכע פאסירן זייער אפטליך.

און דאס איז דער בעסטער ערקלערונג אויף "סומך נופלים" אידן זענען געפאלן ביי זיך, זיי געבן נישט ארויס די כוחות הנפש וואס זיי האבן אין זיך. פלוצים, ס'קומט ארויס, וואס גייט דא פאר, ווי אזוי קומען ארויס די אלע כוחות? ווייל ס'איז פארהאן דא מהלכים פאר יעדע זאך.

## ואילו פינו מלא שירה כים...

### נאכ'ן דורכגיין די קלאסן קען מען נישט גענוג דאנקען השי"ת

יעדער פארשטייט ווען איינער וועט דיר זאגן "איך געב דיר מאטעריאל, גיי בוי מיר אויף דאס הויז" און ער וועט זיך נעמען בויען, וועט דאס הויז זיך נישט האלטן צו לאנג. ווייל צו קענען בויען דארפסטו האבן אינזשענירונג פאטענטן און עצות ווי אזוי צו קאנעקטן דעם פאונדעישאן צום נעקסטן שטאק, איין שטאק צום צווייטן, און מ'ברויך אנאליזירן איבער וויאזוי ס'זאל זיך האלטן, יעדע דעטאל מוז זיין הונדערט פראצענטיג אויסגערעכנט, ס'איז דא טולס און מהלכים פאר יעדע זאך, דאס געבוי קען נישט געשען פון איין מינוט צום צווייטן אן דאס געניט אויס'חשבון'ען.

דאס זעלבע איז ווען דער בילדער וועט זיך יא גוט אנרעכטן איידער'ן בויען, אבער וועט זיך נעמען בויען דאס הויז אליין, אן אריינעמען דערין אנדערע ארבייטער וואס ברויכן ציען עלעקטער, הייצונג, וכדו'. וואס געשעט ווען ס'קומט צו איינריכטן די עלעקטריק און ער קען נישט עלעקטריק, דאס גאנצע הויז איז אומנוצבאר, א הויז אן עלעקטער איז הייס, א הויז אן עלעקטער איז טונקל, ער קען דאס הויז נישט פארקויפן, קיינער גייט עס נישט קויפן אפילו פאר האלב פרייז אויך נישט, לייג אריין לעקטער און נאכדעם וועל מיר עס קויפן.

לענינינו, מיר האבן באקומען די אויפגאבע אליין צו בויען אונזער הויז, צו בויען אונזער געביידע, און ס'איז דא דערין אסאך אומשטענדן און שוועריקייטן מיט וואס דער מענטש פאר זיך אליין איז נישט אזוי באהאוונט, מ'איז נישט אזוי באקאנט ווי אזוי מען דארף עס טון. דערפאר קומט מען אהער דא אין קלאס וואס איז צאמגענומען א ליקוט פון צען יאר אינפארמאציע און אויסערארדענטליכע עקספערטיז דורך האנדלען מיט קרוב צו צוויי דריי טויזנט מענטשן, טייל דירעקט, טייל דורך פארמיטלער, וואס דורכדעם איז מיר אויסגעקומען צו הערן וואס זענען די אלגעמיינע שכיח'דיגע פראבלעמען זענען, און צוגלייך בעז"ה באוויזן דורכאויס די יארן צו טרעפן צוגענגליכע לעזונגען פאר דעם. וואס בסך הכל שטעלט זיך ארויס אז דא איז יעדע דעטאל אויסגערעכנט פון בעפאר, גאראנטירנדיג אז דער פונדאמענט איז גאר גאר שטארק און באגרינדעט. און צוגלייך בויט מען די אייגענע געביידע, די אייגענע עולם מלא, מיט פאראייניגטע כוחות, אויסמיידנדיג ארבעטן אויף דער אייגענער האנט.

18

עפענטליכע **עדות**

**פראדאקטיוו!!! קורס**

# מיין לייף אינשורענס ביזנעס איז אסאך שענער און העכער זינט "פראדוקטיוו"!!

מיין נאמען איז... איך בין א לייף אינשורענס אגענט.

איך בין געקומען דא צו די קלאסן אזוי ווי ענק, איך האב געטראכט איך וויל ווערן בעסער אין התלהבות, **התלהבות פון דא באדייט אז דורך התלהבות וועט מען טון זאכן אין צייט אומפארשלעפט, און מיט חשק.** אויך בין איך געקומען צוליב **קאמיוניקאציע,** די זאכן וואס עס פעלט אסאך אויס פאר מיין ביזנעס.

ב"ה די שטיק צייט, ס'איז שוין אנדערהאלבן חודש אריבער פון דאן, **האב איך שוין געזען א גרויסע טויש, מען האט גענוצט די טולס וואס מען לערנט דא, האב איך געזען א גרויסע טשעינדזש, סיי אין התלהבות, זאכן ווערן ערלעדיגט און מען זעט הצלחה. און סיי אין אנדערע היניזיכטן.**

**דערפאר זאג איך ענק בתורת עד, בדוק ומנוסה,** מען קען דא שטייגן סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות, **שרייבט אייך איין צו די קלאסן ענק וועלן זיכער הנאה האבן.**

פאר מיר איז טאקע אויך נישט געווען גרינג זיך איינצושרייבן, בעיקר וועגן די געלט וואס עס קאסט. אבער **איך האב געזען אסאך סייעתא דשמיא מיט'ן זיך איינשרייבן,** ווען איך שפענדט געלט פאר אנדערע זאכן, קען איך אלץ צווייפלען און צוריקטראכטן צי איך האב גוט געטון צי נישט, און **ביי דעם האב איך נישט צוריקגעטראכט,** און יעצט זע איך פארוואס איך האב נישט צוריקגעטראכט **ווייל ס'איז ווערד אלעס, ס'איז ווערד אלעס!**

**זאג איך ענק פרובירט עס אויס קומט אהער, ענק וועלן ווערן אנדערע מענטשן!**

קלאס מעמבערס
טרעטן אויף ברבים
ביים אינטראראקטיוו
פונעם קורס
און שילדערן די רושם
וואס די קורס
האט אויף זיי
משפיע געווען:
**לייגט און האט**
**הנאה!**

**אויסטריט פון האברך..**
עקסטענשאן
**- #775 -**

"צו רעדן
מיט דעם קלאס מעמבער
רופט אריין 'פראדאקטיוו' אפיס
און פארלאנגט צו ווערן
געטרענספערט צו זיין
עקסטענשאן נומער"

**יא! בעז"ה קענט איר דאס אויך באווייזן!**

רופט אין אפיס אויף
**845.232.1079**

# חנוך לנער; וואָס איז אַזוי קאָמפּליצירט?!

"חינוך..." - זעלטן איז פאראן א ווארט, וואס נעמט אריין אזויפיל אין זיך, ווי "חינוך".

ווען מען וויל רעדן פון חינוך פארשטייט יעדער איינער אז עס איז א גאר טיפע און ברייטע נושא, וואס מען קען רעדן און רעדן אן אויפהער. עס ווערן געזאגט דרשות און שיעורים אן קיין גרעניץ; עס ווערן געשריבן ספרים און מאמרים, חדשים לבקרים; אלעס אויף דעם איינעם ווארט "חינוך".

פארוואס האט אמאל נישט אויסגעפעלט אזויפיל דרשות און ספרים אויף חינוך? מיר געפונען נישט צווישן די אלע ספרים אויף חינוך, א ספר וואס איז ארויסגעקומען במשך אונזער גאנצע היסטאריע, אלע ספרים זענען גאנץ יונגע פון די לעצטערע יארן. צו האט נישט אויסגעפעלט קיין אנווייזונגען אויף חינוך, בעפאר עטליכע יאר צוריק?

דאס איז א קשיא וואס אסאך פרעגן. אנדערע פרעגן די קשיא אביסל אנדערש:

"חינוך" איז לכאורה א חיוב אויף יעדן טאטן. וויאזוי קען זיין אז דער אויבערשטער האט מחייב געווען יעדן פשוט'ן טאטן מיט אזא שווערע אויפגאבע, אויף וואס מען דארף זיך 'לערנען' און הערן טויזנטער שעות מיט דרשות?

דער ענטפער איז גאנץ פשוט, און מיר וועלן זיך באנוצן מיט א פאסיגן משל, מיט וואס א חשוב'ער בעל דרשן האט דאס ערקלערט:

• • •

יחזקאל און ברוך, זענען צוויי אינגעלייט, גוטע חברים, וועלכע האבן זיך נארוואס אנגעהויבן אומצוקוקן אויף א פאסיגן זשאב, א פרנסה קלה ונקיה, צו מקיים זיין דעם בזעת אפיך תאכל לחם און אהיימברענגען פרנסה פאר זייער שטוב.

בליקנדיג אין די קלאסיפיידס פון א לאקאלן בלעטל, האט יחזקאל באמערקט א קורצע מעלדונג: "עס ווערט געזוכט א געטרייע ארבעטער פאר א לאקאלע פירמע, דארף האבן סי. די. על. לייסענס, און דארף קענען רעדן און ליינען ענגליש, גוט באצאלט". דערנעבן איז געשטאנען א נומער.

נישט טראכטנדיג קיין צוויי, נעמט יחזקאל ארויס זיין סעלפאן, דרוקט די עטליכע נומערן און איז שוין אויפ'ן ליניע מיט א צווייטן, וואו עס איז אפגעשמועסט געווארן אז אויף צוועלף אזייגער זאל ער אריבערקומען צום באשטימטן אדרעסס פאר אן אינטערוויו.

פינף מינוט בעפאר צוועלעף איז שוין יחזקאל געשטאנען פארנט פון דעם אנגעגעבנדן אדרעסס. זיינע ליפן שעפשען א קורצע תפלה אז ער זאל נושא חן זיין. ער שיידט אפ א דאללער פאר צדקה, און מיט זיכערע טריט שפאנט ער אריין אין די געביידע.

ער טרעפט זיך מיט'ן בעל הבית, וועלכער נעמט אים אריין אין זיין פריוואטן אפיס, פאר אן אינטערוויו. דער בעל הבית האט אים אויסגעפרעגט עטליכע פראגעס. נאך א קורצע הין-און-צוריק דיסקוסיע פון צען מינוט, איז יחזקאל געווארן געהייערט אין די קאמפאני, צו מאכן דעליווערים.

ער באקומט דעם שליסל צום גרויסן טראק, וואס שטייט פארנט פון די געביידע, א ליסטע מיט אדרעססן וואו די פראדוקטן וואס ער דעליווערט דארפן אנקומען, און ער איז אין ביזנעס.

דעם קומענדיגן טאג טרעפט ער אן זיין חבר ברוך, און דערציילט אים מיט פרייד אז ער האט ב"ה געפונען א פיינע זשאב. ברוך הערט פון זיין חבר וועגן זיין זשאב און ווי צופרידן ער איז, און באשליסט אז אפשר קען ער אויך באקומען דארט א זשאב.

ער דרוקט אויך די ציפערן וואס איז געשטאנען אויף די קלאסיפייד, און ער באקומט אויך דעם זעלבן ענטפער, אז ער קען אריבערקומען צוועלף אזייגער צו אן אינטערוויו, ווייל מען זוכט נאך ארבייטער.

מיט פרייד מאכט ער זיך גרייט. צום באשטימטן צייט איז ער שוין ערשינען ביים אנגעגעבענעם אדרעסס. שעפשעט א תפלה, געגעבן צדקה, און מיט א טריט פון א ביזנעסמאן... שפאנט ער אריין אינעם אפיס פונעם ארבייטסגעבער.

דער בעל הבית נעמט אים שיין אויף, פרעגט אים אביסל אויס, צו ער האט שוין ערגעץ געארבעט בעפאר, און וואס זיינע קוואליפיקאציעס זענען, אויף וואס ברוך האט גערן געענטפער און געמאכט א גוטן רושם.

דאן פרעגט אים דער בעל הבית "איך קען אפשר זעהן דיין לייסענס?"

"איך האב נישט קיין לייסענס."

"ענגליש קענסטו יא?"

"נישט צו גוט."

"דאן זייט ביטע מוחל" - זאגט דער בעל הבית - "צום ערשט גיי לערן דיר צו דרייוון א טראק, לערן דיר רעדן ענגליש, און דאן קום צוריק, אפשר וועל איך דיר דאן אננעמען."

ברוך ווערט אויפגעברוזט און הויבט אן צו טענה'ן מיט'ן בעל הבית מיט אייפער: "איך פארשטיי נישט! נעכטן איז מיין חבר דא געווען. מען האט אים גלייך אויפ'ן פלאץ געגעבן א זשאב, אנעם אים פארשיקן אויף וואכן צו חדשים, פארוואס קען איך נישט באקומען דעם זשאב אויפ'ן פלאץ?!".

דער בעל הבית קוקט אים אן מיט רחמנות און זאגט אים: "ברוך'ל טייערער, איך גיב דיר גערן א זשאב, אבער איך האב געשריבן אויפ'ן קלאסיפייד אז מען דארף קענען דרייווען און רעדן/ליינען ענגליש. דיין חבר האט דאס שוין אלעס אין באזיץ, האב איך אים געקענט געבן דעם זשאב. איך דארף אים בלויז אנווייזן א צעטל מיט אדרעסן, געבן די שליסלען, און זאגן די פאר אינסטרוקציעס וואס ער דארף וויסן, אבער איך האב נישט קיין צייט דיר אויסצולערנען ענגליש און דרייווען."

• • •


בס"ד
אילן אילן במה אברכך
..הרי פירותיך מתוקין ... הרי צלך נאה ... הרי אמת המים עוברת תחתיך
אלא יהי רצון
שכל נטיעות שנוטעין
ממך יהיו כמותך...
סוקסעספולע מענטשען
וואס זענען געקומען
צו 'פראדאקטיוו';
נאך א שטיקל צייט
אפשניט זעהן זיי שוין
ערענסטע טוישינגען
אין זייערע
געבענטשטע קינדערלעך
דורך ניצן די מעטאדן וואס
'פראדאקטיוו' לערנט אויס
צו בויען די קינדער!
איר זענט טאקע
א געלונגענע מענטש;
ווילט איר אז אייערע קינדער
זאלן אויך זיין געלונגען בעז"ה?
לערנט אייך די טולס דערפאר!

די חכמה פון "חינוך" – האט דער בעל דרשן ערקלערט - איז בכלל נישט אזוי ברייט און גרויס ווי מ'מיינט.

אין די תורה הקדושה און אין די ווערטער פון חכמינו ז"ל טרעפן מיר סך הכל עטליכע מאמרים און פסוקים, וואו עס ווערט אנגעגעבן די אינסטרוקציעס און יסודות פון חינוך. שלמה המלך שרייבט עטליכע יסודות אין חינוך, ווי "חנוך לנער על פי דרכו" און "חושך שבטו שונא בנו", א.א.וו. אין חז"ל איז פאראן עטליכע אינסטרוקציעס אויף חינוך, און דאס איז די גאנצע וואס מען געפינט אין ספרים.

די עטליכע חינוך-אינסטרוקציעס זענען גענוג פאר איינעם וואס איז א פעסט-אויסגעבויטער 'מענטש', ער איז אוועקגעשטעלט אויף פעסטע יסודות אין זיין פערזענליכן לעבן. אויב ער האט א שליטה אויף זיך; אויב זיין מח איז שליט על הלב; אויב ער ווייסט וויאזוי צו לעבן מיט אנדערע מענטשן בשלום, ער האט שוין פון-פאראויס אט די אלע "טולס", דעמאלטס איז "חינוך" גארנישט קאמפליצירט, מען דארף נאר אנצייגן די עטליכע אינסטרוקציעס וואס איז ספעציעל נוגע פאר אויפציען קינדער, און מען איז אין ביזנעס...!

דער פראבלעם איז נאר אז היינט איז אן אנדערע וועלט... דער עולם איז נישט אויפגעבויעט אינעם פערזענליכן לעבן, מען נויטיגט זיך אין הילף און באגלייטונג אין קאמיוניקאציע מיט אנדערע מענטשן, עס פעלט זיכערקייט, רואיגקייט, א.א.וו.. – גאר וויכטיגע "טולס" וואס מען דארף האבן אינעם אייגענעם לעבן – דעריבער איז נישט גענוג די עטליכע אינסטרוקציעס אין חינוך, מען האלט נאך אסאך פריער...

מען דארף קודם "מאכן לייסענס" צו דרייווען א טראק און לייענען ענגליש...

• • •

אט דער משל, גיבט צו פארשטיין, דאס וואס מען הערט צוריק פון די גליקליכע אידן, וועלכע זענען דורך די "פראדאקטיוו קורס" אז עס זעהט זיך גאר שטארק אן אין זייער חינוך הבנים והבנות. זיי שפירן זיך זיכער און רואיג ביים מאכן החלטות, און שפירן אז זיי ווייסן וואס יא צו טוען און וואס נישט צו טוען בעניני חינוך.

וועט איינער געוויס פרעגן: צו רעדט מען דען ביי "פראדאקטיוו" פון חינוך?

דער ענטפער איז – ניין, כמעט נישט.

נאר וואס דען?

אז מען לערנט זיך די וויכטיגע "טולס" וואס זאל פירן דעם מענטש צו א פעסטן, קלארן און רואיגן לעבנ'ס-שטייגער, מען לערנט וויאזוי צו האבן קאנטראל אויף זיך; וויאזוי זיך צו האלטן רואיג אין יעדן מצב; וויאזוי צו קאמיוניקירן מיט אנדערע מענטשן; וויאזוי צו אויספירן פליכטן מיט התלהבות, איז נישט קיין וואונדער אז די גאנצע נושא פון חינוך איז שוין בכלל נישט אזוי שווער און קאמפליצירט.

יעדע איינציגע "יסוד" וואס מען לערנט ביי "פראדאקטיוו" איז דאך אזוי קריטיש וויכטיג פאר "חינוך". זעלבסט-זיכערקייט; רואיגקייט; קאמיוניקאציע; מאטאוואציע, א.א.וו.

ווען מען האט אין די האנט אט די יסודות דאן ווערט די 'שווערע נושא' פון חינוך א 'פשוט'ע און פארשטענדליכע זאך'.

נאכדעם וואס מען פארשטייט שוין די "יסודות", מ'קען שוין די כללים, דעמאלטס איז שוין אסאך אסאך לייכטער זיך אפצוגעבן מיט די קינדערלעך ווי עס ברויך צו זיין.

אסאך חשוב'ע אידן – וועלכע זענען באשאנקען געווארן מיט בא'חנ'טע ערליכע קינדערלעך, ממש א ברכה צו מאכן – שוויצן נישט יעדן איינציגן טאג וויאזוי זיך 'אן עצה' צו געבן מיטן חינוך. פאר זיי קומט דער חינוך שוין אויטאמאטיש... יא, זייערע קינדערלעך פארשטייען שוין פונקטליך וויאזוי זיך אויפצופירן, זיי פארשטייען זיך מיטן טאטן, זיי ווייסן וואס ס'ליגט אים אויף די מחשבה, ס'הערשט א ריכטיגער קשר צווישן די עלטערן און די קינדער, און ס'איז צום דערקענען אויף יעדן טריט און שריט.

אסאך עגמת נפש, הארץ ווייטאג, און עסענישן, ווערן איינגעשפארט, ווען מ'לערנט זיך אויס "די יסודות", די מהלכים, דעמאלטס קומט אלעס אן לייכטער און גרינגער.

• • •

די עלטערן פונעם היינטיגן דור, "טוען" אין חינוך א גאנצן טאג... מ'קען חלילה נישט אוועקמאכן די ענערגיע פון היינטיגע עלטערן, מ'ארבעט 'אווערטיים' כדי צו זיין ביכולת צו דינגען פריוואטע מלמדים, מ'צאלט גרויסע געלטער, מ'הערט הדרכה בעניני חינוך, מ'איז מקבל פרישע מהלכים און טאקטיקן ועוד ועוד.

אלעס איז אמת און אלעס איז חשוב ביים הייליגן באשעפער, אבער רבותי דער "עיקר", דער פנימיות'דיגער יסוד, דאס פעלט! די קינדער שפירן דאס, זיי דערשמעקן דאס, און דעריבער זענען די תוצאות נישט אזוי סוקסעספול.

וויאזוי האט רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל געזאגט? "אידישקייט אין אמעריקע וואקסט אין די לענג און אין די ברייט, אבער נישט טיף!"...

אידישקייט שפרודלט טאקע אין די לענג און די ברייט. אידן טוען פאר אידישקייט אין אלע עמודים און אספעקטן, אין תורה עבודה וגמ"ח, אבער נישט טיף... די יסודות, דער פנימיות, דאס פעלט!

עס זענען דא אזעלכע וואס פארשטייען אז 'יסודות' איז טאקע א וויכטיגער 'באשטאנדטייל', ס'איז טאקע א וויכטיגע 'אינגרידיענס' אין חינוך, אבער אפילו אן די יסודות, און מהלכים, איז אויך נישט אזוי געפערליך.

ס'איז אבער א טעות בהחלט! אויב לערנט איר זיך נישט אויס איינמאל פאר אלעמאל די געציילטע "יסודות", די "טולס" פון חינוך, דאן וועט ער אלעמאל דארפן "טון" אין חינוך...

דאס איז דער ציהל אויף וואס יעדע טאטע-מאמע דארף ארויסקוקן, און דאס איז דער ציהל וואס מ'האפט צו פארווירקליכן בסייעתא דשמיא!

גאנצע
# בנינים
- אוועק -
# מיטן ווינט



פאריגע וואך האב איך מיר אינטערגענומען...
א חודש צייט 'וויל' איך אים אנטראגן דעם שידוך...
6 חדשים צוריק איז מיר איינגעפאלן א גיטע ביזנעס איידיע...
איך פלאן שוין א יאר צייט מיטצוהאלטן דעם שיעור...
פאר 3 יאר צוריק האב איך אויספלאנירט און געוואלט ערצייגן א נייע פראדוקט...

- פארוואס ווערט קיינמאל גארנישט פון די אלע זאכן? -

**רופט שוין אין 'פראדאקטיוו' אפיס** און ווערט געוואר וואס פאר **א וועלט מיט זאכן**
**קלאס מעמבערס** האבן **ארלעדיגט און אויפגעטון** נאכן ארבייטן אויף זיך
און ווי-אויך זיך געלערנט **מהלכים וואס ברענגען סוקסעס בס"ד!**

# אָנצינדן דעם 'ברעיקער'!

אז מ'וועט פרעגן עמיצן: ס'זענען פאראן מערערע שיעורים און פילצאליגע קלאסן, איינס באהאנדלט די טעמע פון "שלום בית", די צווייטע באציהט זיך צו "ביזנעס", די דריטע צו "חינוך הבנים", די פערטע "עסקנות", א.א.וו.

צו וועלכע פון די א.ד. קלאסן איז די וויכטיגסטע צו גיין?!

א גוטע קשיא... ס'וועט ווערן א מחלוקת הפוסקים, יעדער וועט שרייען אז איין ספעציפישע נקודה איז וויכטיגער פונעם אנדערן. און מ'דארף דוקא גיין צו דעם קלאס, אדער צו יענעם קלאס.

דער ריכטיגער ענטפער דערויף איז דער פאלגענדער משל:

• • •

ר' נתן, א פארנומענער ביזנעסמאן שפאצירט אריין אין אפיס, היינט איז זייער א פארנומענער-טאג, ער האט גאר אסאך צו ארלעדיגן. ער דארף אניאגן אסאך ארבעט היינט, ער דארף רעדן טעלעפאניש מיט פארשידענע פירמעס וויאזוי צו מאכן פארשריט אין די ביזנעס און רוקן זאכן פאראויס.

אין די זעלבע צייט ליגט אים אויך אויפן קאפ אן ערנסטער אונטערנעמונג, זיין בחור'ל גייט אדורך א שווערע תקופה אין די ישיבה, מ'האט מחליט געווען אז היינט גייט מען רעדן מיטן מנהל, און אפשמועסן וויאזוי מ'קען עס באהאנדלען אויפן בעסטן אופן, און זעהן בעז"ה א שינוי לטובה.

ר' נתן איז א היפשער עסקן אויך, ער האט פארשידענע אנדערע פראיעקטן וואס ליגן אויפן טיש, און ער דארף היינט "קאווערן" אסאך. סיי טעלעפאניש, און סיי דורכן קאמפיוטער, א.א.וו.

ער שפאצירט אריין אין אפיס, און ס'איז שטאק פינסטער! וואס האט פאסירט? ער ווייסט נישט פונקטליך, אבער אזויפיל ווייסט ער אז ס'איז אין די בחינה פון "וימש חושך"... מ'קען נישט זעהן און מ'קען נישט ארבעטן, אלעס איז כאדאראם.

ער ווייסט בערך וואו מ'קומט צו צום 'סוויטש', ער רוקט עס ארויף, אבער גארנישט רירט זיך נישט.

ער פרובירט איינמאל און נאכאמאל, אבער ער זעהט אז ס'איז גרויסע צרות.

"וואס טוט מען?" – שרייט ער ווי צו זיך אליינס – "איך האב דאך א געוואלד מיט ארבעט היינט, מ'קען נישט אזוי אנגיין!"

מיר גלייבן אז איר וואלט אים בארואיגט, און געזאגט: "ר' נתן, ס'איז דא אן עצה! מ'צינדט אן דעם ברעיקער! וליהודים היתה אורה!".

• • •

"פראדאקטיוו קורס" צינדט אן דעם "ברעיקער" פון יעדן באטייליגטער!

א יעדער מענטש פארמאגט אין זיך געוואלדיגע כוחות\ שאיפות\ פלענער\ און ענערגיע, אבער געווענטליך געפונט מען זיך אין א מצב אז ס'איז טונקל! ס'פעלט קאמיוניקאציע, מ'האט נישט דעם ריכטיגן מהלך, וויאזוי דרוקט מען זיך אויס? וואס טוט מען יא\נישט? צו עלטערן\ פרוי\קינדער\חברים\בעלי בתים\ארבייטער, און דעריבער טאפט מען אין די פינסטער נישט וואוסענדיג וויאזוי צו שפאנען פאראויס צו א מוצלח'דיג לעבן בסייעתא דשמיא.

אבער ס'פעלט בלויז איין זאך: אנצוצינדן דעם ברעיקער!

איינמאל דאס איז מסודר, דעמאלטס געפונט מען זיך אין א ליכטיגע וועלט, אן אנדערע וועלט, מ'ווייסט וויאזוי צו באהאנדלען אייגענע געפילן און פעולות, און דורכדעם קען מען אנקומען גאר גאר ווייט! דער בן תורה וועט דאס נוצן אויפצושטייגן אינדערפרי, דער ארבייטער וועט נוצן די כוחות אין די ארבעט מיט פלייסיגקייט און מסודר'דיגקייט, דער מאן וועט דאס נוצן אין שטוב מיט די באציאונגען, און בכלליות ווערט דאס גענוצט צווישן חברים און גוטע פריינד. א.א.וו.

# פעלט אויס אַן 'אויל-טשעינדזש'?...

דער ברוינער אלטער סטעישאן-וואגאן וואס אנדערע גייען איר שוין באזוכן אין מוזעאום, איז נאך ביי גדלי' אן אינטערגראלער טייל פון זיין לעבן. ער זיצט נאך מיט שטאלץ ביים רעדל און פירט דעם צעהאקטן-אויטא איבער די גאסן.

ר' גדלי' זעהט נישט פארוואס עס פעלט אויס צו טוישן קאר. איי די 'באמפער' און 'העד-לייטס' זענען שוין כמעט אפגעטיילט פונעם קאר... נו, פארדעם איז דאך באשאפן געווארן 'סקאטש-טעיפ'... און אז מען קען מער נישט עפענען דעם טיר פון אינעווייניג, נישקשה, מ'דרייט אראפ דעם פענסטער; מ'שטעקט ארויס די האנט; און מ'עפנט די קאר פון אינדרויסן.

"עס פארט גוט" - טענה'ט זיך ר' גדלי' מיט יעדער וואס לאכט פון זיין אלטן קאר, בעת ער מוטשעט זיך אנצוצינדן דעם קאר, וועלכע גיבט ארויס שווערע



בס"ד
וואס איז געשעהן?
די ברעיקער האט געקראכט...
די עלעקטעריסעטי
האט נישט סופלייט די דימענד;
ווען ס'איז נישט דא גענוג
קאנפידענס (עלעקטעריסעטי)
פאר וויפיהל עס פארלאנגט זיך לויטן מצב
ווערט די מענטש
אויסגעלאשן
איבעראל..
מיט די טולס פון 'פראדאקטיוו' וועט איר בע"ה אויפטרייבן
אייער אייגענע נפשיות'דיגע עלעקטעריסעטי
פאר וויפיהל איר דארפט פאר אייער לעבן!

קרעכצן ווי אן אלטער זקן.

ווען אלעס האט אנגעהויבן צו פייפן (חוץ דער פייפער, פארשטייט זיך...), און די ׳ברעיקס׳ האבן שוין אנגעהויבן צו מאכן קונצן, האט ר׳ גדלי׳ באטראכט מיט ערנסטקייט די סיטואציע און געקומען צום באשלוס אז מען דארף נעמען ערנסטע שריט.

עס איז שוין צייט צו מאכן אן אויל-טשעינדזש...!

ער פארט צו צום נענטסטן אויטא-שאפ און פארקירט אריין זיין קאר און פארלאנגט אז מען זאל מאכן אויף דעם קאר אן אויל-טשעינדזש.

דער מעכאניקער אינעם ׳שאפ׳ קומט נענטער צו דעם קאר און זעהט פון וואספארא סחורה מען רעדט דא... ער איז ערנסט באזארגט אז טאמער ער וועט אויפהייבן דעם קאר צו מאכן דעם אויל-טשעידזש וועט דער קאר צעפאלן אויף שטיקלעך...

רופט ער זיך אן צו ר׳ גדלי׳ן: "איך מיין אז איר דארפט נישט קיין ׳אויל-טשעידזש׳. ענדערש מאך א ׳קאר-טשעינדזש׳..."

• • •

כלפי מה דברים אמורים?

ווען עס איז די רעדע אינעם הינזיכט פון ׳עסקנות׳ הערט מען צוריק פון גאר אסאך ענערגישע און אקטיווע מענטשן, אז די "פראדאקטיוו קורס" האבן גאר שטארק געהאלפן פאר "אפיציעלע עסקנים" צו ווערן "אפעקטיווע עסקנים", און אנדערע וועלכע האבן אפילו נישט גע׳חלומ׳ט פון ווערן אן עסקן, זענען פארוואנדלט געווארן אין "ענערגישע עסקנים", פון וואס אן א שיעור האבן הנאה אין פילע געביטן ברוחניות ובגשמיות.

מען הערט צוריק פון אסאך אידן, בארימטע עסקנים, וועלכע זאגן קלאר אז זיי האבן געמאכט א סטראטעגישער טעות, מיינענדיג אז אויב איז מען גענוג "ענערגיש", אויב "ברענט דאס הארץ" ארויסצוהעלפן אנדערע אידן, אויב איז מען "ווארעם" און פול מיט "אייפער", איז דאס שוין גענוג צו זיין א "מוצלח׳דיגער עסקן" וואס זאל מצליח זיין אין פעלד פון עסקנות.

דער אמת איז אבער, אז ענערגיע און גוטהארציגקייט איז בלויז די ׳אויל׳ פאר עסקנות, עס איז די בענזין וועלכע גיבט די טרייב-קראפט און מאטיוואציע צו אפפערווויליגן פאר אנדערע אידן, אבער אויב האט מען נישט די פאקטישע "כלים", די ׳טולס׳ וויאזוי דאס אויסצופירן מכח אל הפועל, איז דא שוואכערע שאנסן צו מצליח זיין, א חוץ אז דער רבוש"ע מאכט א נס, אונז ווייסן דאך אבער אז "אין סומכין על הנס", דעריבער ווילן מיר גוט קענען די דרכי ההצלחה, אז מיר זאלן קענען טוען די ריכטיגע השתדלות, ובפרט אז ווען מען טוט דאס נישט ריכטיג טוט דאס צומאל רואינירן דעם פערזענליכן לעבן.

ווען עסקנות ׳קרעשט׳ מיט׳ן פערזענליכן לעבן, עס שטערט זיך און די משפחה, איז דאס דער ערשטער טריט דורכצופאלן. ווען עסקנות נעמט אוועק רואיגקייט און מסודר׳דיגקייט נעמט עס אוועק נישט בלויז פונעם פערזענליכן לעבן, נאר עס נעמט אוועק גאר אסאך פון די אויפטוען און מען קען שאדן מאכן נאך מער ווי אויפטוען.

ביי פראדאקטיוו ווערט געגעבן די ׳כלי המעשה׳ וויאזוי ארויסצוברענגען די געפיל צו עסקנות להלכה ולמעשה. וויאזוי צו פארוואנדלען די ׳געז׳ אין מעשים. די כלים זענען פארשידנארטיג און צעטיילט אין עטליכע נקודות.

רואיגקייט — די וויכטיגסטע זאך פאר אן עסקן! דער עסקן דארף קענען האלטן א סטאביליזירטן רואיגקייט און נישט ווערן פארלוירן אין אנגעצויגענע מצבים.

פון די שטערקסטע כלים וואס עס ווערט געגעבן ביי די פראדאקטיוו קורס איז די ׳טול׳ וואס איז וויכטיג פאר׳ן גאנצן לעבן, און איז דער יסוד צו זיין פראדאקטיוו; רואיגקייט — צו קענען האלטן דעם קאפ און בלייבן רואיג אין יעדן מצב.

פילצאליגע עסקנים וועלכע זענען דורכגעגאנגען די קורסעס שילדערן וויאזוי מ׳פלעגט זיי מכבד זיין מיט אסאך פראיעקטן, און זיי פלעגן עס נישט קענען אננעמען ווייל זיי זענען געווען אזוי אויפגעהויפנט מיט ארבעט, אז ס׳האט זיי פשוט ממש צושטערט דעם ׳סקעדזשועל׳, דער טאג איז געווארן גענצליך צופארן, זיי האבן עס נישט געקענט—הענדלען׳ — ווי מ׳זאגט.

נאכן דורכגיין די קלאסן האבן זיי קונה געווען די ריכטיגע ׳טולס׳ און כלים וויאזוי זיך אן עצה צו געבן דערמיט, און קענען נעמען אויף זיך אסאך אסאך מער.

מסודר׳דיגקייט — אויב איז קריטיש-וויכטיג פאר יעדן מענטש אין יעדן געביט אין לעבן צו זיין ׳מסודר׳ איז דאס פילפאכיג מער געזאגט געווארן פאר אן עסקן.

קאמיוניקאציע — עס איז איבריג צו ארויסברענגען וויפיל מער אפעקטיוו עס ווערט אן עסקן, ווען ער האט די ריכטיגע קאמיוניקאציע-סקילס, און וויפיל גוטע אקטן מען האט שוין אנגעווארן צוליב קאמיוניקאציע-שוואכקייטן וואס שטערן צו טוען וואס איז ריכטיג און קען העלפן אידן.

אט די דריי דוגמאות וואס מיר האבן געברענגט איז בלויז א טייל פון די וויכטיגע געצייג וואס ווערט אנדעקט, דורכגייענדיג די העכסט-באלערנדע "פראדאקטיוו קורס", וואס אויסער די אלע בענעפיטן אינעם פריוואטן לעבן און אין נאך פילע געביטן, איז דאס אבער א הויפט-שליסל אין: עסקנות!

בס"ד

# די לעקטער ארבייט נישט!

וואס איז געשעהן?

**די ווייערס** (קאמיוניקעישן) **איז לויז!**



**ווען ס'איז נישט דא שטארקע קאמיוניקעישן**

פאר וויפיל עס פארלאנגט זיך לויטן מצב

**ווערט דער מענטש אויסגעלאשן**

אין זיין געזעלשאפט (משפחה/חברים, ועוד)

**און נערוועזיקייט נעמט אים איבער..**

**'פראדאקטיוו'** בויעט איבער בעז"ה

**דעם גאנצן ווייערינג סיסטעם**

און איר לערנט זיך אויס געזונטע

**קאמיוניקאציע סקילס** פאר א **הצלחה'דיגן לעבן!**

# די 4 יסודות

## פאר א פראדאקטיווע הצלחה'דיג לעבן!

### 1) קאנפידענס:




די פאקט איז אז מענטשן האלטן זיך אפ צו טוען זאכן וואס איז ריכטיג, צום ביישפיל; עפענען א ביזנעס, בעטן א רעיז פונעם בעה"ב, א.א.וו. צוליב א מאנגל אין קאנפידענס. עס פעלט זיכערקייט צו אונטערנעמען שריט וואס איז וויכטיג און ריכטיג צו טוען. אויפבויען א שטארקע און אויסגעהאלטענע קאנפידענס איז וויכטיג צו קענען זיין פראדאקטיוו.

### 2) קאמיוניקאציע:




כדי צו זיין פראדאקטיוו פעלט זיך אויס צו האבן דעם ריכטיגן צוגאנג צום קאמיוניקירן צווישן אנדערע מענטשן, צו די בני בית, קינדער, ארבעטער און ביזנעסלייט. דורכ'ן פארמאגן די טולס און ריכטיגע שפראך צו אנדערע מענטשן ברענגט דאס אז סיי די פערזענליכע לעבן און סיי אין ביזנעס זאל דאס לעבן זיין פראדאקטיוו.

ספעציעל אין ביזנעס קומט אויס גאר אסאך מאל אז מען דארף קענען רעדן צו אנדערע ביזנעסלייט און קאסטומער און זיי איבערצייגן אייער זייט. דורך די קאמיוניקאציע-טולס לערנט איר זיך אויס וויאזוי צו געווינען יענעמ'ס מיינונג אז ער זאל אייך פארשטיין.

### 3) רואיגקייט:




עס זענען פארהאן מענטשן וועלכע גייען צומאל ארויס פון קאנטראל און מען פארלירט די רואיגקייט. דאס קען קומען אדער 'סתם' ווייל מען איז נישט אין די 'מוד' אדער ווייל מען ווערט גערעגט. דער סך הכל איז אז מען טוט נישט אין פארשידענע שווערע צייטן וואס מען וואלט געטוען אין נארמאלע אומשטענדן, מען גייט ארויס פון קאנטראל. דורך זיך לערנען וויאזוי זיך צו האלטן רואיג און די שכל זאל זיין אין קאנטראל די גאנצע צייט ווערט די לעבן אסאך מער פראדאקטיוו.

### 4) מאטאוואציע:




די הויפט סיבה וואס שטערט סוקסעס און פראדאקטיוויט' איז א מאנגל אין מאטאוועישאן. פשוט מען האט נישט קיין נערוון און געדולד צו טון וואס מ'דארף. ביי 'פראדאקטיוו' לערנט מען וויאזוי אנצוצינדן דעם 'קנעפל' פון מאטאוואציע, און דאס וועט אייך ברענגען צו זיין אסאך מער פראדאקטיוו.

בס"ד





איר האט זיכער די
## שטארקייט
(קאנפידענס)

זיך צו רעגיסטרירן און רעזערווירן
אייער זיץ ביים קומענדיגן
'**פראדאקטיוו-קורס**'

ס'איז נישט דא וואס זיך צו שעמען;
איר וועט ווערן אויפגענומען
בכבוד הראוי!

איר האט זיכער
## קאמיוניקעישן

ארייננצו-רופן אין '**פראדאקטיוו**' אפיס
און זיך דורכשמיסן צו זען וויאזוי
די קורס וועט אייך פערזענליך
בענעפעטירן בעז"ה





איר האט זיכער
## התלהבות

עס נישט אפצושטיפן
פאר קומענדיג מאל

נאר איר נעמט זיך 'יעצט' דערצו;
און איר לאזט זיך נישט פון פארשידענע
מעגליכע בלאקעדזשעס
וואס שטעלן זיך אינמיטן וועג

איר האט זיכער
## רואיגקייט

צו מאכן די ריכטיגע 'החלטה'
מיט 'ישוב הדעת'

און איר קומט אריין אין קלאס
רואיג און זיכער אז איר וועט
מצליח זיין בס"ד

און ווען איר וועט דורכגיין די עצם קורס וועט איר בעז"ה האבן

**שטארקייט | קאמיוניקאציע | התלהבות | רואיגקייט**

ביי אייך אינדערהיים \ ביזנעס \ כולל \ צווישן די חברים און איבעראל

פיהל **שטערקער** און פיהל **ברייטער!**

## רופט; און רעגיסטרירט זיך שוין יעצט!

# די ריכטיגע מאָס

דאס וואס מיר האבן יעצט אויסגעשמועסט זענען די 4 הויפט יסודות צו א פראדאקטיווע לעבן, און אפילו א מענטש וואס איז א מושלם אין איינע אדער און עטליכע פון די קאטאגאריעס אבער עס פעלט אים די איבריגע, האט א 'שטער' צו זיין דאס מערסטע פראדאקטיוו וויפיל ער קען אנקומען, און די אלע 4 יסודות דארף דער מענטש האבן צו מצליח זיין און צו פילן גוט און מונטער.

פון די אנדערע זייט קען זיין ביי יעדע פון די פיר קאטאגאריעס אז עס זאל זיין מיט א שמוץ-אריבער, אסאך מענטשן נוצן עס איבער די מאס, וואס קען אויך זיין א פראבלעם אינעם לעבן. עס קען זיין אז איינער האט "צופיל קאנפידענס" און דאס קען ברענגען אז מען קאנאקט אריין מיט נישט דורכגעטראכטע אינוועסמענטס און מען נעמט אונטער 'ראנג מאוווס'. די זעלבע אויב מען קען נישט "דיסקאמיוניקירן", און מען ווייסט נישט ווען צו "נישט-קאמיוניקירן", און מענטשן נוצן דיר אויס עד הסוף.

ווידער קען זיין איינער זאל זיין 'צו-רואיג' און דאס ברענגט אים צו פארנאכלעסיגן וויכטיגע זאכן, דעריבער דארף מען וויסן ווען צו מקיים זיין דעם 'אשרי אדם מפחד תמיד', און צו באלאנסירן די רואיגקייט ווען און וויפיל. און ווידער ביי מאטאוואציע, אויב האט מען צופיל התלהבות און מען שפרינגט פון איין זאך צו די אנדערע בעפאר די ערשטע איז פארטיג.




די אלע זאכן ווערן באלאנסירט ביי פראדאקטיוו. עס ווערט אוועקגעשטעלט בעז"ה נארמאלע באלאנסירטע קאנפידענס, באלאנסירטע רואיגקייט און מאטאוואציע, און די אלע לימודים קומט באגלייט מיט טולס וויאזוי צו רוקן די אלע זאכן. אין איין ווארט, די גרעסטע כח און חוש וואס מען לערנט איז אז מען דארף קענען נוצן די שכל זאל איבערקומען די געפילן, און פון דארט דארף מען האבן די טעכנישע טולס אז דאס זאל קענען פאסירן.

עס איז זייער מעגליך אז ווען דו וועסט ליינען די אלע שורות וועסטו טראכטן אז דיר פעלט נישט גארנישט פון די אויבנדערמאנטע קאטעגאריעס, און אפילו אויב יא קענסטו גארנישט טושן, אבער עס איז נישט ריכטיג, ווייל דאס האבן שוין הונדערטער מענטשן געטראכט בעפאר זיי זענען געגאנגען צום קורס, אבער איינמאל זיי האבן געגעבן דעם שאנס, האבן זיי איינערקענט אז ס'איז דא אסאך וואס זיך צו טושן און מען קען זיך יא טושן.

און כדי צו באקומען א קלארקייט אין דאס אלעס און דאס פראצעסירן און צו זען ווי ווייט דאס איז איז אוועקגעשטעלט געווארן א אינטעראדאקשען ווי איר קענט מיטהאלט דעם מציאות.



דאס
לעבן
ווי א בריק
...
נאר מיט
ריכטיגע
כלים
קען מען אוועק
נעמען די
שטרויכלינגען

# פרעגט און הערט

### וויפיל קלאסן זענען דא?

די קלאסן קומען פאר אין 10 נעכט. צוויי מאל א וואך.

### וויפיל שעה איז א קלאס?

צווישן 4 און 4 אהאלב.

### ווער גיבט די שיעורים?

די שיעורים ביי די קלאסן ווערן געגעבן דורך הרב ר' יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א, וועלכער האט אהערגעשטעלט א זאמלונג פון זיין 10 יאריגע קאלעקציע פון פארשידענע מעטאדן און קורסן, זייענדיג א ממוצע צווישן מערערע פראפעסיאנאלן און די מענטשן וועמען זיי האבן געהאלפן, און פון דעם האט ער ארויסגענומען וואס זענען די ריכטיגע מעטאדן וואס עס העלפט בעז"ה די מענטשן.

### וויפיל מענטשן זענען שוין דורך די קורסן?

אריבער 3,000 זענען שוין ב"ה דורכגעגאנגען אין די מער פון 105 געוועזענע קורסן.

### וועלכע סארט מענטשן גייען צו די שיעורים?

אנגעהויבן פון: בעלי בתים וועלכע פארדינען מיליאנען א יאר ביז פרישע אינגעלייט וואס זוכן א דזשאב, און אלע אינדערמיט.

פון: מנהלים וואס האבן 170 בחורים אונטער זיך, ביז פריוואטע מלמדים וועלכע לערנען מיט איין בחור, און אלעס אינדערמיט.

פון: עלטערן וואס האבן 15 קינדער שוין חתונה געמאכט, ביז א אינגערמאנטשיקל וואס הייבט יעצט אן זיין לעבן, און אלעס אינדערמיט.

### פון וויפיל מענטשן באשטייט איין קלאס?

א קלאס באשטייט פון 2 מנינים בערך.

### פארוואס איז נישט דא סעפערעט קלאסן פאר יעדע גאטונג באזונדער?

ווייל יעדער דארף זיך לערנען וויאזוי מען האנדלט מיט יעדן. דער גרעסטער בעל הבית דארף אויך קענען האנדלען מיט א שווערע קאסטומער, ארבעטער, קינדער. און דורכדעם וואס עס געפונט זיך אין איין קלאס מערערע סארט גאטונג מענטשן, און מען פראקטעצירט אויף זיי די טולס, און זיי צוריק כמים הפנים אל פנים, קומט ארויס די געוואונטשענע תכלית.

### וואס טוט מען ביי די קלאסן?

עס ווערט געגעבן די ידיעות אין וואס מען דארף וויסן, עס ווערט געוויזען און ספעציעלע פערפאממענס וויאזוי מען מאכט דאס, און בעיקר, אז דאן ווערט דאס פראקטיצירט בשעת מעשה עטליכע מאל צו אליין זעהן צו מען האט עס גוט אויפגעכאפט, און דערנאך ווערט געגעבן עקסערסייז צו פארשטארקערן בכלליות די כוחות, צו קענען אויספירן וואס מען האט געלערנט.

### ווער גיט די השגחה אויף די אינהאלט פון די קלאסן?

די השקפה חלק איז געבויעט אויף די יסודות פון הגה"צ רבי יצחק אלעזר מאשקאוויטש שליט"א אב"ד שאץ, און די פאקטישע עקסערסייז-חלקים איז צאמגעקליבן פון פארשידענע פלעצער, און עס ווערט גענוצט בהסכמה פונעם שאצ'ער רב שליט"א.

### וואו קומען פאר די קלאסן?

סאיז דא באזונדערע קלאסן אין מאנסי, קרית יואל, וויליאמסבורג, בארא פארק.

# איר ווילט דאך אנקומען צום
# שלימות הנרצה




שיעורי
שלימות

**וועט אייך העלפן בעז"ה...**

**זיך אויסארבעטן בעסער.**

**אנקומען צום ריכטיגן ציל אין לעבן.**

**שטייגן אין יראת שמים, אהבת השם.**

**לערנען און דאווענען בעסער.**

א סעריע פון
**15**
שיעורים

# פרעגט און הערט

## וועלכע סארט ענינים לערנט מען אלס אין די קלאסן?

אנגעהויבן פון: וויאזוי דיוועלאפט מען ליבשאפט ווען מען האט איינעם נישט ליב טיף אין הארץ, וויאזוי באקומט מען שטארקייט צו דורך ברעכן שוועריקייטן וואס דרייעט זיך ארום אונז לרחצה, וויאזוי האט מען א גוטע שפראך מיט אלע ארומיגע, וויאזוי פעידמט מען איין א גאר שטארקע רילעישאן מיט די שטוב מענטשן מיט די ביזנעס מענטשן און מיט די חבירים, וויאזוי קריכט מען ארויס פון סעלפישקייט, וויאזוי קען מען זיך טוישן פון 'אומוטיג' צו 'גוטמוטיג', וויאזוי ווערט מען נישט אפעקטירט אויב ארומיגע נערווירען, וויאזוי קען מען ארויסקיכען פון פחדים און פאביעס. אין פול מער פריוואטע ענינים וואס איר קענט זיך דורכשמיסן פערזענליך מיט די אפיס צו די קלאס העלפט אויף דעם.

## וויאזוי לערנט מען די זאכן אין די קלאסן?

און יעדע זאך פאנגט זיך אן פון ידיעות פון דעם נושא, דערנאך חזר'ט מען עס איבער צווישן זיך, דערנאך פראקטעצירט מען עס כמה פעמים, והעולה על כולנה מאכט מען ספעציעלע גייסטישע און פיזישע עקסערסייז, אז מען זאל האבן די כח און שטארקייט צו מאכן דעם טויש וואס דאס איז געוועגליך זייער א שווערע זאך, אזוי גייט מען ארויס נאך א חודש \ 40 טעג און מען האט געטוישט די לעבן.

## וועלכע סארט סוקסעסן קומט מען ארויס נאך דעם קורס?

ב"ה און די לעצטע 10 יאר האט מען שוין בייגעוואוינט ביי די טויזענטער אידען וואס זענען שוין דורך געגאנגען, און זיי האבן בייגעוואוינט ביי זיי הויפענעס מיט דראסטישע לעבנס טוישינגען וואס זיי האבן געמאכט, סיי פאר זיך אליין ברוחניות ובגשמיות, אינדערהיים און ביהמ"ה, אין די גאס און אין ביזנעס, פיזיש און גייסטיש, וואו למשל: אנגעהויבן צו דאווענען פארן עמוד, אנגעהויבן אויפצושטיין פארטאגס, קען רואיג רעדן ברבים, קען מאכן קשר מיט נייע מענטשן גרינג, האט וואס צורעדן און צוצוגעבן אין יעדע צייט, געווארן א פאזעטיווע מענטש, זיך אנגעהויבן דורך קומען מיט א שווערע בעה"ב, מיט שכינים מיט חבירים, מיט ארבייטערס און מענידזשערס, קען זיך שוין קאנצעטרירען ביים לערנען און דאווענען, איינגעפעידמט א גאר שטארקע רילעישאן און שטוב, באקומען א צוטריט צום פאנעל באקס פון די קינדער'ס מח און הארץ, און קען עס פארמען לויט וואו מען דארף, באקומען צוטריט צו זיך אליין, אנגעהויבן צו געדענקן זאכן, גיעפנט אן אייגענע ביזנעס, אריינגעגאנגען אין פראפערטי אינוועסטמענטס, געהויבן די סעילס אויף הויכע ציפערן, אויפגענומען די שווערסטע מצבים וואו מען האט באקומען א מתנה פונעם אייבערשטען, געווארן בעה"ב אויף מיין צייט און זיך געטראפן מיט פרישע שעה און וואך אויפצוטון נאך זאכן, און זיך געקענט אונטערנעמען נייע פראיעקטן, ועוד ועוד רבות כהנה ב"ה.

## וויפיל שעה סך הכל איז די שיעורים?

45 שעה אין קלאס, און נאך 30 שעה אויפ'ן ריפלעי נומבער אויפ'ן טעלעפאן.

## צו גיי איך באגלייט ווערן אויך נאכ'ן קלאס, צו מאכן זיכער אז איך נוץ אויס די כלים וואס כ'האב קונה געווען ביים קורס די מאקסימום שייך פאר מיין הצלחה?

יא! א חוץ די פארשידענע פרייע סערוויסעס וואס 'פראדאקטיוו' שטעלט צו נאכ'ן קלאס, ווי



בס"ד
וימצאו שם
באר מים חיים
שליטת הדעת
להעמיד הלב והנפש על דרך הישרה
די קוואל
פון וואו מען פילט אן
די אייגענע רעזערוו,
מיט געצייג און עצות צו יעדן מצב.
אויפציבויען און ארבייטן אויף:
סעלפישקייט, קאנפידענס, סעלף עסטים
ענקזייעטי, פאוביעס, דיפרעשען, אוי-סי-די, ועוד

# פרעגט און הערט

מ'האט די מעגליכקייט אנצוהאלטן קשר און ווי אויך שטייגן כסדר מעלה מעלה אינאיינעם מיט געוועזענע 'פראדאקטיוו' קלאס מעמבערס; איז אויך דא די מעגליכקייט - פאר די פראצענט מענטשן וואס צוליב עצלות וכדו' פעלט זיי אויס חיזוק און פריוואטע באגלייטונג צו מאכן זיכער אז זיי נוצן אויס די טולס און מהלכים וואס זיי האבן געלערנט די מערסטע וואס שייך פאר זייער הצלחה - צו באקומען פריוואטע הילף (קאוטשינג), וואס 'פראדאקטיוו' שטעלט צו פאר א פערטל די פרייז וואס עס קאסט און די וועלט, צו אפדעיטן און קלאר מאכן אז מ'ניצט אלע טולס אויף די ריכטיגע פלאץ.

## וויפיל קאסטן די קורס?

גראדע אסאך געלט, אבער דעס איז די לעצטע זאך וואס איר זאלט קוקן ווען מ'רעד פון בעסערן די אייגענע לעבן, און נאך דערצו מאכן מער געלט אויך בעזר"ה בס"ה אויב מען האט אזאך פון די אויבנדערמאנטע זאכן וכד', וואס ווען דעס ווערט מסודר איז עס ווערט פאר דיר די געלט און די צייט וואס די קלאס נעמט, דאן איז די קלאס פאר אייך.

## אויף ווילאנג הערלפט עס?

גלייך ווי א טרעילער דרייווערע, וואס וויפיהל מער צייט עס גייט דורך אלס בעסער קען ער עס.

## פון וואו קען מען וויסן צי עס העלפט טאקע?

פאר דעם טאקע איז צוגעשטעלט א נאכט וואו מען קומט זיך צוזאם און מען הערט ערשט האנטיגע רעדנערס וואס דערציילן זייער עקספיריענסן, און דערנאך האט איר די מעגליכקייט צו רעדן צו זיי אליינס, און וואו אויך איז פאראן א טעלעפאן ליניע וואס דאס איז 718.887.9311 וואו דו קענסט הערן סוקסעס-מעשה'ס, און אויך קענסט רעדן פריוואט צו סיי ווער דו ווילסט פון די אלע וואס זענען דורך געגענגען די קורסן, און הערן ערשטהאנטיג מציאות הדברים, דורך דריקן איינע פון די פאר הונדערט עקסטענשאנס נומערן, און פון זיי הערן סיי וויאזוי זיי זענען געווארן פראדאקטיוו פון די קלאסן, און סיי וואס זיי האבן צוגעזעהן ביי אנדערע, רופט און פראדאקטיוו אפיס 845-232-1079 , און מען וועט אייך געבן די אנווייזונגען. פון עקסטענשאנס.

## אויב בין איך שוין געווען ביי אסאך פלעצער און איך בין נישט אנגעקומען צו מיין ציל, קען מיך 'פראדאקטיוו' עפעס העלפן?

יא! 15% פון די קלאס מעמבערס זענען מענטשען וואס זענען שוין געווען ביי אנדערע פלעצער פארדעם אנציקומען צו געוויסע זאכן, און ב"ה דא האבן זיי עס אויפגעטון, פאר מער פרטים איבער דעם רופט אין אפיס, און מיר וועלן דורכשמיסן מיט אייך יעדן פאל באזונדער.

## וואו אפט קומען פאר די קלאסן?

יעדע פאר וואכן קומט פאר א נייע קלאס.

## וואס איז די סדר פון זיך איינשרייבן?

ווען מען גיבט א דיפאזיט, באקומט מען א טעלעפאן נומבער וואו מען קען קודם הערן די שיעורים אויפ'ן טעלעפאון, וואס דאס איז די הקדמה וואס אקערט אויף דעם באדן, און דערנאך ווען עס הייבט זיך אן די קלאסן איז מען שוין היבש אויפגעאקערט גרייט זיך צום בעסערונג טויש.

## אויב וויל איך רעדן פערזענליך צו איינעם, צו וועם קען איך רעדן?

מ'קען אריינרופן אין אפיס 845-232-1079. אזוי אויך קען מער רעדן פריוואט מיטן מנהל וואס געט די שיעורים.




פאר גוטע

## פארבינדונגען צווישן בעה"ב / ארבעטער

גייט אדורך א קלאס ביי:

פראדאקטיוו!! קורס

א גוטע מאטאוועישאן
צו פראדוצירן



א הערליכן שמועס, בטוב טעם ודעת, אויפ'ן סדר פון די

# י"ט ברכות

## של תפילת השמונה עשרה

געזאגט געווארן אצל סיום/אינטראדאקשען
של אחד מה'פראדאקטיוו' קלאסן, אחר פסח תשע"ד:

ע"י הר"ר **יעקב יצחק שטיינמעטץ** שליט"א
מדריך; 'פראדאקטיוו-קורס'

**פסח שנת תשע"ח - פסח שנת תשע"ט: אן אומגלויבליכער חילוק, פון הימל ביז ערד.**

עס איז דורכגעגאנגען א יום טוב פסח, א הייליגער יום טוב, זמן חירותינו, אן אלגעמיינער זמן חירותינו ביי כל איש אשר בשם ישראל יכונה, אבער פילפאכיג און איבערראשנד מער, באדייט דער היי יעריגער "זמן חירותינו" פאר די וואס האבן געהאט די גלענצנדע געלעגנהייט פון דורכגיין די "פראדאקטיוו קלאסן" אין לויף פון דעם פארגאנגענעם יאר. עס איז ביי זיי זייער פארשטענדליך דעם "חייב אדם לראות עצמו כאילו הוא יצא ממצרים" במלוא מובן המילה!

ויהי ממחרת, מען האלט שוין אסרו חג, די פילצאליגע משתתפים ביי די קלאסן, האבן צו פארציילן און צו איבערגעבן דעם מבשרי אחזה, וויאזוי מ'האט ביי טריט און שריט - דורכאויס דעם יו"ט - דערקענט דעם דראסטישן שינוי לטובה אין אלע פארעמען פון דעם טאג טעגליכן הלוך ילך, אין שטוב, אין ארבעט, און וואו אימער. דאס איז א פריידיגע געפיל ביי אלע באטייליגטע, וואס קומט ארויף צום אויבערפלאך נאך אזא הייליגע יו"ט פסח ווען עס איז פארפולקאמט געווארן דעם "הנותן מתנה לחברו צריך להודיעו". די חשוב'ע משתתפים פון די קלאסן זענען אצינד גאר שטארק אינפארמירט געווארן איבער די אויסנאמליכע מתנה טובה וואס זיי געניסן און וועלן שטענדיג אי"ה געניסן, אדאנק די פראדאקטיוו שיעורים.

די שטוינענדע רעזולטאטן נאכ'ן מיטהאלטן די שיעורים איז קענטיג אלעמאל, אבער עס שטארצט דייקא ארויס נאך אזא דערהויבענעם יו"ט. מיר וועלן דאס פארשטיין געבן מיט דעם פאלגנדן קורצן משל:

ר' ברוך איז אין די ליין פון געבן דרייווען לעסענס, און טרענירט פילצאליגע אינגעלייט צו דרייוון אן אויטא, אבער ר' ברוך באטאנט אן אינטערעסאנטע פאקט, אז ער וועט אין געוועגליכע פעלער נישט הערן קיין ספעציעלע נאכגריסן פון די אינגעלייט אז זיי זענען ספעציעל באגליקט געווארן דורכ'ן זיך אויסלערנען דרייוון, א זאך וואס איז זייער איינפאך צו דערגיין די אורזאך דערפון, ווייל אויב דער אינגערמאן האט זיך נישט איינגעהאנדלט, אדער געדינגען אן אויטא, טא וואס האבן אים די אלע דרייווינג טרענירונגען געשאנקען? נאך מער טוט ר' ברוך אנמערקן, פיהל מאל וועלן די אנהויבערס נישט אנערקענען דער מתנה טובה פון קענען דרייוון טראצדעם וואס זיי פארמאגן שוין יא אן אויטא, אבער וויבאלד זיי האבן נישט קיין שום ציל אדער וויכטיגע זאך צו ערלעדיגן מיט זייער אויטא, וועט ער נישט שעצן און אנערקענען זיין פריווילעגיע פון קענען פירן אן אויטא.

דעריבער, פירט אויס ר' ברוך, ווען טוט מען אנערקענען אינעם געוואלדיגן פארדינסט פון קענען דרייוון? ווען דער טרעינירטער האט אן אויטא, און קומט אן צו ערלעדיגן וויכטיגע זאכן, ער דארף מער נישטווארטן אויף קאר סערוויסעס און פארשפעטיגן א וויכטיגע אודיענץ, ער ערשיינט ביי א דאקטער אפוינטמענט אין צייט, און נאך פילע וויכטיגע זאכן וואס ער איבערצייגט זיך מדי יום ביומו ווי שטארק עס האט זיך אים געלוינט די אלע דרייווינג קלאסן.

אצינד איז גאר פארשטענדליך צו פארשטיין דעם אינערליכן געפיל וואס די פראדאקטיוו שיעורים מיטהאלטער שפירן אין די יעצטיגע נאך יו"ט פסח סעזאן. די שיעורים האבן פאר די גליקליכע באטייליגטע געגעבן אומצאליגע נוצליכע טיפס וואס מען קען נוצן צו יעדן צייט, עס איז קלאר אז ער "האט שוין דעם אויטא" ער האט שוין די לייצעס אין די האנט פאר דער טאג טעגליכער ווירטשאפט, זה בכה וזה בכה, אבער די הויפט-סטאנציע וואס סיגנאליזירט פאר'ן געניסער פון די קלאסן, אז אט דא פארדינט

בס"ד

# זענט איר גרייט

פאר די פארשידענע שוועריגקייטן, וואס קומען ארויף במשך אייער לעבן?

---

## בעל בית\ארבעטער • סעילס פערזאן\קאסטומער
## מאן\ווייב • טאטע\קינדער • חבר\חברים וכו'



הונדערטער אידן פארמאגן שוין די **כלים**
פאר די **פארשידענע** מצבי החיים און זיי ווייסן
ווען און וויאזוי מ'ניצט עס!

**זיכער
האט איר
אויך כלים!**

ווען איר וועט איינקויפן מער, וועט זיין
א גרעסערע אויסוואל, וואס איר וועט בע"ה
ניצן אין אפילו גאר שווערע אומשטענדן.

ער דעם "ברנה יקצורו" ער ווערט איבערצייגט עין בעין אז די שיעורים האבן זיך אויסגעצאלט, איז נאכ'ן מיטמאכן א שוועריגקייט, אן אנגעצויגענעם סטאטוס בבית אדער בחוץ, דאן איז ער באוואוסטזיניג אז די קלאסן האבן אים דעליווערט הויפענעס מיט חיזוק און עצות און ווירקזאמע מיטלען וואס האבן אים פאקטיש געהאלפן דורכצוגיין די שווערע מצבים, רואיג און געלאסן.

יו"ט פסח איז א צייט וואס קען אן א צווייפל באצייכנט ווערן אלס "אנגעצויגענעם מצב" סיי אין שטוב, סיי אין ארבעט, און וואו נישט, איבערהויפט אין קעשענע... אסאך ווילן ענטפערן אויף א פראגע "וואס מיינט א שווערע מצב?" "א שווערע מצב מיינט א פאטאלע הצלה קאל/מען גייט דורך א קאמפליצירטע געזונט קריזיס אין שטוב ל"ע/ מען מאכט חתונה א קינד ב"ה/ וכדו'" אבער דער אמת איז אז יו"ט פסח שליסט איין א ריכטיגע אפשפיגלונג פון א "קריזיס" אין יעדע אידישע שטוב. דעריבער איז אסרו חג פסח די ריכטיגע צייט פאר'ן פראדאקטיוו באטייליגטער, זיך צו אריענטירן און כאפן א בליק און מאכן דעם סך הכל "וואס אלץ האב איך פארדינט פון די קלאסן?"

און וואס מען ברויך צו באטאנען איז, אז נישט בלויז אז מען וועט אומגלויבליך באמערקן גאר דראסטישע שינויים אינעם טאג טעגליכן לעבן, נאכ'ן דורכגיין שווערע אומשטענדן, נאר מען קען ליבערשט זאגן, אז אין די צייטן גלייך נאכן קלאס זעהט מען גאר גרויסע שינוים און דערנאך קען זיך דאכטן אז עולם כמנהגו נוהג, און מען קען טיילמאל נישט אנמערקן נייע שינויים דורכאויס דעם יאר, ביי דער רוטינער טאג טעגליכע ווירטשאפט. ווייל ווען איינער פלאנצט א בוים אין זיין גארטן און בליקט דערויף ערב ובקר וצהרים, טאג איין טאג אויס, וועט ער קיינמאל נישט זען די שיינע אנטוויקלונגען פון דעם פרעכטיגן בוים, בלויז אויב וועט ער נישט זיין אין שטוב פאר א צייט אפשניט פון א האלבע יאר, אהה. וועט ער זיך נישט קענען גענוג אנזעטיגן פון די פרוקטבארע פירות און שיינע תולדות וואס דער בוים האט אנטוויקלט.

משא"כ ווען עס קומט א יו"ט, און מען זעהט זיך ארום וואו א טוץ מיט שוועריקייטן וואס זענען פאריאר מיטגעקומען מיטן יו"ט, איז היי יאר וואו פארשוואנדען אין וואסער אריין, שפרינג ארויס נאכאמאל דער שבח וההודיה פארן איבערשטען פאר מיין נייעם לעבן וואס איך בין אריינגעקומען.

דעריבער איז אצינד גאר געוואונטשן צו כאפן א בליק אויף דעם "אדם עץ השדה" און זען "וואס מען האט עררייכט פון די געוואלדיגע שיעורים און פלאנצונגען וואס מען האט אין אונז איינגעפלאנצט דורכאויס דעם יאר", און לאמיר כאפן א בליק וויאזוי מען האט זיך געטוישט מקצה אל הקצה, וואס איז געווען בולט וניכר לעינים נאכ'ן מיטהאלטן אזא דערהויבענעם יו"ט, ווען מען איז איבערגעצייגט אז מען האט זיך קוואליפיצירט מיט באגאזשן עצות טובות און נוצליכע הדרכות פאר דער גאנץ יערליכער ווירטשאפט.

## יציאת מצרים וואס האט זיך געשאפן א דאנק די "פראדאקטיוו קלאסן"

וואס באדייט "יציאת מצרים"? מען איז געווען אין מצרים, מען איז געווען אונטער א נאכאנאנדע פראבלעם, און ויוצאינו ה' משם ביד חזקה, השי"ת האט אונז באפרייט פון דעם פראבלעם, לחירות עולם, דעריבער ווען מען וויל באצייכענען א פריוואטע יציאת מצרים, כהיום יום, קען מען דאס באצייכענען אזוי, מיר זענען געווען אין א קלעם, מיר האבן זיך געספראוועט מיט שרעקליכע פראבלעמען, און מיר האבן זיך בעזר השם דערפון ארויסגעדרייט, עס האט זיך פאר אונז געעפנט די טויערן פון פרייהייט. א שטערקערע שילדערונג פאר א היינטיגער יציאת מצרים איז, ווען מען איז אין א פראבלעם, וואס עס איז באשערט פון הימל דורכצוגיין, האט מען די ריכטיגע געצייג זיך צו ספראווען דערמיט אינעם עצם פראבלעם.

"פראדאקטיוו" באדייט אלעביידע פארעמען וואס יציאת מצרים באדייט, סיי ביי א פראבלעם וואס מען קען טון דערצו באקומט מען די ריכטיגע מעטאדן וויאזוי זיך צו באפרייען פון פארשידענארטיגע פראבלעמען, פון ארומיגע, פון אייגענע שעדליכע געוואוינהייטן, וכדו', אבער והעולה על כולנה, איז דער צווייטער פארעם פון יציאת מצרים, ביי א פראבלעם וואס מען קען גארנישט טון דערצו, געט מען פאר'ן מקשיב השיעור די ריכטיגע טאלס וויאזוי צו דורכשווימען דעם פראבלעם, אן קיין נאכווייען אדער קאנסעקווענצן וואס עס קען פאראורזאכן, ביז וואו לאנג עס גייט פארבי.

ב"ה די רעדע איז נישט פון קליינע נומבערס, א גרעסערע צאל אידן, האבן געהאט די ספעציעלע געלעגנהייט זיך צו טוישן מקצה אל הקצה, און די גרעסער מערהייט האט זיך פשוט באררייכערט א געוואלד מיט געצייגען פארן לעבן, און באנוצן זיך מיט די ריכטיגע מעטאדן וואס פראדאקטיוו שטעלט פאר, יעדע חודש זענען צוגעקומען נאך אידן צו דער ליסטע, מען דארף פאר דעם מורא'דיג דאנקען דעם אויבערשטן אז ס'איז געווען אזעלכע מורא'דיגע ענדערונגען ביי אידישע קינדער, למעלה מן המשוער.

לאמיר מאכן אן איבערזיכט איבער די פילע סארטן בענעפיטן וואס עס האבן געגאסן די פראדאקטיוו באטייליגטע. מען רעדט שוין נישט פון די פסח'דיגע אויפטוען, וואו אז א יו"ט פסח ווערט פארנוצט אלס א יו"ט זיך צו בויען, ווי איידער ווידער א געלעגנהייט זיך צו קריגן. נאר ענדערש למשל: 1) א קינד וויל נישט גיין אין חדר-סקול: 2) א קינד איז זיך אויסנאמליך מתחצף און מען דארף די ריכטיגע פעולות

בס"ד

ס'איז שוין צוויי יאר וואס איך האלט און איין וועלן
גיין צו 'פראדאקטיוו'; כדאי ארויפברענגען מיין לעבן
איין מאל פאר אלעמאל צו א העכערע דרגה:

**אבער איך האלט עס אין איין אפשטיפן;**
**וואס טוה איך???**

ס'איז דא איין עצה:

# הייבט יעצט אויף דעם טעלפאון




**און רעזערווירט אייער זיץ אין די קומענדיגע קלאס!**

און אויסגערעכנטע מעטאדן אין אנגעצויגענע מאמענטן:

3) עס זאל נישט פארקומען אז דער שפייז פארזארגער אין שטוב, איז מחוסר פרנסה ל"ע, דער טאטע זיצט איבער'ן טאג אינדערהיים, פארשטענדליך מיט'ן בני בית, די שטימונג איז דערדריקנד און אנגעצויגן, די עקרת הבית צייגט ארויס מיט'ן שטומען שפראך אז די שטוב איז "אוט אויף מיי סיסטעם, אוט אויף די טרעקס" און ממילא קען זיך מאכן מער סכסוכים, מער שווערקייטן. צו סיי וועלכע אנדערע שווערע סטואציעס, איז אויב די שטוב איז נישט געהעריג אוועקגעשטעלט, דאן איז די מצב קאטאסטראפאל און אין א שרעקליכע ריזיקע, אבער נאכ'ן גיין צו א קלאס, איז דאס בילד גאנץ אנדערש, מען האט די ריכטיגע כלים וויאזוי זיך ריכטיג אומצוגיין צו לעזן פראבלעמען.

### ברוך אתה ה' מגן אברהם:

**"מדת החסד" ווערט רעאליזירט**
**ביי די באטייליגטע**

יא! עס שיינט ספעציעל ארויס די אויסערארדנטליכע כח וואס די קלאסן באטייליגטע האבן זיך ערווארבן צו קענען האבן א "גוטע שפראך" מיט די קינדער, צו קענען רעדן צו זיי בדרכי נועם, און זיי זאלן פארשטיין וואס מען וויל פון זיי האבן, אנשטאט דאס קינד זאל קלערן "מען האט זיך סתם אנגעלייגט אויף מיר" זאל ער פילן אז "מיינע עלטערן מיינען באמת מיין טובה", מען זעט ווי דער הייליגער באשעפער האט אויסגערימט אברהם אבינו "כי ידעתיו אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו", אז אברהם אבינו האט זיך באנוצט איבערצוגעבן דעם דרך ה' פאר זיינע קינדער און ביתו אחריו, מיט זיין אייגנארטיגע מדה פון "חסד" מיט א מדת אהבה, און טאקע נאר אזוי איז ארויסגעקומען אזא יצחק אבינו, א קינד וואס איז געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאר'ן אויבערשטן מיט א שמחה, וילכו שניהם יחדיו, מיט די זעלבע שמחה געגאנגען צו די עקידה, ווי אזוי איז דאס געשען? דורך די גרויסע מאס אהבה מיט וואס אברהם אבינו האט מחנך געווען זיינע שפעטערדיגע דורות, האט זיך פארמירט דער "כלל ישראל".

די אידן וואס זענען אדורכגעגאנגען די קלאסן זאגן בפה מלא "ברוך אתה ה' מגן אברהם בך חותמין", אז מען האט געקענט קונה זיין דעם מדת החסד פון אברהם אבינו, די מדת החסד פון אברהם אבינו ליגט איינגעווארצלט אין יעדן איד, נאר עס איז באהאלטן, דורך די קלאסן האט מען עס געעפנט און געגעבן דעם מקשיב השיעור די ריכטיגע כלים וויאזוי עס צו נוצן, וואס עס איז גילטיג גאר שטארק ביי "חינוך הבנים" רעדן צו די קינדער מיט א גוטע ליבע שפראך, נישט נאר מיט א באפעלערישע שפראך, מיט א שארפן שפראך, נאר מיט א שיינעם שפראך, און פארווירקליכן דעם זר"ע אברהם אוהב"י.

די מדה פון אברהם, די מדה פון חסד, קלאפט אויס ביי אלע דעטאלן פון חסד בין איש לחבירו, ואיש לאשתו, וואס ווי ערווענט, ליגט דאס ביי יעדן איד אין הארץ טיף איינגעווארצלט, אבער פארדעקט, פראדאקטיוו האט אויסגעלערנט פאר אירע צוהערער די ריכטיגע אופן 'ווי אזוי' מען טוט חסד, אן א בושה, אן קיין צוריקהאלט, נאר במדה גדושה ובלב שלם גומל חסד זיין איינער מיט'ן צווייטן.

### ברוך אתה ה' מחיה המתים:

**"טויטע כוחות" ווערן לעבעדיג**
**נאכ'ן מיטהאלטן די שיעורים**

די אידן וואס זענען דורך די קלאסן, פילן, און זאגן עדות, אז אסאך כוחות און אייגנשאפטן וואס זיי האבן געהאט אין זיך, זענען געווען פארמאכט, טויט. אסאך נוצבארע פעאיגקייטן - וואס וואלט זיי געקענט ברענגען אומגעהויערע הצלחות אין פילע הינזיכטן - זענען געווען פארשלאפן. און ב"ה זיי קענען אצינד זאגן מיט'ן פולן מויל "ברוך אתה ה' מחיה המתים", מען האט לעבעדיג געמאכט טויטע פארשלאפענע כוחות, וואס זיי האבן קיינמאל נישט געקלערט אז זיי זענען ביי אים נוצליך.

מיר וועלן בארירן איין פונקט פון צווישן פולע, וואס דאס טוט באשיינפערליך צייגן ווי א געוויסע נוצבארע כח פון מענטשן איז געווארן אקטיוו אדאנק די געוואלדיגע פראדאקטיוו שיעורים. אבער דאס פאדערט קודם א שטיקל הקדמה.

"קאנפידענס" איז א שם דבר ביי יעדן אלס א זאך וואס העלפט ארויס אין אלע געביטן אין מענטשליכע לעבן, און געזעלשאפט. עס איז דא צוויי סארטן קאנפידענס ביי מענטשן, נומער 1, איז "געבוירענע קאנפידענס" פשוט, ער איז בטבע א מענטש מיט זעלבסטזיכערקייט און שטארקקייט, און האט נישט מורא פון קריטיק, און פארשעמונג, ווידעראום איז דא דער צווייטער סארט קאנפידענס וואס דאס איז די מתנה טובה פון "פראדאקטיוו קורס" מען לערנט אויס דעם באטייליגטן אן אייגענעם כח פון "קאנפידענס" וויאזוי צו רעאגירן אין אומצאליגע פעלער מיט זיין אייגן אויפגעבויטע קאנפידענס, וואס די רעזולטאטן דערפון איז אומגלויבליך און וואונדערבאר.

נו, שטעלט זיך דער פראגע, וואס איז דער חילוק צווישן א געבוירענער קאנפידענס, און דעם אייגן אויפגעבויטער

## **אוי-וויי;** איך וויל מיך שוין **אפּרייסען** דערפון



רייכערן



אלקעהאל



סמארט פאון



איבער-עסן זיך

אדער סיי וועלכע אנדערע אדיקשאן:

# ס'גייט נישט!!!

**איך שעם מיך שוין פון מיר אליין וואו איך האלט דא..**

## האלט מיט די 10 שיעורים

וויאזוי זיך **אומצוגיין** און **פטור** צו ווערן

**פונעם אדיקשאן** בע"ה

איבערגעגעבן דורך:

הגה"צ **אב"ד שאץ** שליט"א

אינאיינעם מיט שאלות ותשובות

Remember | The longer you are addicted | The more difficult to get disconnected

קאנפידענס וואס ווערט פארגעשטעלט און אויסגעלערנט ביי פראדאקטיוו? אייגנטליך זענען דא זייער אסאך וואס האבן אויבנאויף נישט געוואוסט קיין דיפערענץ און איבערוויגנדע מעלה פון די צווייטע סארט קאנפידענס, און אסאך וואס זענען בטבע געבוירן מיט זעלבסטזיכערקייט, האבן באשלאסן צו קומען צו די "פראדאקטיוו שיעורים" צוליב גאנץ אנדערע סיבות, ווילנדיג עררייכן אנדערע עררייכונגען, אבער ווען זיי זענען געקומען צו די שיעורים האט מען זיי "מחיה מתים" געווען, און זייער אזויגערופענע "אייגענע קאנפידענס" איז ערזעצט געווארן מיט די אמת'ע קאנפידענס וואס מען האט זיך אויסגעלערנט ביי די שיעורים, און זענען דאן באריכטעט געווארן איבער אן אייגנשאפט וואס מען האט באמת פארמאגט, נאר איז געווען פארשלאפן, און האט זיך ערוועקט נאכ'ן דורכגיין די גראנדיעזע שיעורים.

מיר וועלן אין קורצן פארשטעלן דעם קאנטראסטישן דיפערענץ צווישן די צוויי ערליי "קאנפידענס".

איך האב אמאל געפרעגט איינעם וואס האט געהאט אן איינגעבוירענעם קאנפידענס "זאג מיר, וואס טוסטו ווען איינער פארשעמט דיר אין ביהמ"ד?" "וואס איך טו?" זאגט יענער, "איך געב אים צוריק אחת דתו און מיט 'קאנפידענס'". זאג איך אים "וואס טוסטו אין א פאל וואס דער אטאקירער איז מער חשוב'ער פון דיר, אן איש מכובד וכדו', און די קענסט אים נישט צוריקשרייען, נו, וויאזוי רעאגירסטו צו זיין אטאקע?"

"איך ווער טאקע אביסל צעבראכן און צעקלאפט, איך ווייס נישט וואס צו טון" פארענדיגט יענער, "נו, וואו איז דיין כלומר'שטער קאנפידענס אז דו ווערסט צעקלאפט ווען איינער פארשעמט דיר ברבים?" האב איך אים געזאגט.

מיט ריכטיגע קאנפידענס, וואלט מען נישט געשילדערט קאנפידענס אז מען מוז יענעם צוריקשיסן, און, אז מען קען נישט יענעם צוריקשיסן איז מען אינגאנצן געפאלן און צעבראכן, דאס איז א באוויז אז מען האט נישט קיין קאנפידענס, אמת'ע קאנפידענס באדייט, אז מען פילט זיך גענוג זיכער אז מען ברויך 'נישט' יענעם צוריקענטפערן און 'ווייזן' נקמה, מען איז פעסטגעשטעלט מיט די ריכטיגע געדאנקען און קלארע דעת נישט צו ווערן אטאקירט אין פאל יענער אטאקירט, אלזא, אפילו יענער איז נישט בכדי להשיב, ער איז א פערזענליכקייט וכדו', מיט דעם אלעם פילט מען זיך נישט באטראפן און דערנידערט, וויבאלד מען נוצט דער ריכטיגער קאנפידענס, בעתו ובזמנו.

ווי פארשטענדליך איז דא פילצאליגע פיליאלעס אין נוצן די ריכטיגע קאנפידענס וואס ווערט קלאר באטאנט אין לויף פון די פראדאקטיוו שיעורים, ווי צום ביישפיל, טאמער ס'איז יש דברים בגו, דער אטאקירער איז עפעס גערעכט, דאן לערנט מען אים וויאזוי ארויסצונעמען די גוטע חלקים וואס מען קען געניסן פון דער אטאקע, אדרבא ואדרבא, עס קומט גוט צונוץ אן אויפמערקזאמקייט וואס מאכט אויפמערקזאם איבער א געוויסע פעלער, מען ווערט נישט פארלוירן נאר מען נוצט די קריטיק אויף זיך בעסערן אויף זאכן וואס האט באמת געדארפט א צריך תיקון. די זעלבע איז בנוגע ווען מען האט באמת א דין ודברים מיט'ן אטאקירער, און מען דארף יענעם איבערבעטן, איז זיין אטאקע נישט א צילבערט צו פארברייטערן די מחלוקה, נאר אדרבה, מען ווערט נישט פארלוירן נאר מען זעט איינצושטילן מיט מחילה וכדו' דעם געפעכט, און והכל על מקומו יבוא בשלום.

די סך הכל איז, אז אפילו ווען איינער קריטיקירט מיר, אפילו ער קריטיקירט מיר אויף א וועג וואס איך ווייס אז דאס איז נישט די וועג, און איך האב באמת נישט קיין אויסוועג אים צו אפענטפערן, אויב האב איך די ריכטיגע קאנפידענס, אלעס פארט ווייטער געהעריג, מען מאכט עס אוועק, יענער האט סתם גערעדט סתם געשאסן, עס מאכט נישט אויס, און געגאנגען ווייטער.

די זעלבע איז לגבי די טאג טעגליכע זעלבסטשאץ וואס מענטשן פארמאגן, ווי למשל, איינער האט אן איינגעבוירענער בטבע'דיגער קאנפידענס, ווי למשל צו האבן די שטארקייט דורכצופירן שווערע פראיעקטן, ער עפנט קאמפליצירטע ביזנעסער וכדו'. אבער אויב פארמאגט ער נישט קיין אמת'ע אויסגעלערנטע קאנפידענס, איז דאס אומאקטועל אין פולע נאך וויכטיגע געביטן וואו עס פאדערט זיך זעלבסטשאץ צו פירן א נארמאלן לעבן, אינדערהיים קען ער ווערן פארלוירן, ער איז נישט קיין געלונגענער טאטע אין שטוב ווירטשאפט, א קינד קען אים גרינג ארויסנעמען פון די גליזן, דאס צייגט אז ער האט נישט קיין אמת'ע זעלבסטזיכערקייט, אויב וואלט ער באמת געהאט זעלבסטזיכערקייט וואלט ער געקענט באהאנדלען אנגעצויגענע סיטואציעס אין שטוב רואיגערהייט, נישט פארלירנדיג דעם גלייכגעוויכט און ווערן אזוי שנעל אין כעס. וואס דאס איז די גרעסטע סתירה צו קאנפידענס.

דאס איז ווי ערוועגט איין ביישפיל פון פולע וואס צייגט וויאזוי פראדאקטיוו איז מחיה מתים פארשידענע חושים אינעם מענטש, וואס דער מענטש קלערט אינגאנצן נישט אז ביי אים קען דאס אמאל זיין נוצליך און פארבעסערט, ווי מ'זעהט דא לגבי דער וויכטיגער נושא פון קאנפידענס, וואס פראדאקטיוו שטעלט דאס אהער בעז"ה אויף די ריכטיגע רעלסן, ווען עס צו נוצן, און וויאזוי עס צו נוצן, און מען ארבעט עס ארויף מיט די ריכטיגע גבולים אונטער די ריכטיגע און ערלויבטע קאנטראל, און דער באטייליגטער ביים שיעור ווערט אינפארמירט גענוי וויאזוי צו ריכטיג דעוועלאפן קאנפידענס, צו טון וואס מען דארף טון מיט א שטארקייט אן קיין בושה, און מען ווערט נישט אראפגעקלאפט און אוועקגעמאכט ווען איינער אטאקירט, ווי פריער דערמאנט, עס איז ריכטיג "מחיה מתים.... וסומך נופלים".

## ברוך אתה ה' הקל הקדוש:

### זיך אפגעטרייסלט פון ראיות אסורות אדאנק פראדאקטיוו

"עדיקשאן" איז זייער א ברייטע טעמע מיט פילע זייטן, אבער עס איז כדאי צו פארציילן א קורצער עפיזאד וואס שפיגלט אביסל אפ די געוואלדיגע דערגרייכונגען וואס פראדאקטיוו שטעלט אהער פאר די מקשיבי השיעור, איבער'ן נושא פון זיך אפטרייסלען פון נישט גוטע און שעדליכע געוואוינהייטן, בין ברוחניות ובין בגשמיות.

# א פרנסה קלה ונקי'

## וואס ברענגט זכותים לדורי דורות!

שיעורי הדרכה למדריך

דורכ'ן מיטהאלטן די **20 שיעורים** וואס דער **שאצער רב שליט"א** שטעלט אייך צו, באגלייט מיט קרוב צו 200 תשובות אויף שאלות פון פריוואטע מדריכים, וויאזוי מען זאל אומגיין, וועט איר האבן די פאך אין האנט.

- צענדליגער זענען שוין אדאנק דעם בעז"ה אין דעם ליין מיט הצלחה
- דורך דעם אינוועסמענט ווערט איר בקרוב בעז"ה א פראפעשענעל מדריך

*איר קענט האבן דעם פאך*
*פון שטעלן א תלמיד אויף די פיס.*
*און איהם מהפך זיין מרע לטוב*

ווי למשל, דורכ'ן:

- אויפארבעטן זיין חשק התורה,
- אוועקשטעלן זיין ערליכקייט,
- אויפארבעטן זיין גייסטישע שטארקייט
- לערנען מענטשליכקייט,
- וכדו'

ביי איינע פון די שיעורים שמועסט מען אויס נקודות, איבער דער כח וויאזוי א מענטש זאל זיך קענען צוריקהאלטן ווען ער האט א נסיון פון זען זאכן וואס מען טאר נישט, פיל מאל איז עס מורא'דיג שווער, און מ'גיבט איבער נוצליכע פונקטן וואס זענען זייער נוצבאר צו ברעכן שווערע טויערן מיט פשרה'לאזע אנטשלאסנקייט.

"שוין 10-12 יאר וואס איך מוטשע מיך ארום מיט נסיונות פון ראיות אסורות מיט וואס איך האב מיך כסדר געספראוועט, אצינד האב איך באקומען די ריכטיגע כח, אז אין די רגע וואס איך מערק עפעס נישט אין ארדענונג מצד קדושה, וועל איך זיך זאפארט אוועקדרייען, און האלטן הייליג די אויגן!"

דאס האט א איד ארייגעזאגט אין א מעסעדזש מיט גרויס התרגשות און אינערליכע פרייד. ער לייגט צו דארטן מיט רגש דקדושה "איך מוז דיר זאגן, אז די איין זאך איז פאר מיר ווערד צוויי דריי מיליאן דאלאר, ווייל ווען איך האב נישט די כח, דערלייג איך די שכר און גוטע זאכן וואס די ספרים הק' שרייבן וואס מען געט אויף יענע וועלט ווען מ'האלט זיך אפ, מיט איין סוויטש בין איך ארויס פון גיהנום אריין אין גן עדן. פאר די אלטע ראיות אסורות וועל איך תשובה טון, און פון זיך אפהאלטען פון נייע באקום איך א שכר טוב לאין ערך".

אין רעאליטעט זאגט עס נישט נאר דער איד, נאר אויך פילע צענדליגער הונדערטער אנדערע, וואס האבן נישט געלאזט מעסעדזשעס, נאר זיי זאגן אויף אנדערע מיני אופנים. זיי שרייען אויס ברוב שבח והודיה לה' "ברוך אתה ה' הקל הקדוש". זיי זאגן אז דער אויבערשטער האט נישט נאר געהייסן דעם מענטש קדושים תהיו, סיי איסור און סיי היתר-קדש עצמך במותר לך, נאר אויך געמאכט אז מען זאל קענען אויספירן די קדושים תהיו, און אויב איינער פילט אז ער קען נישט, איז זיכער דא זאכן אין אים וואס מען דארף אויפארבעטן און דעמאלטס וועט ער עס 'יא' קענען.

## ברוך אתה ה' חונן הדעת:

### השי"ת געט דעת פאר די צוהערער אז זיי זאלן קענען זיין מלמד לאנוש בינה פאר אנדערע

די מעלות און דערגרייכונגען וואס די פראדאקטיוו קלאסן שטעלן פאר, איז פארשידנארטיג, און טוען זיך אויספארעמען אין פולע באדייטן אין טאג טעגליכן לעבן. אבער ווען מען רעדט פון "דעת" שווימט גלייך ארויף די מתנה טובה וואס פראדאקטיוו האט צוגעשטעלט פאר די קלאסן מיטהאלטער, אז נישט בלויז זיי זענען געווארן באגליקט מיט "דעת" פאר זיך פריוואט, נאר זיי זענען ווירקליך געווארן פרישע משפיעים, און זייער אייגנשאפטן איז אזוי געהעכערט געווארן אז עס איז קוואליפיצירט משפיע צו זיין פאר אנדערע, זייער כח איז מכרזת עליהם מבחוץ.

די סיסטעם פון פראדאקטיוו איז אז מען לערנט אויס די יסודות, וואו מען גייט דורך די וויכטיגע פרינציפן פון קאנפידענס וכדו', און ביי יעדע נושא ווערט באגלייט נוצליכע עקזעמפלארן פאר די צוהערער וויאזוי צו פרקאטיצירן די ענינים פריוואט אינעם עתיד, און פון די משלים און נמשלים וואס מען געט נעמט יעדע צוהערער ארויס פאר זיין לעבן, וואס ער האט צו טון.

וואס טוט זיך אין פאל - וואס מאכט זיך גאר זעלטן - אז איינער בלייבט ארויס, אדער אז איינער וויל וויסן ווי אזוי טוט מען אפליינען די טולס פאר די און די ענין? און צוליב דעם - האט פאר דריי-פיר חדשים צוריק, ווען עס איז געווארן ברייטער די קלאסן אויף א גרעסערער פארנעם - פראדאקטיוו אדאפטירט דעם סיסטעם פונעם חותן המלך יתרו, וואס האט פארגעשלאגן פאר משה רבינו, דעזיגנירן שרי מאות, שרי עשרות וכו' און ווען מ'האט דאן מודיע געווען פאר'ן עולם אז ווער ס'פילט אז ער האט א כח אז ער קען אויך העלפן אנדערע מענטשן זאל לאזן וויסן, 36 קלאס מעמבערס האבן זיך דאן אנגעטראגן אז זיי זענען גרייט במשך די שעה'ן פון 8:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט, צעטיילט, צו קענען העלפן אנדערע אידן.

די דאזיגע חשוב'ע משפיעים אינערהאלב פראדאקטיוו זענען אריינגעקומען אין בילד, אידן וואס האבן ב"ה גאר שטארק מצליח געווען אין דעם קלאס, וואס אחוץ וואס זיי טוען שטענדיג פראקטיצירן פאר זיך די פילצאליגע זאכן וואס זיי האבן דא געלערנט, האבן זיי זיך אנגעטראגן צו וואלונטירן און ארויסהעלפן אנדערע וואס זוכן הילף. און מען קען זיי פרעגן און באקומען א קלארקייט כדת מה לעשות, און דער סיסטעם האלט שוין ב"ה אן פאר א לענגערע תקופה, און עס איז פארדעם אהער געשטעלט געווארן א גוט סאפיסטיקירטן "מיעצים סיסטעם", וואס זאל קלינגען יעדע שעה צו אנדערע מיעצים, און היינט צוטאג האלט דאס בלע"ה ביי 50 מיעצים.

איך האב געהערט גאר איבערראשנדע נאכגריסן פון אידן וואס זענען געווען אין פארבינדונג מיט איינע פון די משפיעים, פילע קענען נישט גלויבן דעם פאקט אז אזויפיל ווי 50 מענטשן זענען מיט דער צייט געווארן אזוי פראדאקטיוו און קוואליפיצירט און העלפן ארויס אנדערע מיט אזעלכע נוצליכע און זאכליכע עצות, עס לאזט זיך נישט גלייבן ווי געלונגען דאס האט זיך ב"ה אויסגעארבעט.

## השיבנו אבינו לתורתך:

### פראדאקטיוו בויט אויף פולע קאנצענטראציע ללימוד התורה

אסאך האבן מיר אנגעפרעגט צו די קלאסן וועלן זיי העלפן מיט "קאנצענטראציע", איך קען געוועגליך נישט ענטפערן אז "יא" וויבאלד קאנצענטראציע איז א גאר אינערליכע חוש, וואס איז אין אלגעמיין נישט אויסגעשטעלט אויסצולערנען א מענטש וויאזוי זיך צו קאנצענטרירן און באזייטיגן אנדערע מחשבות. פארט איז געווען אין איין פאל וואס כ'האב געזאגט פאר אן אנפרעגער, קום צום קלאס, ווייל אפשר וועסטו יא ערגרייכן עפעס א לעזונג אויך פאר קאנצענטראציע שוואכקייט, והשנית, אויב ווילסטו נישט איינלייגן געלט פאר א ספק, דאן צא בגין דברים אחרים, פיל אנדערע לעבנס וויכטיגע בענעפיטן וועסטו בענעפעטירן ביים שיעור, דעריבער וועסטו געוויס גארנישט דערלייגן.

דער איד איז געקומען צו די שיעורים, היינט צו טאג איז ער מיר

אה...

א געשמאק מיטצוהאלטן אזא שבת טיש

די לעכטיגקייט שיינט ארויס פון שטוב!




# פארדאקטיוו מיטהאלטערס

## ווייסן וויאזוי ארייננצוברענגען
## א לעכטיגקייט אין שטוב
## און פירן א געשמאקן שבת טיש

באקומט א פרייע אפוינטמענט מיטן מנהל צו הערן וואס די קלאס קען אייך ברענגען

געוואלדיג מכיר טובה, עפעס אויסטערליש, דער איד דרוקט זיך אויס פאר מיר, "איידער איך בין געקומען צו די שיעורים האב איך נאך פינף מינוט לערנען געמוזט נעמען א הפסקה פון ווייניגסטנס פינף מינוט, כהיום יום, האב איך באוויזן דאס אומגלויבליכע אז איך קען לערנען פאר 10 מינוט בלי הפסק כל שהוא, דאס מיינט דאפלט, און נאך מער ווי דאפלט, ווייל א דאפלטע דיימאנד איז מער ווי דאפלט ווערד ווי א האלבע דיימאנד"

דער איד טרעפט מיר א קורצע צייט דערנאך און זאגט מיט באגייסטערונג "איר מיינט אז ביי צען מינוט האט זיך דאס אפגעשטעלט?" דער איד פירט אויס פאטאס "3 שעה! אין איין צי האב איך געלערנט פארגאנגענעם זונטאג, אז דו ווילסט געב איך אייך דעם נומער פון מיין חברותא דאס צו פעסטשטעלן, מען איז אנגעקומען אין די דריי שעה כך וכך בלעטער, און זיך דערויף אפילו פאראהערט!"

דער איד זעצט פאר מיט טרערן אין די אויגן "עס איז ממש א היסטאריע ביי מיר, און א געוואלדיגע דורכברוך, איך געדענק נישט אין ישיבה איך זאל לערנען אזויפיל אין איין צי, אלעס אדאנק דעם איבערשטנס שליח פראדאקטיוו, הושענא שלש שעות, איך בין געהאלפן געווארן עפעס אויסערגעווענליך".

און פארשטייט זיך אז דער איד האט אויך געגעבן א גרויסע מתנה פאר פראדאקטיוו מיטן גרייט זיין צו קומען אויפן ספק, ווייל פון דאן האבן אנדערע געקענט אריינקומען דא צוליב קאנצענטראציע אישוס, וויבאלד ס'האט געוויזן די פאקט אז מיט די זעלבע פראגראם פארשטארקערט זיך קאנצענטראציע בתוכם.

יא! דער איד און נאך פילע אנדערע דרוקן זיך אויס פאר'ן רבוש"ע מיט שבח והודאה, אז ער האט צוגעהערט זייער תפלה פון "השיבנו אבינו לתורתך" און זענען דורך די געטרייע שלוחים פון פראדאקטיוו קלאסן, אנגעקומען פיל מער ווי געראכטן אין דעם היניזכט פון לימוד התורה. וואס איז געשען? וואס האט זיך געטוישט ביי דעם מענטש אז ער האט זיך צוגעוואוינט צו נוצן זיין קאנצענטראציע חושים?

אינ'אמת'ן האט גארנישט פאסירט, די פראבלעם וואס נעמט אוועק דעם מענטש'ס וואכזאמקייט פון עפעס אן ענין איז צוליב זיינע פולע טירדות און פראבלעמען מיט וואס ער איז כסדר פארנומען און ארומגענומען, דעריבער, ווערט זיין מח פארשטאפט און אומדערהייבנדיג קאנצענטראציע אויף לימוד התורה, ווייל די רגע וואס ער וויל זיך קאנצענטרירן איבער איין זאך, הייבן אן ארויפצושווימען די אלע דאגות און טירדות. מיר האבן דעריבער איבערגעגעבן די עצות מועילות וויאזוי די דאגות און פרעשור זאל נישט אפעקטירן זיין מח בכל עת ובכל זמן, ער זאל האבן דעם כח המעצר אז ווען ער וויל טראכטן עפעס אנדערש זאל ער עס קענען אויספירן ווילאנג ער וויל און וואס ער וויל, און די אנדערע מחשבות זאלן אים בכלל נישט שטערן אין דער צייט.

## ברוך... חנון המרבה לסלוח:

**א פאזיטיווע באדייט ביי די פראדאקטיוו תלמידים**

אסאך אידן זענען ליידער אגאנצן טאג פארנומען מיט זייערע חטאים, עס לאזט נישט איבער א ליידיג ווינקל אין מח צו טראכטן עפעס פאזיטיוו, פולע טוען דאס נאך באהויפטן מיט דעם "וחטאתי נגדי תמיד" און זיי קלערן קיינמאל נישט פון עפעס נארמאלע לעזונגען דערפאר, זיי זענען שטענדיג באזארגט איבער זייערע גילטי פילינגס, אז זיי האבן יענץ נישט געטאן גוט, און יענץ נישט געטאן ווי ס'באדארף צו זיין, זיי ציען דעריבער א מסקנא אז זיי זענען א שטיק דורכפאל וכדו', וואס דאס איז דער שטערקסטער גורם צו טראסקן און זיך ווייקן אין מרה שחורה זומפן און זיך כסדר ערגערן מיט נעגאטיווע געדאנקען, און אוודאי איז זיי אוממעגליך עפעס צו שטייגן אויף ארויף אין אזא מצב.

די אלע פארכמורעטע געדאנקען זענען אקטיוו אויך חרוב צו מאכן דעם לעבן בגשמיות, ווען זיי לייגן אריין דעם מענטש אין א פילזייטיגע פארצווייפלונג איבער יעדע זאך וואס זיי טוען "אפשר האב איך געדארפט טון אנדערש? אפשר דאס אפשר יענץ?" וכו' וכו', ואלו המחשבות שאין להם שיעור.

ווידעראום די אידן וואס האבן געהאט שכל און זענען געקומען צו דעם קלאס, זענען באשאנקען געווארן מיט די ריכטיגע מחשבות און געדאנקענגאנג וויאזוי צו טראכטן אין באצוג צו די אלע דערדריקנדע מחשבות, און זענען ב"ה ארויס פון די אלע דעפרעסטע מיינונגען, און אנגעפאנגען אביסל צו טראכטן גינסטיג, ארויסהייבנדיג די גוטע חלקים וואס ליגט אין זיי, פארשוועמנדיג אונטער זיך א הויפן פון באשולדיגונגען און מיסגעברויכן מיט וואס זיי האבן זיך געוועינליך זעלבסטבאשולדיגט.

די טעמע איז גאר א פארצוויגטע און פילזייטיג, אבער איין געדאנק וואס קען מעגליך ווערן אנגערופן אלס יסוד פאר די אלע זאכן, קען ווערן געשילדערט קודם מיט א קורצן משל.

א בעל הבית האט א ארבייטער און ער געט אים א קאמפיוטער מיט עלעקטריק מיט א אפיס מיט ווארימע סטים מיט טייערע וועידזשעס און ער באצאלט אין צייט פאר די ארבייט, און בשעת מעשה זיצט דער ארבעטער און ער זעט ווי ער קען אונטערגראבן די ביזנעס, און אין זעלבן ארט וויאזוי ער קען נעמען די ביזנעס פאר זיך. ווי אזוי פילט דער באלעבאס ווען ער הערט וואס זיין גוט באצאלטער ארבעטער מיט אלע באקוועמע איינריכטונגען פירט זיך אויף צו אים? ער גייט אים ווייטער געבן וועידזשעס? ווייטער געבן עלעקטריק? ווייטער לאזן זיצן אינעם באקוועמען אפיס? אפשר וועט ער אים געבן נאך איין שאנס פאר א פראבע, אבער טאמער נאך דער פראבע טוט ער עס ווידעראמאל, וואס געשעט, העכסטנס וועט ער געבן דעם לעצטן שאנס, און דאס איז, ער קאפעט אים ארויס פון זיין ביזנעס לחיים ולשלום.

די אידן וואס זענען געקומען צו די קלאס, זענען געווארן אזוי קלאר און אויפגעוויזן מיט דעם ריכטיגע באדייט פון "ברוך אתה ה' חנון המרבה לסלוח" דער גרויסער הייליגער באשעפער וואס פאר אים זענען מיר זינדיג, וואס הייסט דו האסט געזינדיגט פאר א גרויסע קעניג אין דער צייט וואס ער האט דיר געגעבן די גאטס און די כוחות און די ענערגיע און עסן מכל טוב וטוב, ער האט דיר אלעס געגעבן, שטעל דיך פאר דער בוכ"ע מיט זיינע כוחות


באפרייט..
רייכערן
איז געשמאק
סטאפן צו רייכערן דורכ'ן
דורכגיין א פראדאקטיוו קורס
איז פיל געשמאקער
איך בין דורכגעגאנגען דעם קורס
און דורכן אויפבויען מיין אינערליכע
QUALITY HAPPYNIZM
בין איך געווארן באפרייט גרינגערהייט
פון ציען געשמאקייט פונעם ציגערעטל
• כ'האב שוין געשפארט די לעצטע 3 חדשים 1100 דולער.
• פארברענען צייט פון דארפן ווארטן נישט אהיימציקומען גלייך נאכן רייכערן.
• עגמת נפש פאר מיין פרוי און קינדער אויב איך בין יא אהיים גלייך פון רייכערן.
• זיין א קראנקע מענטש מיט שווארצע לינגען.
• און איך קען זאגען אז דאס פילט אסאך געשמאקער.
רופט אריין אין די אפיס פון פראדאקטיוו
אויב איר ווילט רעדן צו מיר, איך בין נישט די איינציגער
וואס וועט אייך דאס פארציילן!
נ.ב.
'פראדאקטיוו'
איז נישט
אפציעל פאר
סטאפ סמאקינג.
איך האב גענוצט
די זעלבע
'פראדאקטיוו'
טולס
ארויסקריכן פון
דעם אויך.
גייט אדורך
דעם 'פראדאקטיוו' קורס
און ווערט באפרייט
בעז"ה פונעם עדיקשען
שנעל און גרינג!
פראדאקטיוו!!!
קורס
א גוטע מאטאוועישאן
צו פראדוצירן
אפיס: 845.232.1079
האט-ליין: 718.887.9311

גראבסטן אונטער זיין ביזנעס, ווען מען טוט אן עבירה גראבט מען אונטער כביכול דעם אויבערשטנ'ס ביזנעס וואס ער וויל מענטשן זאלן טון נאר מצוות, און ממילא ס'וואלט געווען פארשטענדליך אז ס'זאל קיינמאל נישט קענען ווערן נמחל, אבער דער גרויסער חנון המרבה לסלוח, האט געגעבן א מצוה פון תשובה, נישט נאר ער האט געזאגט אז מען קען תשובה טון, ער האט עס נאך געזאגט פאר א 'מצוה' דו זאלסט תשובה טאן, און ער גיט גאר שכר טוב פאר דעם, און דאס איז דער ענין פון "אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" פארוואס דארף יעדער איינער זינדיגן? כדי ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון תשובה, און מען זאל קענען באקומען דעם שכר טוב בזה ובבא.

די און נאך אזעלכע אומצאליגע רייכע געדאנקען זענען א טייל פון די שטארקע גורמים וואס האט געברענגט די שיינע רעזולטאטן אז די באטייליגטע ביי די פראדאקטיוו שיעורים זאלן גאר אנדערש טראכטן בנוגע דעם ענין פון חנון המרבה לסלוח.

## ברוך אתה ה' גואל ישראל:

### פראדאקטיוו לייזט אויס אידן פון זייער אייגן-געשאפענע תפיסה

עס איז א נארמאלע ערשיינונג אז ס'איז דא מענטשן וואס פילן זיך עפעס באדראעט ביים אריינגיין אין ביהמ"ד, זיי ווערן פארלוירן פונעם המון עם, זיי קענען זאגאר נישט נעמען דעם קוראזש בלויז צוצוגיין צו איינעם עפעס זאגן, אויס זארג יענער וועט אים עפעס צוריקשיסן, נארישע פאנטאזיע וואס מענטשן בילדן זיך כסדר אויף זה בכה וזה בכה, הצד השוה שבהן, זיי זענען אין א געוויסע תפיסה, איינגעשפארט פון א געוויסע סביבה, וואו זיי קענען נישט עפענען א מויל און אויגן צו די אנוועזנדע.

די דמיון ארבעט אזוי פיבערהאפטיג, ער האט מורא איינער קוקט אויף אים, ער קלערט אז ער צייגט עפעס פאני, א גאנצן טאג וואו ער גייט און וואו ער שטייט פילט ער זיך ווי אין א באקס, איינגעשפארט און געצוימט מיט באנעמונגן און טאהטן.

אידן וואס גייען דורך די קלאס, זעען פלוצלינג געוואלדיגע ענדערונגען און שינוים לטובה, זיי זעען אז ס'איז א "ראה נא בענינו וריבה ריבנו וגאלינו גאולה שלימה מהרה למען שמך", און ער זאגט בשמחה רבה "ברוך אתה ה' גואל ישראל" אז מען איז ארויסגעקראכן און אויסגעלייזט געווארן פון די אלע קאמפלעקסן פון די אלע קאמפליקעישנס פון ווערן פארלוירן דורך פחדים פון אנדערע מענטשן.

## ברוך... רופא חולי עמו ישראל:

### פראדאקטיוו תלמידים שלוחי דרחמנא צו היילן אידישע קינדער

אז ס'מאכט זיך אמאל אז איינער האט א חולה בתוך ביתו פאר קיין שום איד נישט געזאגט, איז פראדאקטיוו א לעזונג פאר אלע זייטיגע אפעקטירונגען און העלפט דעם מענטש זאל בלייבן ביים זינען און ריכטיגן ישוב הדעת, און טראכטן ווי א איד ברויך צו טראכטן אין אזעלכע אומאנגענעמע אומשטענדן.

איך וועל פארציילן איין עפיזאד וואס שפיגלט אפ די שיינע פירות וואס איז געקומען אין ליכט פון די געוואונטשענע מעטאדן וואס פראדאקטיוו שטעלט אהער, אן עפיזאד וואס איז מבשרי אחזה.

ס'איז געווען אומגעפער 8 וואכן צוריק ווען מען איז געוואויר געווארן אז מיין מאמע האט באקומען נעבעך יענע מעשה, בין איך געגאנגען אין שפיטאל, איך קום אריין אין שפיטאל, האט זיך אנטדעקט פאר מיר די סצענע ווי ס'שטייט א דאקטאר, מיין שוועסטער און מיין מאמע, הערן אויס ווי די דאקטאר רעדט, ס'איז דאס און ס'איז יענץ, אהער און אהין, ער איז מסביר א האלבע שעה, דערנאך האבן מיר געפרעגט געציילטע קשיות, און דאן איז ער ארויסגעגאנגען.

און מיין מאמע פאנגט אן צו רעדן אז זי דארף זיך צוגרייטן, זי ווייסט נישט וויאזוי, זי האט אנגעפאנגען צו ערוועגן פון גיהנום, יעדער שטעלט זיך פאר וואס עס מיינט א 63 יעריגע פרוי רעדט פון דארפן זיך צוגרייטן שוין. זי האט שוין באלד געוואלט רעדן פון צוואה, אויב ס'איז שייך ארויסגעבן צוואה. די אנגענומענסטע זאך אין דעם ענין איז, אז טאמער א מענטש רעדט שוין פון זיין צוואה, און פון זיך צוגרייטן, דאן קען ער זיך טאקע צוגרייטן, ס'איז ליידער א באקאנטע זאך. די שטימונג איז געווען זייער טרויעריג און דערדרוקנד, די גייסט איז געווען פארשווארצט און פארנעפלט, דא האפט מען צו דערלעבן חתונה צו מאכן און מיטהאלטן די חתונות פון די אייניקלעך און אור אייניקלעך, און דא פלוצים אזא בשורה לא טובה ה"י.

איך האב דעמאלטס אויפ'ן ארט אנגעהויבן צו רעדן פון געוויסע זאכן, און פון פארשידענע ענינים, וואס מען רעדט אין די קלאסן פאר במשך א דריי פערטל שעה. עס האט נישט לאנג גענומען און מען זעט.... "א שמייכל"., זי האט זיך אויפגעשטעלט פון די שפיטאל-בעט, אויף וואס זי איז שוין געלעגן א טאג צייט אזוי איינגעשמאכט, און זיך אנגעהויבן צו פארענען מיט די אייגענע כוחות. אינמיטן איז אריינגעקומען א נורס און געזאגט אז זי וויל עפעס געבן נאך א מין זאך, זי האט געזען א פאר מענטשן דארטן, געט זי זיך א רוף אן "ווער איז די פעישן?" מען האט איר פשוט געדארפט צייגן.

רבותי "פראדאקטיוו האט גערעדט!".

איך האב געקענט גוט די אלע זאכן וואס דער דאקטאר האט דארטן ערקלערט, ס'איז דא א געוויסע חלק פון די בלוט וואס שאפט פראבלעמען און מען ארבעט אויף דעם אז ס'זאל אראפגיין. נאכדעם ארבייט מען פאר פריווענשן ס'זאל נישט געשען ח"ו נאכאמאל. ער האט צווישן אנדערן געזאגט אז מען גייט דרייסיג טעג זיין אין שפיטאל, און מען האפט אז ס'וועט עפעס אראפגיין אין משך פון די דרייסיג טעג, דערנאך וועט עס האפנטליך צוביסלעך אינגאנצן אוועקגיין,

דער דאקטאר האט ערקלערט אז די פראבלעם אוועק צו גיין וועט נעמען 2-3 חדשים, און נאכדעם וועט מען ארבעטן אויף די



בס"ד
פון א צובארכענע
איינזאמקייט,
ביז'ן קענען פרייליך
פארברענגען.
eyecatch | 845.481.0783
פראדאקטיוו!!
קורס
א גוטע מאטאוועישאן
צו פראדוצירן
פאר אימצאליגע
פאקטישע רעפרענסעס
רופט: 845.232.1079
מען רעדט מיט מענטשן,
מען איז גוט מיט מענטשן,
און מ'מאכט נייע פריינט

אנדערע טיילן, דאס איז געווען זיין אויסשטעל.

אבער רבותי דער אייבערשטער האט געהאט אן אנדערע אויסשטעל, דריי וואכן שפעטער פרייטאג ביים זמן, איך באזוך שוין מיין מאמע "ביי איר אינדערהיים" מיט א צוגעגרייטע שבת, און בלויז 21 טעג, די אלע סימפטאמען פון שווארצע פלעקן טונקל-שווארץ אויפן האנט און קערפער, זעה איך אז ס'איז נישטא, איך האב געפרעגט, "וואס האט די דאקטאר געזאגט פאר די נעכטיגע טעסט?, ווי האלט מען מיט'ן פריוועגשן (פארן עתיד)? און ווי האלט מען מיט די קיור (היילונג אויפן הוה)?", זי האט מיר געענטפערט "די דאקטאר האט געזאגט די זאך איז אינגאנצן אוועקגעגאנגען, מען דארף נאר ווייטער ממשיך זיין א פריוועגשן!".

איך פרעג מיין מאמען "זאג מיר איין זאך, פון וואס האסטו כסדר געטראכט די 21 טעג?", האט זי געענטפערט "פון דיין האלבע שעה'דיגע שמועס!"

עכ"פ אידן וואס גייען דורך די קלאסן קענען ב"ה אויפטון א געוואלד צו פארגרינגערן יענעמ'ס ווייטאג, און קרענק. זיי האבן די זכיה צו זאגן פאר אנדערע אידן אן ענדגילטיגע "ברוך אתה ה' רופא חולי עמו ישראל" אין פאל מען וויל מקיים זיין ביקור חולים, מען וויל באמת ארויסנעמען דעם חולה פון זיין קרענק, נישט נאר א זעכציגסטל, נאכמער פון א זעכציגסטל, האבן די פראדאקטיוו אידן די זכיה דאס צו פארפולקאמען און טועןווירקליך לינדערן די צער פון די חולי ישראל ב"ה.

יענעמס? און וואס איז מיט די אייגענע? א איד האט מיר פארציילט א פאר וואכן צוריק, אז ער האט געהאט א שוועריגקייט א געוויסע שטארקע ווייטאג, וואס ער איז שוין ארומגעלאפן פינף יאר צו דאקטוירים נישט וויסנדיג וואס דאס איז, אפשר איז עס יענע מעשה?... ניין, אלע טעסטס האבן געוויזן אז ס'איז ב"ה גארנישט, וואס יא, קיין איין דאקטאר האט אים נישט געקענט זאגן וואס ס'איז, ממילא האט ער ווייטער געליטן, ס'איז געווען נאר א מיחוש, ס'איז נישט אלעמאל געקומען, ס'איז געקומען מפעם לפעם, אבער ס'האט שטארק וויי געטון, ער איז דורכגעגאנגען די קלאס, און, דורכ'ן נוצן די טולס וואס אונז האמיר דא אויסגעלערנט איז די ווייטאג אוועקגעגאנגען. ווער ס'וויל רעדן צו דעם איד קען ער ארייגקאלן אין די אפיס פון פראדאקטיוו, מען וועט אים טרענספערן צו דעם איד און קענען פרעגן פערזענליך די פאסירונג. ברוך אתה ה' רופא חולי עמו ישראל!.

## ברוך אתה ה' מברך השנים:

### מען ווייסט וויאזוי צו ברענגען פרנסה אין שטוב מיט אמונה און בטחון

איך האב געהאט א דריי פערטל יאר צוריק א איד וואס איז דורך דעם קלאס און ער האט געזען כי טוב סחרה, ס'איז גוטע סחורה, טוב לדידיה וטוב לאחריני, און האט ווירקליך אנגעבאטן פאר זיין ברודער ער זאל אויך קומען צו די קלאסן. זיין ברודער וואוינט אין מאנסי און נאכ'ן זיך פארבינדן מיט אים זאגט מיר דער ברודער, אז ער דאס אנגעטראגן פאר זיין ברודער, אבער ער זאגט אז דאס איז פאר אים יעצט אוממעגליך צוליב זיין גאר שווערע פינאנציעלן צושטאנד, שוין צוויי יאר וואס ער האט נישט קיין דזשאב, און גארנישט גייט אים נישט, ער האט נישט קיין הצלחה אין גארנישט, ער איז דערדריקנד ביז גאר, ובסך הכל האט ער נישט קיין פרוטה אחת וואס זאל אים ערמעגליכן צו קומען צו די קלאסן.

דער ברודער וואס האט שוין מיטגעהאלטן טייל פון די קלאסן האט מיר געפרעגט וואס מען קען עפעס מטכס עצה זיין אז זיין ברודער זאל קענען מיטהאלטן די קלאסן. איך האב אים געזאגט אז אין אזא פאל אז ער פארמאגט נישט דאן דו אלס ברודער געב אים א הלוואה, זאגט ער מיר, ניין! איך וועל אים נישט בארגן, נאר געבן בלב שלם, אויב דער הייליגער רמב"ם פסקנ'ט אז די גרעסטע מעלה אין צדקה איז צו שענקען פאר איינעם א מקור פון וואו צו מאכן פרנסה, דאן וועל אים עס געבן, איך וועל אים געבן די קלאסן, כדי ער וועט אי"ה אן א צווייפל מאכן פרנסה און זיך שטעלן אויף די פיס בעז"ה.

דער מאנסי'ער ברודער איז טאקע אריינגעקומען צו די קלאס, ער האט נישט געהאט אין די ערשטע חודש א דזשאב, די צווייטע אויך נישט, אבער זעקס חדשים צוריק האב איך אים געקאלט און איך האב אים געפרעגט "נו וואס טוט זיך?" פרעגט ער מיר צוריק "זאג, זוכסט אפשר צו קויפן א הויז אין מאנסי?" "וואס? דו פארקויפסט שוין דיין הויז אויכעט? אוי וויי!", זאגט ער מיר מיט פאטאס "ניין ב"ה! מיין הויז איז מיין אייגענע, איך פרעג נאר צי דו ווילסט קויפן פון מיין אגענטור, איך האב געעפנט א ריעל-עסטעיט ביזנעס עס הייסט אזוי און אזוי, קענסט פון מיר קויפן א הויז!"

גראדע האב איך פונקט דאן געהאט צוויי שוואגערס וואס האבן געזוכט א הויז אין מאנסי, איך האב זיי ביידע געגעבן זיין נומבער, זיי האבן זיך פארבינדן מיט אים, און ער האט געהאט פיינע זאכן. איך האב אים געפרעגט "נו, ס'האט זיך אויסגעצאלט די קלאס?" זאגט ער מיר מיט קענטיגע פרייד "בלויז פאריגע וואך האב איך פארקויפט איין הויז וואס איך האב געמאכט דערויף פינף מאל אזויפיל וויפיל די גאנצע קלאס האט געקאסט!".

און די אידן זאגן "ברוך אתה ה' מברך השנים", דורכגייענדיג די קלאסן ווערט מען אינפארמירט וויאזוי צו טון די ריכטיגע השתדלות בעתו ובזמנו צו ברענגען ברייט און שיין פרנסה אין שטוב ב"ה. און נאכמער, מען ווערט געוואויר דעם כמעט הויפט שליסל צו דעם מפתח הפרנסה וואס ליגט ביד הקב"ה, אז מען מאכט נישט קיין פרנסה ווען מען איז משנה מסדרי בראשית, מען טוט וואס מען דארף צו טון וויאזוי הקב"ה האט אהערגעשטעלט זיין וועלט, דאן שיקט השי"ת ענדערש זיין השפעה בידו הגדולה הזן ומפרנס לכל.

אז איינער זאל באגערן עס זאל ארויסשפראצן ווייץ אויף דער שיינער פאדלאגע אין שטוב, און וועט אפילו לכבוד דעם דארט לייגן קערנדלעך, און זאגאר דאס באוואסערן און אלעס אימער וואס עס איז דא צו טון, און נאכדעם וועט געוויס נישט וואקסן, וועט ער אויסקוקן ווי א וואנזיניגער ווען ער וועט קרעכצן און ליארמען "אוי וויי תפלה ארבעט נישט, איך האב מתפלל געווען און ס'ארבעט נישט", ער האט משנה געווען סדרי בראשית און ער האט געמאכט ליצנות פונעם אייבערשטן ח"ו. ר' איד איר דארפט נאכפאלגן די

# שטיפט עס נישט אפ!

איז דא זאכן
אין אייער לעבן
וואס איר טוט כסדר
אפשטיפן...?

איז דא זאכן
וואס איר דארפט טוהן,
און אז איר ארלעדיגט
עס נישט, ליידט איר
אליין פון די שאדנס...?




## עת לבנות:

בויט אויף אייער אייגענע
גייסטישע כוחות, צו ווערן
**א מענטש וואס ארלעדיגט זיינע**
**זאכן מיט התלהבות אין די מינוט!**

**דורכ'ן נישט אפשטיפן די איין זאך;**

**שרייבט אייך איין שוין יעצט,**
**און האלט מיט דעם קומענדיגן**
**'פראדאקטיוו' קלאס!**

רעגולאציעס וואס דער אויבערשטער האט אוועקגעשטעלט אין דער וועלט, און וויאזוי ער האט איינגעשטעלט דעם סיסטעם וויאזוי ווייץ וואקסט ארויס, עס איז דא א פלאץ וואו מען זאל דאס איינפלאנצן, און דו ברויכסט נאכפאלגן די אינסטרוקציעס.

און הערשט יעצט קומט מדת הבטחון, גלייבן אז דער אייבערשטער גייט מאכן וואקסן די ווייץ, און גלייבן אז ווען דארטן גייט וואקסן, זאלסטו אנערקענען אז נישט איך האב עס געמאכט וואקסן, דער אויבערשטער האט עס געמאכט, איי איך האב געדארפט פלאנצן און איך האב געלייגט זומען אין דער ערד?, דער אויבערשטער האט דיר צוגעשטעלט די פונקטליכע צוגעהערן און ארט וואו צו פלאנצן און ער וויל אז דו זאלסט נאכגיין די אינסטרוקציעס. און דאס איז דער סוד הבריאה פארוואס דער אויבערשטער האב באשאפן די טבע, טאקע וועגן דעם, אז דו זאלסט טון וואס דער טבע איז, און זאלסט עס ארויפווארפן און פילן אז דאס האט דיר דער אויבערשטער געגעבן יעדעס מאל עקסטער במתנה גמורה.

דער ביישפיל איז גילטיג כלפי מאנכע וואס מחמת חוסר ידיעה מיינען זיי אז זיי טוען וואס זיי דארפן, יא, מען זיצט און מען ווארט אז איינער זאל אריינרופן ביי אים אינדערהיים און פרעגן אפשר דארפסטו ארבעט?, אפשר קענסטו באשטיין אריבערצוקומען צו מיר אביסל ארויסהעלפן אין די ביזנעס דא?, איך האב פאר דיר א פיינעם דזשאב, און... ער ווארט נאך יעצט, די טעלעפאן קלינגט נישט. יא, קען זיין עס קלינגט אבער צוליב אנדערע צוועקן, קרעדיט קארדס פירמעס מאנען אנגעזאמלטע בילס, דער לענדלארד דארף די רענט. און ער שטייט און שטוינט "פארוואס קלינגט נישט דער אנדערער זאגן איבער א דזשאב? אינטערעסאנט אז פונקט זיי האבן נישט מיין פאון נומבער".

אין לויף פון די קלאסן ווערט פילמאל אויסגעשמועסט מיט דברים כדברונות "ניין ניין, דארטן 'דארפסטו' רופן, דארטן 'דארפסטו' אויפהייבן די טעלעפאן און קאלן, און אז מען באקומט א שטיקל קוראזש אין זיך, מען באקומט א מהלך ווי אזוי מען קען רעדן ביי אן אינטערוויו, מען באקומט א מהלך וויאזוי צו פעדעמען א נייע זאך, א נייע דערהער, דאן פילט מען אז מען קען אנהייבן צו טון, דאס איז א פועל יוצא פון דעם וויכטיגן דערהער אז עס ליגט אויף מיר צו טון, און דאס איז מיין חלק השתדלות".

### *תקע בשופר גדול:*

**פראדאקטיוו לערנט אויס און פראקטיצירט צו רעדן און פארברענגען מיט געזעלשאפט**

ווען מען זיצט צוזאמען מיט א חבורה מיט יונגעלייט, צי ס'קומט פאר א חבורה וואו אינגעלייט קומען זיך וועכנטליך צונויף, צי ס'איז א וואכנאכט און עס פארמירט זיך א געזעמל פון עטליכע אינגעלייט, און ער רעדט נישט, נו, זאג עפעס א ווארט, זעט אויס ער איז געקומען בלויז על מנת לשמוע, אזוי ווי חז"ל זאגן "טף למה באו כדי ליתן שכר למביאהן..." ווערט זיך איינער איינרעדן אז ער פילט זיך באקוועם אין אזא סיטואציע וואס ער מאכט מיט טאג טעגליך, אויב נישט עטליכע מאל אין טאג? אוודאי נישט, עס עגבערט אים אומאויפהערליך זיין געוויסן "מיין חבר רעדט, דער רעדט, יענער רעדט, און איך 'האב' אויך וואס צו רעדן, אבער עס גייט נישט"

אבער ווען מען גייט דורך די קלאסן זאגט מען מיט די ד' לשונות של גאולה "תקע בשופר גדול לחירותינו" מען קען עפענען די שופר און לאזן אביסל ארויסקומען די רייכע ווערטער פון דיר, און נישט נאר מען קען דאס, נאר מען קען אפילו מאכן "מקבץ נדחי עמו ישראל", צוזאמנעמען מענטשן, צו אויסשמועסן א געוויסע נושא, בעסער מאכן א מיטינג, ערלעדיגן זאכן, מאכן פאנדרעיזינג צו העלפן א איד וכדומה וואס עס זאל נאר זיין, מען האט דעם יכולת וואו אנצוהייבן און וואו צו ענדיגן.

וויאזוי טאקע איז דאס געשען? ממש אזוי? מען שפאצירט דורך די קלאס און די שטום בענדער ווערן אקטיוויזירט?, ווער ס'איז שוין געווען אין דעם קלאס דארף נישט קיין תירוץ, ווייל דאס איז די מציאות! אבער ווער עס איז נאכנישט געווען אין דעם קלאס קען אפשר טראכטן וויאזוי קען זיין אז סתם פון הערן זאכן קען פאסירן אזעלכע דראסטישע ענדערונגען אינעם מענטש?, ניין, אוודאי און אוודאי נישט, נישט פון סתם איינמאל מיטהאלטן פאסירט דאס, נאר פון "פראקטיצירן", מיט א ספעציעלע מהלך, און דאס איז דער יסוד פון די גראנדיעזע הצלחה וואס אלע קלאס באטייליגטע האבן שוין געזען און וועלן אי"ה זען אין דער עתיד.

רעדנדיג איבער די חלק פון פראקטיצירן מוז מען אויסשמועסן איבער די געוואלדיגע שריט וואס די קלאס מיטהאלטער האבן געטון איינצאלנדיג די געלט מיטצוהאלטן דעם קלאס, אזש די געלט איז בטל ומבוטל לכל הון דעלמא וואס מען איז דא מרויח.

כדי לקרב אל השכל קען מען דאס אזוי ערקלערן. א מענטש איז נישט א קלאץ, א בענקל איז אן אביעקט וואס איז אזוי ווי ער איז, און קען כמעט נישט ווערן בעסער און בעסער, משא"כ א מענטש איז א רוח ממללא וואס איז אויסגעשטעלט אין לויף פון זיין לעבן צו שטייגן העכער און העכער, און ווערט געבוירן מיט מורא'דיגע כוחות וואס איז אין אים באשאפן געווארן על תנאי ער זאל דאס אויפארבעטן ואין שיעור למעלה.

צוליב דעם מוז מען אנערקענען אז יעדער מענטש רעגירט איבער א טריליאן דאלארדיגע געשעפט, זיין אייגענע ביזנעס וואס ער פירט, זיין לעבן, מיט זיינע קינדער, איז א טריליאן דאלערדיגע געשעפט, והא ראי' אויב ס'מאכט זיך ח"ו ביי קיין שום איד נישט געזאגט א פראבלעם אין געזונט, אין פאל ס'איז נישטא אינשורענס, צ'יז א מענטל פראבלעם וואס שווענקט אפ פונעם מענטש'ס קאסע א הון תועפות, צי וואס עס זאל נאר זיין, וועט ער צאלן די וועלט'ס געלט, וויפיל ס'וועט נאר אויספעלן צו ראטעווען די זאך וועט ער צאלן, איי וויאזוי? ער וועט זיך שוין טרעפן מיטלען וויאזוי צו שאפן די נויטיגע סומעס, צי מיט פעימענטס, צי אויף אנדערע אופנים.

א האלב מיליאן דאלאר אינוועסטירן אין אין נפש? שטעלט איך פאר א ביזנעסמאן וועט אינוועסטירן א האלב מיליאן דאלער אין א ביזנעס וואס איז אויבנאויף איינגאנצן ווערט א נישטיגע הונדערט טויזנט דאלער, אדער איז דער ביזנעסמאן ווייט פון ערפאן, אדער



# הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב...

**שוין יארן וואס כ'האב נישט**
**געדאווענט פאר'ן עמוד**
**צוליב פחד הציבור**

**היינט קען איך דאווענען**
**פארן עמוד ווי גארנישט**

**איך פיל אן הכרת הטוב פאר**

**פראדאקטיוו!!**
**קורס** | א גוטע מאטאוועישאן צו פראדוצירן

**וואס איז געווען דער**
**ריכטיגער שליח ה'**

איך קענט רעדן
צו מיר פערזענליך דורך רופן
**פראדקטיוו אפיס - 845.232.1079**
ווי מ'וועט אייך טרענספערן צו מיר

און איר וועט בעז"ה
קענען טון זאכן
וואס **'איר'** האט
**'מורא'** צו טון!

דאס איז איינס פון הונדערטער לעבן טוישונגען
וואס איר קענט מאכן דורך פראדאקטיוו,
**איבערצייגט אייך אליינס דורכ'ן מיטהאלטן**
**די קומענדיגע קלאס.**

eyecatch | 845.481.0783

מוז זיין אז די ביזנעס איז א רעדע פון מולטי-מיליאן דאלערדיגע רווחים ברענגער.

אלזא, אויב מענטשן לייגן אריין אין מענטשליכע היילונגען מיליאנען דאלארן, קען מען נישט אזוי שנעל אונטערשאצן א מענטש, עס מוז בעל כרחך זיין אז דאס איז א טרילאן דאלערדיגע געשעפט, און אויב אזוי וועלכע מיליאן דאלאר'דיגע געשעפט לייגט נישט אריין אלפים א יאר צו בויען די ביזנעס? פ"וו זאל מען נישט אריינלייגען אין די אייגענע ביזנעס אפאר דאלאר עס צו פארשטארקערן און איבערבויען און זיך ערייכען הויפענעס מיט טולס וואס ווער עס איז נישט דורך די קלאס קען עס נישט קענען, און ווער עס איז יא דורך זאגט ברוך השם הונדערטער מאל.

## והסר ממנו יגון ואנחה:

### מען האט די געצייג אין האנט אקעגן נערוועזקייט

זייער א סאך מאל איז דא אז א מענטש קען פילן נערוועז, זייער א סאך מאל איז דאס אויב עפעס איז נישט ווי פלאנירט, ס'איז אנדערש, ווערט ער געריעגט און נערוועז. און אפטמאל איז עס על לא דבר, ער שטייט אויף צופרי, וואס דארף איך יעצט טון דא ווייטער? וואס דארף איך יעצט דא אויפטון? מען איז מרגיש עפעס אזא מין נישט גוטע פילינג, טיילמאל קען זיין אז די נערוועזקייט דויערט נישט אזוי לאנג, אבער אמאל קען די נישט לאנגע אנגעצויגנקייט אויסזען גאר לענגער, און זאגאר ווערן לאנג, לענגער ווי פארגעשטעלט. און אמאל קען אפילו א קורצע אומגינסטיגע שטימונג זיין גאר שאדנספול פאר'ן מענטש.

אידן וואס זענען דורכגעגאנגען די קלאסן זאגן "והסר ממנו יגון ואנחה" אז ב"ה דער אויבערשטער האט אונז נאכגעגעבן אונזער בקשה און די יגון ואנחה איז פון אונז אראפגעגאנגען, זיי האבן א מהלך צו דעם יגון און צו דעם אנחה, צו די נערוועזיגקייט און צו די קאלמוטנע מצבים, מען קען אביסל מסדר זיין, באלאנסירן, עס שטעלן אין די טרעפ ס'זאל נישט שטערן מיין לעבן.

## ולמלשינים אל תהי תקוה:

### א פראדאקטיוו מיטהאלטער ווערט נישט איבערגעוויזן פון זינלאזע גרינגשעצונג

אז מ'פרעגט אמאל א מענטש וואס איז נאכנישט דא געווען, "וואס זאגסטו צו אזא מין זאך גיין צו א קלאס?" קען זיין דער ענטפער "שטותים מיט די אלע סגולות, והייתם סגולה מכל העמים, סאיז א עם סגולה" ער וועט אפילו צוענדיגן נאך א גאנצע טוץ פון ביטול און גרינגשעצונג "א איד ווערט געבוירן מיט ברכות און לעבט מיט סגולות און ער שטארבט פון קפידות..".

ממילא פאר אזעלכע זאכן איז גילטיג "ולמלשינים אל תהי תקוה", פאר א מענטש וואס רעדט סתם זאכן, אלס פועל יוצא וויבאלד ער איז נאכנישט דא געווען, ער רעדט ווייל ער האט עס נאכנישט געזען, ער האט עס נאכנישט מיטגעהאלטן, איז אל תהי תקוה, עס האט נישט קיין שום האפט, און בויעט זיינע פארלוימדונגען אויף אומבאגרינדעטע גרינגשעצונג. "אויב וואלט ער געטון עפעס א סגולה און ס'האט פאר אים נישט געארבעט קען ער רעדן, אויב אבער ער האט עס נישט געטון דאן רעד נישט!".

און נאכמער, אפילו ס'קען זיין ער האט געטון א געוויסע סגולה און די ספעציפישע סגולה האט נישט געארבעט, האט ער נאך אלס נישט די גרינע ליכט צו זאגן אז די סגולה ארבעט אויך נישט, עס קען זיין אז ער איז גערעכט, אבער ער מוז האבן גענוג שטארקע ראיות אז ס'איז די זעלבע זאך, ווייל אפשר איז עס אן אנדערע זאך, ער קען נישט מאכן אזוי גרינג א גזירה שוה פון איין מעטאד צום צווייטן. ס'איז אויך דא א סגולה אז מען נעמט עסן אין די מויל ווערט מען זאט, קיינער וועט נישט זאגן "אויך מיר א סגולה, שטותים מיט לאקשן, א נארישע סגולה דאס, נעמען עסן און שטילן דערמיט דעם הונגער. גענוי די זעלבע איז ווען מען מאכט אוועק דורך איין זאך, פיל אנדערע און פארשידנארטיגע זאכן.

## על הצדיקים ועל החסידים:

### מען פילט א נאנטקייט צו מענטשן
### און מען איז יעדן מחשיב

ווען מען קומט צו די קלאס האט מען די ריכטיגע בליק און די וועג ווי אזוי מען קוקט אן ערליכע אידן, ווי אזוי מען קוקט אן אנדערע אידן בכלל, נישט נאר גאר ערליכע אידן. ווען מען גייט דורך די קלאס, איז עס אן אנדערע וועג, א אנדערע בליק וויאזוי מען קוקט אין אלגעמיין אויף אנדערע. מען קוקט אן א מענטש מיט א חשיבות, מען קוקט אן א מענטש מיט א כבוד, און ממילא פילט מען אנדערש, ווייל אויב קוקט מען אן א מענטש מיט ביטול טראכט מען אז אנדערע מענטשן קוקן מיר אויך אן מיט ביטול, דעריבער איז זייער שווער זיך צו דרייען דא אויף דער וועלט, ווייל "יעדער קוקט מיר אן מיט ביטול".

יעדער פארשטייט אז די לעבן פון איינעם וואס דרייט זיך צווישן שלעכטע מענטשן איז א שלעכטע, און צווישן גוטע איז א גוטע, דא אין די קלאס ווערט מען געוואויר, אז עס איז ממש א בחירה צו לעבן א גוט לעבן אדער פארקערט דורך דעם פרט אליין, די שאלה שטעלט זיך, וויאזוי קוקסטו אן אנדערע מענטשן, זיי ווילן דיך באגנב'נען ח"ו? זיי זענען שלעכט ח"ו? און לויט דעם איז אסאך תלוי די געשמאקייט אויף די וועלט.

די אידן וואס זענען דורכגעגאנגען די קלאסן זאגן "על הצדיקים ועל החסידים ועל זקני שארית עמך בית ישראל", מען האט אנגעהויבן צו שעצן אנדערע מענטשן, אנגעהויבן צו האלטן אנדערע מענטשן פאר חשוב און פון דעם אליין פילט מען דא באמת געשמאקער, און אפגערעדט אז די שנאת חנם פארוואס די בית המקדש איז חרוב געווארן, איז ביי אים ב"ה נישט איינגעענט.

# אן אויסוואהל

איר קענט אויסוועלן איין סעריע פון די **שיעורי אב"ד שאץ** שליט"א,
אין זיך משלים זיין אין די ספעציפישע נושא

הערט די הקדמה
פון די שיעורים אויף:
**718-887-9311** #1-7

### ולירושלים עירך ברחמים תשוב:

**מיט אהבת חינם איז מען מקרב די גאולה**

ווען א מענטש פילט א נאנטקייט צו אן אנדערן מענטש, ער זוכט צו האבן א גוטן קשר מיט אנדערע מענטשן, דורכדעם העלפט ער אז ס'זאל זיין "ולירושלים עירך ברחמים תשוב".

די סיבה וועגן וואס די לעצטע בית המקדש איז חרוב געווארן איז, צוליב די ביטערע עבירה פון "שנאת חנם", און ליידער ועדיין השטן מרקד בינינו, איינע פון די סיבות צוליב וואס אונז זעמיר נאך עד היום הזה אין גלות, און אז מען קען ארבעטן אויף דעם צו פארגרינגערן די פיין פון משיח, וואס דאס קען מען אפילו משיח איז נאכנישט דא, איז, אז מען טוט וואס מען דארף צו טון, צו אוועקנעמען די סיבה פארוואס די בית המקדש איז חרוב געווארן, און דאן פארגרינגערט מען די צער פון משיח, און אוודאי טוט מען דערנענטערן די טאג פון משיח, און עס ווערט בעז"ה פארווירקליכט דער "ולירושלים עירך ברחמים תשוב".

### את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח:

**דורך פראדאקטיוו זעט מען די ישועה**
**פאר די אויגן מיט אמונה שלימה**

"את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח וקרנו תרום בישועתך", דערנאך ענדיגט מען סמוך לחתימה "ומצפים לישועה" איינע פון די גרעסטע זאכן וואס געשעען אין דעם קלאס איז אז "ומצפים לישועה", די וועג ווי אזוי מען קוקט ארויס אויף א ישועה ווערט אזוי שטארק אז די מענטש זעט די ישועה לעבעדיג, ער ווערט א מצפה לישועה, ער פילט די ישועה, ער פילט זיך רואיג אדאנק דעם.

### אב הרחמן שמע קולינו:

**אלע חברים פון די קלאס בעטן איינער פאר'ן צווייטן**

ווען א פראדאקטיוו באטייליגטער איז מתפלל "שמע קולינו חוס ורחם עלינו", האט ער צוגלייך אינזין אז די אלע אידן וואס זענען דורך אין די קלאסן זאלן ווייטער מצליח זיין און ווייטער שטייגן, און אז די אידן וואס זענען נאכנישט אנגעקומען הונדערט פראצענטיג זאלן אויך שטייגן מעלה מעלה. און אויב דער אויבערשטער וויל אז זיי זאלן שטייגן דורך דורכגיין די קלאסן, זאלן זיי גרינג אנקומען, ס'זאל נישט זיין פאר זיי אזוי שווער, זיי זאלן קענען דורכברעכן אלע שוועריגקייטן וואס איז אויסגעשפרייט לכל אורך הדרך ביז מען קומט אן.

עס איז אין ארט צו רעדן פון איינע פון די שטיינער וואס ליגן באורך הדרך. 'די בני בית דארף מסכים זיין', איך זאג נישט, ס'איז צען נעכט, און זי איז בארעכטיגט צו זאגן אז ס'איז מיר זייער שווער אז זאלסט זיין אפוועזנד פון שטוב פאר צען נעכט, איך זאל דארפן צען נעכט אליין קעיר נעמען פון די קינדער. און באמת, מען דארף איר פארשטיין, און מען דארף מודה זיין צו דעם אז ס'איז באמת באמת זייער שווער, אבער, די אויסטויש וואס מען באקומט פאר דעם, אז די איבריגע טויזענטער נעכט גייט מען בעזר השם לעבן בעסער מיט די טולס וואס מען האט דא איינגעקויפט, און דאס טאקע דייקא נוצן לגבי די קינדער און פאר די בני בית, דאן לוינט זיך די גאנצע געשעפט.

און עס איז גוט קלארצושטעלן אן ענין וואס איז נוגע לגבי די ב"ב. נעמליך אז איינער קומט זאגן אז ער וויל גיין צו די קלאסן נאר פאר די ביזנעס חלק, זיך צו מאכן בעסער אין ביזנעס אנגעלעגנהייטן, צי לגבי וואס מען ארבעט דא אויס די חלקים ווי אזוי מען קען בעסער מאכן א ביזנעס, צי אין פאנדרעיזן, צי זיך אויסלערנען ערפארונג אין סעילסען וכדומה אזעלכע ענינים, דאן וועט עס זיין זייער שווער פאר די בני בית מסכים צו זיין ער זאל קומען, פארוואס? ווייל ער מיינט נאר זיך און זיין ביזנעס! אבער, אויב מען איז גרייט צו קומען דא אויך פארן צוועק מען זאל גרינגער העלפן אין שטוב, און צו בעסערן די באציאונגען אין שטוב, דאן וועט זיין בני בית מסכים זיין בעז"ה.

נישט נאר אז ער וויל זיך 'בעסערן' נאר אין פעלער א מאן איז גאר גוט אין שטוב, קען אסאך מאל די ב"ב ראגירן אויפ'ן מאנ'ס בקשה צו גיין צו די קלאסן "ניין ניין, דו ביסט גוט דו דארפסט נישט גיין דו ביסט גוט", זי שפארט אפילו נישט א קאמפלימענט, און מ'דארף זיך באדאנקען פארן קאמפלימענט, וואס איז ארויסגעקומען אזוי שיין אויף דעם אופן, אבער די שטארקע ווילן, און בקשה פון "שמע קולינו" איך וויל בעסער ווערן אזוי ווי איך בעט דעם אייבערשטען יעדן טאג זאל מיר בעסער מאכן, וועט עפענען די טויער.

"יא גערעכט, איך בין טאקע זייער זייער גוט, און איך וויל ווערן נאך בעסער" דאס איז די ריכטיגסטע ענטפער פאר אזא באהויפטונג, יעדע בלאקידזש האט אן אנבלאקידזש, און ווען איינער וויל קומט ער אן, דאס האט די פאקט געוויזן, און פאל אויב נישט קען מען מיר רופן פערזענליך.

### ותפלתם מהרה באהבה תקבל ברצון:

**מען דאווענט בכוונה, און אויך פאר'ן עמוד אן בושה**

תפלה איז פון די דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהם. ב"ה די פראדאקטיוו קלאסן טוען אריינגעבן אין די מיטהאלטער די ריכטיגע און מיושב'דיגע בליק אויף עבודת התפלה.

איך וועל פארציילן א געשפרעך וואס איך האב געהאט מיט א ביזנעסמאן וואס האט זיך געוואלט איינשרייבן אין די קלאסן.

מענין לענין אז מ'רעדט פון ביזנעסלייט וואס האלטן מיט די פראדאקטיוו קלאסן איז אינטערעסאנט אויסצוקלארן עפעס וואס מענטשן האלטן אין איין פרעגן "ווער קומט דא, ביזנעסלייט? כולל יונגעלייט? מלמדים? פאר וועלכע סארט מענטשן זענען די קלאסן צוגעפאסט?". די ריכטיגע תירוץ פאר דעם איז "אלע" און טאקע דאס איז פון די הויפט שליסלען צו דער הצלחה וואס באגלייט די קלאסן. עס שרייבן זיך דא איין אלע סארטן מענטשן,

# Life Coach Service




<u>אויף אייער פארלאנג:</u>

באקומט א **פריוואטער 'קאוטשער'**
ווען איר ענדיגט די קלאסן, וואס זאל זיכער מאכן
אז איר **ניצט** די **ריכטיגע טולס**
אנצוקומען בע"ה צו אייער **געוואונטשענע ציל!**

פון אלע קאטעגאריעס און טיפן, יעדער טרעפט זיך דא דער פלאץ וואו צו שטייגן אין פולע ענינים.

ווידער פרעגט מען מיך צומאל "פארוואס קען פראדאקטיוו נישט מאכן איין קלאס פאר ביזנעסלייט, איין קלאס פאר כולל יונגעלייט וכו' וכו', פארוואס ווערט די קלאס צונויפגעשטעלט פון אלע גאטונגען אין איין קלאס?" די תירוץ איז זייער איינפאך און פארשטענדליך, ווייל יעדער מענטש האנדלט כסדר מיט אלע סארטן מענטשן, דער מלמד קומט אפטמאל אויס צו רעדן צום ביזנעסמאן, און דער כולל יונגערמאן צום מלמד און דער ביזנעסמאן צום קאסטומער וואס איז צומאל א שוואכערע מיטאליטעט וואו ער, דער בעסטער ביזנעסמאן זענען זיינע קינדער וואס ער ציעט אויף נישט אזוי געלונגען וואו ער, וכהנה וכהנה. אז מען באקומט דא די ריכטיגע סקילס וויאזוי באנעמונגען מיט די מענטשהייט זאל זיין מיט די ריכטיגע באציאונגען בדרכי נועם ואהבה, דאן אדרבה, ווי מער סארטן מענטשן עס האלטן דאס מיט, זענען די שאנסן פיל מער מיט א גאראנטיע אז דא וועט מען שטייגן אין קומען אין נארמאלע בארירונג מיט אלע סארטן מענטשן וואס מ'האט געווענליך א שייכות.

ונחזור לעניננו איבער דעם געשפרעך וואס איך האב געהאט מיט א ביזנעסמאן וואס האט געוואלט קומען צו די שיעורים, ער איז געווען גרייט צו צאלן די 2.000 אבער ער האט מיר געפרעגט "וואס קען איך דא אויפטון?" פרעג איך אים "ר' חשוב'ער ביזנעסמאן, אויב איך מעג אייך פרעגן, דאס דאווענען האט איר אינזין?" זאגט ער "יא! ביי ברוך עלינו, האב איך אינזין וויאזוי ס'גייט מיר גיין היינט די גאנצע ביזנעס, דעריבער האב איך עפעס אינזין, און פון ברוך עלינו און ווייטער בלייבט איך שוין אזוי סטאק מיט די גאנצע ביזנעס, בקיצור דאס גאנצע דאווענען באשטייט פון ברך עלינו".

פרעג איך אים "וואלסטו געקענט באשטיין צו דאווענען אביסל בעסער?" זאגט ער "זיכער, דו מאכסט דאס אויך דא?" זאג איך אים "אפיציעל וויל איך נישט צונעמען וואס די רבנים און בעלי דרשנים דארפן טון, אבער דאס מציאות באווייזט אז ווען אידן גייען דורך דא אין דעם קלאס פאנגען זיי אן אינזין צו האבן די דאווענען"

און דאס איז דער ריינע אמת רבותי! ס'איז דא אידן וואס זענען געווען ביי די קלאסן, און מען קען זיי פרעגן וועגן די דראסטישע שינויים לטובה עס איז דא ביי זיי ביים אינזין האבן דעם דאווענען, פון זינט מען איז דורכגעגאנגען דעם קלאס. נישט בלויז די כוונה ביים דאווענען, נאר כוונה ווען אימער מען איז עומד לפני ה', צי ס'איז פסח, צי ס'איז יו"ט, וכו' וכו', עס איז דא אין דעם ענין מורא'דיגע טוישונגען, פארשטייט זיך יעדער לויט זיין דרגא, פארוואס? ווייל ער האט באקומען דעם טול וויאזוי מען ברענגט אריין דעם קאפ אינעם דאווענען, ער איז א שטערקערער מענטש, און ער ווייסט וואס ער האט צו טון.

און עס איז איבריג צו ערווענען אז אינזין צו האבן די דאווענען ביים עמוד איז פילפאכיג שווערער ווי אין אלגעמיין, מען האט דעם אייגנארטיגן אימתא דציבורא, און פון די קלאסן ווערט פראדוצירט געוואלדיגע ענינים אין דעם הינזיכט נישט נאר אז אידן וואס האבן נישט געקענט דאווענען פארן עמוד קענען יעצט יא, נאר עס איז דא אזא דערהער ביי די קלאסן מיטהאלטער אז מ'קען אזוי רואיג צוגיין דאווענען ביים עמוד, אז מ'קען אפילו אינזין האבן די דאווענען ביים עמוד. און דאס איז " ואשי ישראל ותפלתם מהרה באהבה תקבל ברצון ותהי לרצון תמיד עבודת ישראל עמך", אז מען זאל קענען ריכטיג דאווענען פאר'ן אויבערשטן און ווירקליך זיין דער שליח ציבור דאס ארויפצוטראגן לשמי מעל.

***ועל כולם יתברך ויתרומם ויתנשא:***

## מען שטייגט העכער און העכער

אונז זעמיר מתפלל "ועל כולם יתברך ויתרומם ויתנשא" אונז דאנקען דעם אייבערשטן פאר די טעגליכע ענדערונגען וואס גייט אן ווייטער און ווייטער בלי הפסק, און עס ווערט נתרומם ומתנשא די כבוד פונעם אייבערשטען דורך די אלע תיקונים און שינויים וואס די מענטשן מאכן אין אלע ענינים. אנשטאט ס'זאל ווערן ווייניגער, ווערט עס בלויז שטערקער און שענער, און יעדער געניסט ב"ה פון דעם, אנו וזרעינו, די ב"ב און אלע ארומיגע, די ארומיגע זאגען ברוך שככה בעולמו.

***שים שלום טובה וברכה וכו':***

## אלע ברכות און וואונטשן זענען
## חל על אלו המשתתפים

ואחרון אחרון חביב, ווען מען פירט אויס דעם ברכה של הקב"ה שלום, וואס האט אזא שיינעם צאמשטעל מיט דער פריערדיגער ברכה, שים שלום טובה וברכה, מען פאנגט אן צו האבן אן אנדערן צוגאנג צו מענטשן, און ווי אזוי צו קענען זיין בשלום אפילו מיט מענטשן וואס זענען אויבנאויף בעלי מחלוקת, נאכמער, איך ווייס אז ער איז באמת א בעל המחלוקת, אבער, "נישט מיט מיר!", מיט מיר קען מען זיך נישט קריגן, זוך א צווייטן.

דערנאך ווערן שיין פארווירקליכט דער "טובה וברכה חיים חן וחסד", איך הער נאך כסדר גאר גוטע און פאזיטיווע נאכגריסן פון מענטשן וואס באמערקן אויף מענטשן אז זיי זענען געווען ביי די שיעורים, די אויסדרוקן וואס זיי ברענגען ארויס איז געוואלדיג, צום ביישפיל: "איך האב געזען עפעס א טשעינדזש אויף אים, ער לערנט אנדערש, מער געשמאקער", ער זעהט אויס אסאך בעסער, ער טוט מער טובות ווען ער קען, דאס איז "חיים ח"ן וחסד", די חן, די נשיאת חן וואס מען באקומט ביי די חברים, בעיני אלקים ואדם, די געשמאקקייט וואס חברים האבן ליב צו רעדן מיט אים, איז אין לתאר.

און דאס מוז מען קלאר אנדייטן, אז די בעסטע פארדינסט וואס מען האט פון די שיעורים איז אז מען ווערט געטשעינדזשט, יא, מען איז אנדערש ווי פארדעם, דאס איז דער שענסטער


די 2 סתירה'דיגע כוחות
שטייפקייט
1) וויאזוי קען מען האבן מער דערפון?
2) וואו דארף מען עס נוצן?
3) וויאזוי פארווייכט מען ווען מען דארף עס נישט?
ווייכקייט
1) וויאזוי קען מען ווערן ווייכער?
2) וואו דארף מען זיין ווייך?
3) וויאזוי ווערט פון צו ווייך, שטייפער?
אדורך גיין א קורס, לערנט די
באלאנסירונג
שטייפקייט
ווייכקייט
ניצט אביסל ווייעכע שטייפקייט
זיך איינצושרייבן אין קומענדיגע קלאס

מעדאל וואס מען קען צוצייכענען פאר איינעם, אז ער האט זיך ב"ה געענדערט לטובה אין פארשידענע הינזיכטן.

דאס איז א שטיקל אפהאלט פון מענטשן צו קומען צו די קלאסן "איך האב מורא איך וועל מיך טשעינזשען, ווי אזוי גייען מענטשן מיך אנקוקן" "רבותי מ'זעט אויס גוט!", און בעסער פון גוט, אלע מענטשן וואס האבן זיך געטשעינדזש באקומען שעצונג אין זייערע חברים'ס אויגן עפעס מורא'דיג, ס'איז דאן א מחיה און א פארגעניגן מיט דיר צו שאפן באציאונגען און פארהאנדלען אינאיינעם.

פאר מען ענדיגט צו די לעצטע ברכה זאגט מען "רחמים וחיים ושלום וכל טוב, זאל דער איבערשטער העלפן פאר די אלע אידן "כל טוב" און אלעס וואס אידישע קינדער באגערן, בכל עת ובכל שעה בשלומך ברוב עוז ושלום, אמן.

### די הויפט יסודות פון "פראדאקטיוו קורס"

אונז זעמיר דא דורכגעגאנגען די זאכן וואס מען טוט אויף לויט די יסודות וואס מען לערנט דא אויס. די יסודות זענען בעיקר פיר הויפט יסודות, אין קורצן זענען זיי ווי פאלגנד. "קאנפידענס", א מענטש זאל זיין שטערקער ביי זיך. "רואיגקייט", דער מענטש זאל זיין רואיגער אין אלע אומשטענדן. "קאמיוניקעיטן" האבן ריכטיגע קאמיוניקעישן מיט די שווערסטע מענטשן. און "מאטיוועישן" צו האבן א חשק און דראנג צו אנגיין אפילו ס'איז דא שווערע ארבעט, אנגיין מיט דער ארבעט און בעיקר אויפטון. די פיר יסודות ווערן דא געלערנט די חלק הידיעות דערפון, און פראקטיצירט אויף למעשה, צוזאמען מיט ספעציעלע מעטאדן וואס מ'מאכט דא עס ארייננצוברענגען אינעם מענטש. און יעצט וועל מיר זיך אביסל באציען אויף שאלות וואס דער עולם פרעגט;

### שאלה: ווי לאנג האלט דער טויש?

ס'איז דא צוויי סארטן טשעינדזשעס וואס מענטשן קענען זיך טוישן. נומער איינס איז א שלעכטע געוואוינהייט, ס'איז אים איינגעווארצלט א געוויסע בלאקידזש, לאמיר זאגן א בלאקידזש פון דאווענען פאר'ן עמוד, לאמיר זאגן איינער האט א בלאקידזש אז ער איז א שווערער מענטש, און ס'איז גע'עפענט געווארן, פאר ווי לאנג איז עס? ס'איז דא ביי וועם ביז ווילאנג ער מאכט עס צו, ווידעראום זענען דא אנדערע וואס שטייגן מיט די ענדערונגען מוסיף והולך און זיי בלייבן דערמיט אויף שטענדיג. אזוי ווי ווען איינער איז א קרבן פון אן אראפגעפאלענע בוים ווען ס'איז געווען א האריקעין און ער בלייבט סטאק אונטער דעם פאר 12 שעה, קומט א טרעקטאר און נעמט אוועק די בוים, ער ווערט באפרייט, פאר ווי לאנג איז ער באפרייט, ביז ווען עס פאלט אראפ נאך א בוים, ווען עס קומט א פרישע האריקעין, אויב אבער ער ווערט זיך אכטונג געבן נארמאלערהייט פאלט נישט אראפ אויף אים נאך א בוים, אראפגענומען איז אראפגענומען.

ביי אונז ב"ה אז מען ברעכט דורך א בלאקידזש איז בדרך הטבע נארמאלערהייט דאס פאר אייביג, אפילו ער וועט נאכאמאל זיין אין אזא מצב, איז ער אינדערויסען ער האט שוין די וועג, וויזאוי אדורך צו ברעכן איינמאל קען ער עס טון נאכאמאל.

נומער צוויי, איז דא אנדערע מיני זאכן, נישט בלאקידזשעס, נאר זאכן וואס מען וויל שטארק זיך בעסערן אין דעם הינזיכט, נישט אז ער האט א שווערע געוואוינהייט, נאר אין זיינע גוטע חלקים וויל ער שטייגן און זיין נאך בעסער און געלונגענער, פלייסיגער ווערן, מער אויפשטיין אין צייט, עס האט נישט מיט בלאקידזשעס צו טון, עס האט מיט ארויפגיין, און דארטן ווענדט זיך זיין הצלחה ווי ווייט ער פראסעסט עס. מען געבט פאר דעם טולס אז עס זאל זיין גרינגער אבער מען האט נאך אלץ א בחירה צו יא נוצן די טולס צו נישט.

און ראה ראיתי ביים נאכפאלגן די באטייליגטע פון די קלאסן אז ביי די סארט טוישונגען איז זיין הצלחה און עליה מער וויניגער געוואנדן אין די רעאקציע וואס די בני בית האט צו די גאנצע טשעינדזש.

און דא גילט דער ווערטל וואס צורקולירט אין ענגליש: “behind every successful man there is a great Woman” (הינטער יעדן סוקסעספולן מאן, שטעקט א געלונגענע פרוי....). איך האב עס היינט געזען און זיך איבערציגט ווען איך בין געשטאנען ביי א דאקטאר'ס אפיס. און געווארט ארייינצוגיין צו אן אפוינטמענט, עס איז געווען א גאנצער עולם אין ווארט צימער, די ליניע האט זיך נישט גערירט, דער דאקטער וואס איז אינדערויסען צו מנחה זייט 1:40 האט געזאלט צוריקקומען אום 2:00, דער עולם ווארט פינף מינוט, צען מינוט, צוואנציג מינוט, דער זייגער ווייזט שוין אויף 2:25, 2:30, עס האלט שוין ביי א האלבע שעה שפעטיגונג און איך גיי ארויס זעה איך ער זיצט נאך אין קאר אינדרויסן פון אפיס, עס ווערט שוין 2:35 און ער איז נאך אלס אין קאר, 2:40 זע איך ווי די דר.'ס ווייב - וואס ארבעט אויך אין דעם אפיס - רופט אים אריין ער זאל שוין קומען. איך האב מיר דערמאנט פון דער יסוד, אז סוקסעספולקייט איז מורא'דיג שטארק געוואנדן אין חיזוק און ענערגיע וואס די בני בית שענקט.

### שאלה: דארף מיין בני בית אויך גיין?

עס איז אויסגעקומען די לעצטע איינס און א האלב יאר אז מען האט געמאכט די קלאסן בלויז פאר מענער, באגרינדעט אויף דער יסוד אז ווען דער מאן שטעלט זיך ריכטיג אוועק אין שטוב, טוישט ער זיין גאנץ שטוב, און עס פארמירט זיך אן אויטאמאטישער ישועה פאר אנדערע.

עס האבן זיך אמאל אראפגעזעצט א קאמיטע מיט'ן פשעווארסקער רבי זי"ע ר' יענקעלע, ס'איז געווען גראדע א שלום בית קאמיטע, און מען האט אויסגעשמועסט דארטן וויפיל קעיסעס עס זענען דערין שולדיג דער מאן, און וויפיל דערפון די פרוי, איז מען צוגעקומען צו אן החלטה אז 80 פראצענט דערפון זענען די מענער שולדיג. האט זיך ר' יענקעלע - וואס איז געזיצן א גאנצן צייט אזוי שטיל - זיך אנגערופן "איר זאגט 80 פראצענט, יעך זאג הונדערט פראצענט...". עס מיינט צו זאגן אז א פרוי איז ווי א שפיגעל, אויב ער טוישט זיך, איז אויטאמאטיש כמים פנים אל פנים זי טוישט זיך אויך.

אבער למעשה איז דאס נישט אייביג אזוי, עס איז אויך



בס"ד
אינוועסטירט אינעם זונטאג
און שניידט די פירות די גאנצע וואך!
צוליב די נאכפראגע
פון די וואס צוליב זייער סדר היום
איז אומעגליך מיטצוהאלטען
ביינאכט קלאסן;
שטעלט פראדאקטיוו צו
ספעציעלע קלאסן וואס קומט
פאר במשך פון:
5 Full Sundays
די קלאסן קומען פאר בע"ה איבערן טאג במשך 5 גאנצע זונטאג'ס
אנדערש ווי די געווענליכע קלאסן וואס קומען פאר במשך פון 10 נעכט
'פראדאקטיוו' איז די פלאץ וואו מען מאכט טוישונגען צו א בעסערע מהלך החיים

אסאך געוואונדן אין דער פרוי זעלבסט, און דעריבער איז יא וויכטיג זי זאל אויך אנטיילנעמען אין די קלאסן, און פאל ז' איז נישט געבויעט.

אונז האמיר א שטיקל כח ווען מען גייט דורך די קלאס זיך צו קענען טוישן, און צוגאב ווען מיר טוישן זיך וועט עס משפיע זיין אינסטיקנט אויף די ארומיגע כמים פנים אל פנים. אבער למעשה אז די בני בית זאל זיך אויך טוישן, דאס איז זייער שווער, ס'נעמט לאנג, און אויף דעם דארף מען אסאך חיזוק, ווייל ווילאנג זי טוישט זיך באקומט מען נישט פון איר די אויבעדערמאנטע קוראדזש, און וויבאלד די בני בית קען מען נישט מחנך זיין, קינדער טאקע יא, אבער אויך נאר ביז א געוויסע יארגאנג ווען דו קענסט זיי נאך טוישן, דערנאך קענסטו זיי בלויז העלפן אויב זיי בעטן דיר הילף, דו קענסט אים דעמאלטס העלפן בלויז אויב 'זיי' קומען צו דיר בעטן אן עצה " וואס טו איך טאטי מיין חבר טשעפעט מיך?", אבער אים טוישן ווערט זייער שווער, מען מוז שוין האבן א פראפעסיאנאל פאר דעם, מען קען ארבעטן אז מען זאל נישט ערגער מאכן, מען קען מער ארבעטן אויף זיך צו בארואיגן, דאס קען מען אלעמאל טון.

און וועגן דעם איז שטארק די וויכטיגקייט פון נישט צו פארפאסן די חינוך יארן, דאס נעמט אריין פון די 5-6 ביז די 13 יארן, דעמאלטס איז די רייפסטע צייט וויאזוי אויסצושטעלן דעם קינד, און אים טוישן לויט די ריכטיגע רעלסן.

איך זאג ענק, די חילוק וואס איך זע מיט די קינדער וואס מ'פאנגט אן צו נוצן די טולס ווען זיי זענען שוין אריבער די עידזש פון 15, און מיט די קינדער יונגער, דערקענט זיך שטארק, דעריבער ווער ס'קומט פריער, דער קען אנהייבן מיט זיינע קינדער גלייך גוט, זאל זיין אפילו פון בעטל ארויס, אויב מען הייבט אן גלייך ריכטיג צו נוצן די טולס, וועט ער סאך בעסער אנקומען.

דאס אלעס איז ביי קינדער, אבער נחזור לענינינו ווי ערוועהנט, די וויב אבער, איז נישט א קינד, קענסט נישט איבערדרייען, וואס זי איז שוין לאנג אריבער דעם טוישן יארגאנג, ממילא איז נאר א שאלה וויפיל דו קענסט טון אינעם ענין פון אויסהאלטען און אנצוועמען מצבים, ביז ווען זיך טוישט דורך כמים פנים אל פנים, דאס קענסטו יא, דארפסט אבער האבן זייער א שטארקע כח.

דערפאר איז ב"ה געקומען די גוטע נייעס אז ב"ה אז עס איז דא היינט קלאסן פאר פרויען אין מאנסי, און אין קרית יואל, און אין ברוקלין דורך ספעציעלע טרענירטע מדריכות.

יעצט, צי איך זאל זאגן אז מען זאל אויך שיקן די פרויען, ניין, איך וועל זיך זייער פרייען אויב 'דו' האסט געטוישט דיין וויב, דורך דעם וואס די האסט דיך געטוישט, און איז עס געוואנדן אין דעם. אויב די פרוי איז נעגאטיוו, וואס דאס מיינט אז מען זוכט די חסרונות פון יעדע זאך, זי פילט זייער נעגאטיוו אויף זאכן, ספעציעל אויף מענטשן אדער אויף די קינדער, און אוודאי אויב זי איז נעגעטיוו אויף דיך אליין, צו אויף זיך אליין, זי שאצט זיך פערזענליך אונטער לגבי איר ארבעט.

דאס ארויסצונעמען אליין איז זייער שווער, מען קען עס אפשר ארויסנעמען דורך פארשטערקערן די קאמוניקאציע צווישן אים מיט איר אויף א פאזיטיוון וועג, און דאן וועט ארויסקומען פאזיטיווע רעזולטאטן אויף צוריק. דאס איז לגבי דעם מאן און דער פרוי. און דאס וועט האבן א השפעה אז די קאנטאקט פון די פרוי/מאמע צו די קינדער זאל אויך ווערן א פאזעטיווע, אדער זאל דער טאטע גאר פאזיטיוו קאמיוניקירן מיט די קינדער, דאן קען דאס ברענגען שיינע פירות אז די מאמע זאל ווערן אויך פאזיטיוו, און עס ווערט געגרינדעט פאזיטיווע קאנטאקטן, און פארשטייט זיך צו קענען די אלע זאכן אויספירן למעשה איז דאך דער מאן שוין געקומען אין די קלאסן, אבער ס'איז ראטזאם זי זאל יא קומען צו די פרויען קלאסן, וואו מען וועט עס ארויסצונעמען פון איר בעז"ה.

ביי די פרויען קומען אויך מיט מערערע ספיקות און געוויסע פראגעס איידער מען באשליסט צו קומען. צום ערשט "וואס הייסט, מיט וועם גיי איך גיין ווער וועט זיין מיין קאמפאני?". דער בעסטער אפשלאג פאר דעם איז "ווען דו גייסט גיין צו די קלאסן גייסטו מער נישט האבן אזעלכע פראבלעמען, דו וועסט קענען האבן קאמפאני ווען אימער, און וואו אימער, נאכ'ן דורכגיין די קלאסן וועסטו שוין פון זיך אליינס פארציכטן אויף די פאנטאנזיע פון פארמאגן קאמפאני ביי יעדע ארויסגיין פון שטוב"

און געווענליך איז די שטער ביי א פרוי צו קומען צוליב בושה פון אנדערע מענטשן, און דאס איז באמת ביי יעדן פארוואס מען האלט זיך בעיקר אפ פון צו קומען צו די קלאס, " איך שעם מיר", אויב שעמען, לאמיר אביסל אנאלאיזירן שעמען, ס'איז דא פארשידענע סארטן שעמען, איין סארט הייסט "בושת של גאוה", ווידער איז דא א נישט גוטע בושה וואס האלט אפ מענטשן פון טון גוטע זאכן, לאמיר זאגן אז יענער וואלט געוואלט זיין שטארק און האבן למשל א כשר'ע טעלעפאן, אירע חבר'טעס האבן שוין (לײדער) א סמארט פאון, אויב אבער האט מען בושה וואס געשעט?, קויפט מען א סמארט פאון. פרעגט זיך די פראגע, דאס איז קאנפידענס?! דאס צייגט אז מען איז שטארק?!

די מדת הבושה ביי א פרוי איז כל כבודה בת מלך פנימה, דאס איז א גוטע סימן וואס א פרוי דארף האבן בושה אין זיך, וועט מען פרעגן "וואס? מען גייט מאכן קלאסן אוועקנעמען די בושה? די בושה פון כל כבודה בת מלך פנימה?" ניין! אונז נעם מיר נישט אוועק די בושה, אונז לייג מיר די בושה אין די ריכטיגע ארט, מען זאל זיך 'שעמען' צו האבן דעם סמארט פאון, און מען זאל זיך 'שעמען' צו גיין ווייניגער אנגעטון ווי דו דארפסט גיין לויט דיין דרגא, וכדומה.

די סך הכל איז איינמאל מען דארף צוקומען צו ערנסטע טשעינדזשעס, דארף מען דורכגיין עקסערסייז אין די קלאסן, מען דארף דורכגיין די ידיעות און פראטיצירונגען, למחצה לשליש ולרביע, און מען קען ערווארטן עס וועט זיך דראסטיש ענדערן מקצה אל הקצה נאכ'ן דורכגיין די פראדאקטיוו פרויען קלאסן אי"ה.

**שאלה: איך נעם אן די פראבלעמען וואס דער אייבערשטער האט מיר געשיקט**

שיעורי
# הצלחה בתלמידים
היאך להשקיע עבודה נכונה, שיתאפשר לראות רב נחת בתלמידים

## למגידי שיעורים, מנהלים ומלמדים

בו יתבררו בבהירות יתירה תשעה עשר נושאים
שעי"ז יתאפשר להצליח עם כל אחד מהתלמידים

השיעורים ינתנו ע"י
## הגה"צ אב"ד שאץ מאנסי שליט"א
נשיא ישיבת אור תורה
ביחד עם שאלות ותשובות בכל מקצועות החינוך

**בהמשכת של עשרים שיעורים**

זיכער זאלסטו אנעמען, און דא לערנט מען באמת צו אנעמען שווערע זאכן, אבער למעשה דער אויבערשטער געט פאר דעם מענטש צוויי באזונדערע כוחות, איין כח ער געט די שטופ צו קענען אקצעפטירן און דולדן און סובל זיין שווערע זאכן, שווערע מצבים. ווידעראום געט ער אים אויך א כח און קוראזש צו קענען טוישן זאכן וואס ער דארף טוישן און נישט זאגן אז איך נעם עס אן אין פארטיג. און דער אויבערשטער געט די חכמה די ריכטיגע פארשטאנד אז ער זאל נישט פארטוישן איינס מיט די אנדערע, אז זאכן וואס דו קענסט נישט טוישן, זאלסטו נישט פרובירן צו טוישן, ווייל דאס איז עס, אזא קינד האב איך באקומען, און צו דעם ברויכסטו האבן די כח אנצונעמען און זיך ספראווען דערמיט. און זאכן וואס דו קענסט יא טוישן, טאמער דו ווערסט דארטן זאגן אז אקעי איך נעם עס אן באהבה, ס'איז גוט, ניין ניין, דארט דארף מען דייקא יא טוישן, ווען איינער האט ציין ווייטאג גייט ער צום דענטיסט זאגט ער נישט "איך נעם עס אן", זיי מוחל נעם קעיר פון דיינע ציינער.

אונזער ארבעט איז צו ערקלערן די באהויפטונג איבער נישט צו פארטוישן די צוויי זאכן, נישט איבערדרייען די צוויי זאכן, אז וואס מען קען טוישן, דאס ארבעט, מיט טולס און מעטאדן, און וואס מען קען נישט טוישן, נעם אן. און אויב זעסטו אז די מעטאדן און מהלכים וואס מ'האט דא אויסגעלערנט ארבעט, עס גייט, דאן גיי דערמיט און טו אויף, און אויב דער אייבערשטער ווערט נישט ווילן וועט עס נישט ארבעטען ביי דיר, פונקט וואו דער גרעסטער דר. וואס האט די בעסטע סוקסעס, קען אויך מאכן א נישט געלונגענע אפרעישאן, יא דער אייבערשטער וויל נישט אז מען זאל האבן א גארענטי, פארקערט, זאלסט טון השתדלות און זאלסט מתפלל זיין ולה' הישועה.

**שאלה: לאמיר זאגען אז איך בין געלונגען אין אלעם וואס קען מען האבן פון די קלאס?**

בעז"ה באקומסטו די טולס אוועקצואווארפן אלטע זאכן וואס ליגט אויפ'ן הארץ, שווערע זאכן, דו גייסט פילן א מורא'דיגע שטארקע רעליס אין דיין לעבן, און די גייסט זיין אנגעפילט בלויז מיט כח און קוראזש וואס דער אויבערשטער האט דיר געגעבן, צו קענען דערהייבן אלע שווערע מצבים אינעם עתיד ח"ו. רעליס מיינט א מין רואיגקייט וואס איך קען דיר נישט מסביר זיין, ווען ס'זאל זיין א מעסטער וואס קען אפמעסטן די מין געפיל, די גוטע טעם פון רואיגקייט, פון א טעם פון הנאה, קען איך דיר געבן נומבערס, ווען אפמעסטן וועלכע נומבער דו ביסט יעצט, איך קען דיר זאגן בערך וועלכע נומבער דו גייסט אנקומען דורך די קלאסן, ס'וועט זיין בערך דאפעלט.

א מענטש וואס פילט אזוי ווי דיר, אלעס פארט פיין, ער גייט אדורך די קלאס, ער שטעלט זיך נאכדעם אויף, און ער ברענגט ארויס פאר אלעמען ווי זייט נאכ'ן קלאס פילט ער אנדערש, ער פילט אזוי העפי, אזוי פריליך. דאס הייסט ער האט איינפאך איינגעקויפט א גוט געשעפט.

לדוגמא, אזוי ווי איינער גייט קויפן א טשילאר, איינער גייט קויפן א קויטש, וואס פעלט אים אויס צו קויפן די קויטש, ער וויל זיצן באקוועם, די קויטש קאסט אים $2,000, די טשילאר קאסט אים צוויי טויזנט דאלאר, ער וויל אבער זיצן באקוועם, פאר ווילאנג דער קאוטש וועט זיך האלטן. און פאר נאכמער צייטווייליג איז ווען ער פארט וואקאציע, וויפיל קאסט א וואקאציע, אויך $3,000, פארוואס פארט ער, ער וויל זיין באקוועם, פאר ווילאנג "פאר א וואך צייט". והיינו הך, און פילפאכיג מער, בלויז אריינצוקומען אין די קלאס פאר פלעזשער צו זיין מער באקוועמער אין די לעבן, מער רואיגער, מער בא'טעמ'ט, איז ווערד די געלט אפילו אין פאל פון אזא מצב אזוויי דו, און קיין שום ספעציפישן פראבלעם, איז עס נאכאלץ גאר שטארק ווערד צו זיין מער באקוועם אין די לעבן, טעם וריח קען מען נישט מסביר זיין, איך קען דיר נישט מסביר זיין קיין טעם, טעם איז אינעווייניג.

**עפילאג**

עס איז אן איינמאליגע החלטה אז מ'וויל דורכגיין די קלאס זיך אויפצוארבייטן און זיך צו פארבעסערן, וואס איינמאל דער מענטש איז דאס מחליט און ער רופט אריין אין אפיס און ער גיבט איבער אז ער וויל קומען, וועט ער בעז"ה אנקומען און מצליח זיין "לעבוד את האדמה אשר לקח משם.." וואס דאס איז דער רצון הבורא, אז מ'זאל ארבייטן אויף זיך, און דערנאך הנאה האבן פון די אייגענע נאטירליכע פירות, וואס דארף בטבע וואקסן פון אים, ווען נישט די פארשידענע בלאקידזשעס, וואס האט געשטערט דעם מענטש פון בליען, און אויסוואקסן דעם גרויסן 'פראדאקטיוו בוים'. און כדי זוכה צו זיין צו דעם דארף מען האבן דעם רצון, וואס דעמאלס איז ער בס"ד זוכה צו מסייעין אותו אנציקומען צו דעם געוואלדיגן סוקסעס.

יעצט וועלן מיר האבן די געלעגנהייט צו הערן פון די 'פראדאקטיוו-קלאס-מעמבערס' וואס זיי האבן אויפגעטוהן און פארשידענע ווינקלען פון זייער לעבן...

(דא האבן אויפגעטרעטן קרוב צו צוויי (2) מנינים אינגעלייט, סיי פון די לעצטע קלאס און סיי פון די פריערדיגע קלאסן, און איבערגעגעבן זייערע סוקסעסן, לעבעדיגע עדות וואס זיי האבן אליין געזען 'מבשרי אחזה', וויאזוי זיי האבן געמיינט אמאל אז זיי קענען זיך נישט טוישן, און דורך די וועגן וויאזוי מ'ארבייט אויף זיך האבן זיי געזעהן דראסטישע טוישינגען, און שטייגן העכער למעלה מן המשיעור)

נאכדעם וואס איר זענט שוין יא אנגעקומען צו

## פרותיך מתוקים, צלך נאה, אמת המים עוברת תחתיך...

ווילט איר אוודאי אז...

## ...שכל נטיעות שנוטעים ממך יהיו כמותך

# שבילי החינוך

וועט אייך העלפן
אנקומען דערצו.

שבילי החינוך
מיט די ריכטיגע שביל.
דערגרייכט מען אין ציהל



מיטן אומגיין פארזיכטיג אין דעם ענין פון חינוך האט מען בעסערע מעגליכקייטן אויפצושטעלן א שיינעם דור.

דורך די 20 **שבילי החינוך** שיעורים וואס דער שאצער רב שליט"א שטעלט אייך צו, צוזאמען מיט די הונדערטער תשובות אויף די שאלות פון מיטהאלטער'ס, וועט איר האבן די חינוך פאך אין די האנט.





בס"ד
ווי זעהט מען די הייליגע ווערטער
פינעם "חובת הלבבות"
אינעם היינטיגן לעבן ?
איבערצוהערן די
"הקדמה שיעור"
וואס איז געווען
דינסטאג פ' תולדות
951-262-3674
און דריקט #21
מאכט קלאר אייער טאג טעגליכן לעבן
דורך מיטהאלטן די וואונדערליכע
שיעורי תכלית החיים
סעריע - א'
אויסגערבעט
פון ספה"ק
חובת הלבבות
שער הביטחון
וואס ווערט איבערגעגעבן דורכ'ן בארימטן בעל משפיע פמ"מ
הגה"צ אב"ד שאץ שליט"א
אין א סעריע פון 20 שיעורים - במשך'ן ווינטער - יעדע וואך
דורך א לייוו טעלעפאן קאנפערענס
גאייגנט סיי פאר'ן מאן סיי פאר די בני בית
תכלית החיים
אנצוקומען צום ריכטיגן ציהל און לעבן!




בנושא: **סעלפישקייט, קאנפידענס, סעלף עסטים, ענקזייעטי, פאוביעס, דיפרעשען, אוי-סי-די, ועוד**

ב"ה

# די 25 קנעפלעך צו הצלחה

וואס מען לערנט זיך ביי

פראדאקטיוו קורס

א גוטע מאטאוועישאן צו פראדוצירן

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1 | 2 | 3 | 4 | 5 |
| 6 | 7 | 8 | 9 | 10 |
| 11 | 12 | 13 | 14 | 15 |
| 16 | 17 | 18 | 19 | 20 |
| 21 | 22 | 23 | 24 | 25 |

אז מ'האט ציטריט צו די קנעפלעך
עפענען זיך טויערן פון הצלחה!

# שלום בית

## און די קינדער הארכן!

איך בין שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר

**פראדאקטייוו!!! קורס** | א גוטע מאטאוועישאן צו פראדוצירן

זייט מיין מאן איז געגאנגען צו די שיעורים פון

די קורס האט מיר געלערנט געזונטע קאמיוניקאציע, וואס דאס האט געפירט צו א רייע הצלחת אין מיין לעבן:

- א אנגענעמער שלום בית
- חינוך מיט רעזולטאטן
- פראדעקטיוועטי ביים ארבעט

איז ער א נייער מענטש ממש נישט צום דערקענען!



איר קענט רעדן צו מיר פערזענליך דורך רופן פראדאקטיוו אפיס - 845.232.1079 ווי מ'וועט אייך טרענספערן צו מיר

# איך אייער
# פארענטפ



## אלו שואלים לאלו...

**הונדערטער אידן רופן** און **פרעגן שאלות,**
און **הערן ענטפערס** באגלייט מיט **לעבעדיגע**
**עקספיריענס** פון **געוועזענע קלאס מעמבערס**

**צו הערן די ריפלעי פון די**
**"לייוו-קאנפרענסעס"**

**רופט: 951-262-3674**

און וועלט אויס איינע פון די
פאלגענדע עקסטענשאנ'ס
**6, 8, 16, 17, 25, 31, 35, 38,**
**47, 52, 59**

## א חלק פון די שאלות וואס זענען אויסגעשמועס געווארן

- וויאזוי העלפט דאס בעז"ה ארויפצוברענגען אייערע כשרונות?
- וויאזוי לערנט דאס אויס צו מיטארבעטן גוט מיט ארומיגע?
- וויאזוי געט דאס בעז"ה שטארקייט צו אינטערנעמען און אויספירען שווערע זאכן?
- אויב א מענטש איז נישט צופרידען מיט זיין דזשאב, זאל ער זוכן עפעס אנדערש?
- וויאזוי באקומט מען שטארקייט צו אריבערגיין צו א נייע דזשאב?
- אויב מען פילט ערגעץ אנדערש וועט מען בעסער מצליח זיין איז דאס א אמת'דיגער פילינג?
- אויב מען קען נישט איינזיצען און מען האט א דזשאב וואו מען דארף איינזיצען, וואס טוט מען?
- וויאזוי קען מען באקומען א רעיס פונעם בעה"ב?
- מען האט אסאך וויכטיגע ידיעות, וויאזוי פירט מען דאס אויס?
- וויאזוי קען מען וויסן צו מ'האט קאנפידענס פון א אמת'ע זעלבסט זיכערקייט אדער פון פראבירן צו פארדעקן א אינערליכע אומזיכערקייט?
- וויאזוי קען מען זיך מער קאנצעטרירן ביי א שיעור אן ווערן דיסטרעקטעד
- וויאזוי קען מען זיך אריינלייגן מער און יענעמ'ס מצב?
- וויאזוי קען מען שפירן באקוועם צווישן מענטשן מיט וואס מ'טוט און וואס מ'זאגט?
- וואס דארף מען טון צו האבן קאנפידענס זיך נישט צו שעמען פון אנדערע ווען מ'דארף נישט?
- וואס מ'לערנט דא אויס, איז א זאך וואס האלט זיך, אדער ס'בלייבט גארנישט דערפון נאך א שטיק צייט?






ב"ה

די אקאמפלישמענטס!!

פראדאקטיוו!!! קורסעס
א גוטע מאטאוועישאן צו פראדוצירן

ברענגט פארן
שטוב אנפירער

• דער לעבנס שותף זעהט זיין געטריישאפט
• ער נוצט אויס צו גוטס די כח פון פירערשאפט
• סיכסוכים ברענגען אים גאר בעסערע פריינדשאפט
• און ער באקומט די קנעפלעך פון די בני בית ליבשאפט

רעזולטאט פון א פראדאקטיוו קלאס מעמבער!
אלע שטוב מיטגלידער פאנגען אן צו ציען צום שטוב און איר פירער, ווי צו א מאגנעט.

און די גרעסטע **אקאמפלישמענט** איז!!
מען ווערט געוואויר וואו וויכטיג די דערמאנטע זאכן זענען



פראדאקטיוו קורס • 845.232.1079

בס"ד

# א ליכטיגע שיין



די טונקעלע שאטענס עס טוען זיך אויסשפרייטן
פארשידענע שוועריקייטן טוט דעם מענטש באגלייטן

מ'זעהט נישט קיין סוף מ'זעהט קיין עק
ווען וועלן מיינע פראבלעמען פון מיר אוועק

פון א שטילן ווינקל אין די שעות פון ביינאכט
ווען קיינער עס נעמט נישט אין אכט

עס הייבט אן שיינען א ליכטיגען שטראל
עס הייבן זיך די כוחות מיט די גאנצע מאראל

די געפילן אין הארץ ווערן גאר ליכטיג
די גאנצע וועלט איז הערליך און ציכטיג

באהאלטענע כוחות ווערן אנטפלעקט
די אייגענע מאטיוואציע ווערט ערוועקט

גיטע זאכן קומען טאקע צומאל אן שווער
אבער מען באקומט דערפאר פיל פיל מער

מען איז גרייט אוועק צו געבן צייט
וויל מ'קוקט וואס ס'גייט ארויסקומען אויף דער ווייט

מ'איז גרייט אוועק צו געבן געלט
כדאי צו קענען בויען די אייגענע וועלט

10 נעכט וועט מען אינדערהיים נישט זיין
בכדאי די לעבן און שטוב זאל פארן רואיג און פיין

דער בעסטע מענטש קען אלעמאל שטייגן
ער וועט בעז"ה ביי 'פראדאקטיוו' זיכער נישט דערלייגן

עס לוינט נאך צו ברעכן די אייז
אפילו די בארד ווערט שוין ווייס

הייבט אויף דעם טעלפאון און רופט יעצט
אייער טריט וועט זיין ביי אייך אלעמאל געשעצט


פראדאקטיוו קורס • 845.232.1079
א וייך בלאט אין לעבן

בס"ד

# וואס זענט איר?

| | | | |
|---|---|---|---|
| ארבייטער | מלמד | בעה"ב | מאן |
| טאטע | בנש"ק | סעילס מאן | איינער וואס זיכט א דזשאב |
| כולל יונגערמאן | מדריך | מגיד שיעור | עסקן |

# מיר האבן פאר אייך גוטע נייעס!

די עקספיריענס זאגט אז ווען מ'גייט דורך א קורס פון "פראדאקטיוו"
וועט איר בעז"ה ווערן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| א פלייסיגער ארבייטער | א אויסגעצייכנטער מלמד | א מוצלח'דיגער בעה"ב | א צופרידענער מאן |
| א געשמאקער טאטע | א חשוב'ער בנש"ק | א עקספיריענסד סעילס מאן | געטראפן א דזשאב |
| א מסודר'דיגער כולל יונגערמאן | א טאלאנטפולער מדריך | א געלונגענער מגיד שיעור | א טיכטיגער עסקן |

ס'פארלאנגט זיך א איינמאליגע אינוועסמענט,
פאר א לעבנסלענגליכע דערגרייכונג

845.232.1079

בס"ד

# וואס זאגט אייער'ס א גלייכן?

## וואס איז געשען נאכן דורכגיין א קורס אין פראדאקטיוו

| | |
|---|---|
| ארבייטער | כהאב ב"ה באקומען א גוטע רעיס |
| מלמד | די קינדער הארכזאמען ב"ה א מחיה |
| בעה"ב | די ביזנעס וואקסט און ס'בליהעט ב"ה |
| מאן | די חילוק אין קאמיוניקעשן פון אמאל און היינט איז הימל און ערד |
| כולל יונגערמאן | מען ענדיגט ב"ה גאנצע מקצועות |
| טאטע | ס'פירט זיך ב"ה א הערליכע שיינע שבת טיש |
| סעיל'ס מאן | די קאסטומערס האבן ב"ה ציטרוי אין מיר |
| מגיד שיעור | ס'הערשט ב"ה ארדענונג אין כיתה |
| עסקן | ב"ה מ'זעהט הצלחה אין די ארבעט |
| זיכט א דזשאב | געטראפן ב"ה א פיינעם דזשאב |
| בנש"ק | איך בין ב"ה מער נישט אזוי עמפינדלעך |
| מדריך | די תלמידים טוישן זיך ב"ה |



## ביי אייך וועט זיין די זעלבע זאך!

צו רעדן צו איינעם פון אייער סוג, רופט: 845.232.1079

און מיר וועלן אייך טרענספערן צו אייער'ס א גלייכן

**וואס האט ב"ה מצליח געווען**
**אין די זעלבע סיטואציע וואס איר זענט**

# ער דרייט זיך ארום א רעדל..

ער לויפט נאך דעם זייגער | דער זייגער לויפט אים נאך




די שאלה איז; **ווען גייט מען אפשטעלן די רעדל?**

די וואס גייען צו פראדאקטיוו שטעלן אפ דעם דרייעדיגן רעדל

**= און ווערן בעז"ה צייטליכע מענטשן =**

רופט **באצייטענס** און איר וועט **פארדינען** אסאך **צייט** אין **אייער לעבן** הבעל"ט!

די קלאסן קאסטן טאקע געלט מיט צייט;

אבער צו קענען פארדינען צייט, **אינוועסטירט מען געלט;**

און צו פארדינען געלט, **אינוועסטירט מען צייט!**



בס"ד
עפענט פארשלאסענע טויערן
די טויער
פאר א גוטע השפעה אין איינדרוק צווישן די סביבה
ונמצא חן
די טויער
צו א געשמאקע צוזאמען ארבעט אין שטוב
אחוה ורעות
די טויער
צו זיין קאנפידענס צו זיין א סוקסעספול ארבעטער/בעה"ב
נכסיו מוצלחים
דימענסטער שליסל צו פארשלאסענע טויערן
באקומט מען בעז"ה ביי
פראדאקטיוו!!!
קורס
א גוטע מאטאוועישאן צו פרודצירן



בס״ד
ס'איז ליכטיג
אין הארץ
פאר די אידן וואס גייען אדורך
די קלאסן פון פראדאקטיוו
צו הערן מער איבער
פראדאקטיוו קורס
און וואס עס קען אייך ברענגען
קענט איר הערן די
אינטראדאקשן'ס
און
לייוו קאנפרענס
דורך רופן:
951-262-3674
אינטראדאקשנ'ס אין מאנסי
דריקט: 5, 13, 15, 28, 34, 41
אינטראדאקשנ'ס אין ק״י
דריקט: 14, 30, 37
אינטראדאקשנ'ס אין וויליאמסבורג
דריקט: 7, 12, 19, 26, 32, 36, 39
אינטראדאקשאן אין בארא פארק
דריקט: 11, 18, 27, 33, 39, 40
לייוו קאנפרענס
פראגעס און ענטפערס
דריקט: 6, 8, 16, 17, 25, 31, 35, 38, 47, 52, 59
eyecatch | 845.481.0783

בס"ד

# מוֹרַי וְרַבּוֹתַי!...

**ביז היינט האב איך מורא געהאט**
**צו רעדן אפילו פאר צוויי מענטשן,**

**היינט ב"ה קען איך שוין**
**אויפטרעטן פאר א גרויסן ציבור**
**אן קיין שום שרעק**

**און דער עולם זאגט מיר; "א שאד**
**אז די האסט נישט גערעדט ביז היינט!**

איך פיל אן הכרת הטוב פאר

פראדאקטיוו
קורס | א גוטע מאטאוועישאן צו פראדוצירן

וואס איז געוועזן דער
ריכטיגער שליח ה'



נ.ב.
דורכגייענדיג
'פראדאקטיוו'
איז מען אויך קונה
זיין קענען רעדן ברבים
געלונגענע דרשות
א חוץ די אנדערע שטארקע
חלקים וואס מ'ווערט
אוועקגעשטעלט
פארן לעבן!

איר קענט רעדן
צו מיר פערזענליך דורך רופן
**פראדקטיוו אפיס - 845.232.1079**
ווי מ'וועט אייך טרענספערן צו מיר

שרייבט אייך איין
אין די קומענדיגע קלאס
פון פראדאקטיוו

און איר וועט בעז"ה קענען טון זאכן
וואס **'איר'** האט **'מורא'** צו טון!


ביסט נאך אלץ דא ?!
איך האב דיר נאך געזען דא א יאר צוריק.
פלאנסט דא צו בלייבן נאך א יאר?
איך האב פאר דיר א עצה וויאזוי זיך
ארויסצוזעהן פון דא!
רוף יעצט פראדאקטיוו
מען ווערט א
צופרידענער מענטש
מען באקומט א גוטע
מאטאוואציע
מען בויעט אויף די
סעלף עסטיעם
מען פארשטערקערט
די קאנפידענץ
מען בעסערט די
קאמיוניקאציע מיט
אנדערע מענטשן
אייגענע
פדיון שבוים
איז די גרעסטע מצווה
פארפאסט די געלעגענהייט צו מיטהאלטן...
קלאס נומ' 1, קלאס נומ' 2, קלאס נומ' 3, קלאס נומ' 4, קלאס נומ' 5, קלאס נומ' 6,
קלאס נומ' 7, קלאס נומ' 8, קלאס נומ' 9, קלאס נומ' 10, קלאס נומ' 11, קלאס נומ' 12,
קלאס נומ' 13, קלאס נומ' 14, קלאס נומ' 15, קלאס נומ' 16, קלאס נומ' 17,
קלאס נומ' 18, קלאס נומ' 19, קלאס נומ' 20, קלאס נומ' 21, קלאס נומ' 22,
קלאס נומ' 23, קלאס נומ' 24, קלאס נומ' 25, 26, 27, 28, 29, 30, 31, 32, 33, 34,
איר האט יעצט די געלעגענהייט צו מיטהאלטן
דעם קומענדיגן קלאס
איך גיי מיך שטארקן
ארויסציגיין פונעם אייגענעם תפיסה!

בס"ד

# חברים דערציילן...

ליינט אויסצוגן פון בריוו'ן וויאזוי העכסט-צופרידענע משתתפים טיילן מיט זייער ערפארונג און **לעבנס-שינויים** נאכן מיטלעבן און זיך באטייליגן ביי די זעלטענע **"פראדאקטיוו קורס"**



פראדאקטיוו!!! קורס

א גוטע מאטאוועישאן צו פראדוצירן

# איך זינג "דיינו"...!

**לכבוד הרב יעקב יצחק, בעל פראדאקטיוו שליט"א**

"...איך בין לכתחלה געקומען צו די שיעורים צו אוועקשטעלן א פעסטן סדר היום און אז מיין טאג זאל זיך נישט צערינען פון צווישן מיינע פינגער... און איך קען זאגן קלאר ב"ה אז אילו לא באתי אלא בשביל זה דיינו! בלויז צו קונה זיין די יסודות וויאזוי צו זיין מסודר און טוען וואס מען דארף, נישט צו לאזן זיך פארשלעפט ווערן, האב איך שוין אויפגעטון דאס מייניגע!

אבער איך האב פארדינט פיל פיל מער; וואלט איך ווען געקומען בלויז צו אויפבויען מיין 'קאמיוניקאציע' מיט אנדערע מענטשן – דיינו! די קאמיוניקאציע סקילס קומען מיר צוניץ ממש יעדן טאג, און עס ברענגט אן אויסערגעוועונליכער געשמאק און רואיגקייט.

אויב וואלט איך ווען בלויז פארדינט די התלהבות – דיינו! די געזונטע קאנפידענס – דיינו! די פאזיטיווע בליק אויפ'ן לעבן – דיינו! די פילע נייע חברים וואס איך האב מיר איינגעקויפט דורך די טולס פונעם קלאס – דיינו!

על אחת כמה וכמה...!

א גרויסן דאנק!

(----)

**עקסטענשאן 711 #**

# בין איך נאכאמאל מגולגל געווארן?!...

**כבוד המגי"ש של 'פראדאקטי"וו' שליט"א**

...עס ליגט מיר פריש אין זכרון יעדע שיעור און עס קומט מיר צוניץ יעדער מינוט אין טאג.

צווישן אנדערע האב איך זיך געלערנט צו זיין שטארק מיט זיך אין אלע אומשטענדן, און עס שפיגלט אפ אויף מיין גאנצע משפחה. מיין קאמיוניקאציע מיט מיינע ארומיגע האבן זענען געווארן אסאך שטערקער.

מיין חבר איז געווען ביים אינטערדאקשאן וואו איך האב זיך אויפגעשטעלט רעדן. ער האט געמיינט אז איך בין נאכאמאל מגולגל געווארן...

חזק ואמץ!

(----)

**עקסטענשאן 732 #**

# מיין חלום איז מקוים געווארן

**לכבוד הרב המדריך יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א**

כ'האב געהערט אלע שיעורים און פון יעדע באזונדער אויסטערליש הנאה געהאט, פון די געוואלדיגע וויכטיגע ידיעות וואס איך האב נישט געוואוסט ביז היינט, די טולס, באגלייט מיט פונקטליכע אינסטרוקציעס אויפן ריכטיגן וועג און ריכטיגן פלאץ.

איך מוז זאגן אז איך טוה שוין היינט צוטאגס ב"ה מיין ארבעט בשלימות, און מיט א סדר; איך בין אין א מצב פון שלוה און מנוחת הנפש; איך בין ב"ה אין א וואונדערליכע הארמאניע און טיף-עמאציאנאלע קאמיוניקאציע צווישן מיר און מיין בני בית, מיין שטוב איז א פלאץ וואו עס הערשט אחדות און פארשטענדעניש אין אלע הינזיכטן. יא! מיין אמאליגער חלום ווערט וואס א טאג מער און מער פארווירקליכט, און איך חלום שוין היינט פון נאך זאכן.

מיט טיפע דאנק!

(----)

**עקסטענשאן 698 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## זעלבסט-רעספעקט געשטיגן 50% פראצענט!

**לכבוד המדריך ב"פראדאקטיוו קורס"**

״... קודם בנוגע די שיעורים: כ'האב ממש נישט קיין ווערטער! א יעדע מינוט איז געווען עלעקטעריזירנד! כ'האב נישט געוואלט פארפאסן קיין איין ווארט. כ'וואלט געקענט בלייבן זיצן ביז אינדערפרי!

״איינע פון די וויכטיגע שינויים וואס איך האב זוכה געווען: מיין סעלף-עסטיעם איז געשטיגן פון 10 ביז 60! דורכן ארויסהאבן דעם ערליכן הסבר פון 'צלם אלקים', און עס האט געהאלפן נישט בלויז פאר מער זעלבסט, נאר אויך מיין גאנצער בליק אויף א יעדן איד וועמען איך באגעגן.״

נאר דער אייבערשטער קען אייך באצאלן דערפאר!

(----)

**עקסטענשאן 410 #**

## געהאלפן מער ווי די גוי'טע..

**לכבוד המנהל של 'פראדאקטי"וו' שליט"א**

... ״איך קען נישט אנהייבן מיטן שילדערן ביישפילן וויאזוי די שיעורים האבן מיר געהאלפן, ווייל איך וועל קיינמאל נישט ענדיגן...״.

״ לאמיר נאר מיטטיילן איין זאך: נאכן אהיימקומען פון די שיעורים האב איך איבערגעגעבן די טאקטיקן און מהלכים אויך פאר מיין פרוי אינדערהיים, און זי האט זיך אויך דערלערנט וויאזוי אויסצושטעלן דעם טאג, און נוצן די עצות און אנווייזונגען, די עצות פון מאכן דעם מענטש שטערקער האט געהאלפען אזוי גוט, אפילו פאר מיין ב"ב אז זי זאל ווערן שטערקער, זי האט באקומען מער כח צו אליין מאכן ריין די שטוב.

איר ווייסט וואס דער סך הכל איז? מיר האבן זיך איינגעשפארט א גוי'טע! און די ארבעט וואס מיין פרוי האט אליין געמאכט איז ארויסגעקומען אסאך שענער ווי ווען די גויטע מאכט עס!״

ישר כח! ישר כח!

(----)

**עקסטענשאן 666 #**

## געהאלפן איבער 'סענסיטיווקייט'

**לכבוד מו"ר המדריך יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א**

״... פאר מיר פערזענליך האסטו מיר – צווישן אנדערן – מורא'דיג ארויסגעהאלפן זיך צו קענען צוריקהאלטן פון זיך וואס איך האב אלעמאל געוואלט זיך צוריקהאלטן, אבער כ'האב נישט געהאט די כוחות דערצו. צב"ש: איך פלעג מיר פילן מורא'דיג סענסיטיוו ווען איינער האט מיר געזאגט עפעס וואס איז מיר נישט געפאלן, דאס האט זיך ממש געענדיגט! כ'האב צוריקבאקומען אסאך חברים און גוטע פריינד וואס זענען שוין געשטאנען ווייט פון מיר...

״דיין הילף קען אויפרעכטן גאר אסאך מענטשן, דער אויבערשטער זאל העלפן זאלסט אנקומען צו אלע פון זיי!״

באהבה!

(----)

**עקסטענשאן 647 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

# איך שפיר זיך ווי נײַ געבוירן!

**לכבוד המגיד שיעור שליט"א**

"...איך האב אויסטערליש הנאה געהאט פון די הסבר איבער דעם צוזאמשטעל פון א מענטש פון די 4 יסודות, וואס דא ליגט די כוחות און שוועריקייטן פון א מענטש, און יעדע פראבלעם איז א טויער וואס מען דארף בלויז טרעפן דעם ריכטיגן שליסל עס אויפצומאכן.

און איך קען זאגן קלאר: יא! איך האב געטראפן דעם שליסל און איך האב באוויזן אויפצושפארן גרויסע טויערן! איך שפיר זיך ממש ווי א נײַ געבוירן קינד, און פלעג האבן א מורא'דיגע פרעשור צווישן מענטשן און עס איז מיר געווען אן אפקומעניש. יעצט שפיר איך מיר מורא'דיג אנגענעם און באקוועם.

יישר כח באמת!

(----)

**עקסטענשאן 764 #**

# אַ בעל תפלה אויף די הייליגע טעג שילדערט...

**לכבוד הר"ר המגיד מישרים יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א**

"...כ'בין א שטיקל בעל תפלה און איך דאווען שוין עטליכע יאר פאר'ן עמוד ראש השנה אין א קלענערע בית המדרש. א דריי פערטל יאר צוריק האב איך געהאט די זכיה מיטצולעבן די "פראדאקטיוו קורס", ווי צווישן אנדערע האב איך געלערנט די טעות וואס מענטשן מאכן מיט זיך אליינס באריקאדירן אונטער גראטעס, ווען מען באשליסט אליינס אז 'דאס קען איך נישט', און די וועג וויאזוי זיך צו באפרייען און אראפשטעלן ברייטערע און ווייטערע גדרים.

יעדעס יאר נאכן דאווענען שחרית פאר'ן עמוד און שטיין 4 שעה אויף די פוס, שפיר איך זיך ערשעפט פיזיש און גייסטיש, ווי עס קען עדות זאגן יעדער וואס דאווענט פאר'ן עמוד אין די הייליגע טעג, און מען דארף האלטן קאפ צום דאווענען און די ניגונים.

היי-יאר האב איך באקומען א פארשלאג פון א בית המדרש אין אן אנדער שטאט אז איך זאל קומען דאווענען ביידע טעג, סיי שחרית און סיי מוסף, ווייל זיי ווילן באצאלן בלויז איין אכסניא און דארפן איין בעל תפלה פאר אלע תפילות, און באצאלן עטליכע אלפים ארויסצוקומען.

עס האט זיך נישט געמאכט קיינער וואס זאל דאס זיין גרייט אנצונעמען, ווייל ווער איז דען בכח צו שטיין אזוי לאנג און אפדאווענען אלע תפילות, און ווען איך האב באשלאסן אז איך קען. אנדערע בעל תפילות האבן אפילו אפגעלאכט פון מיר, אבער ווידעראמאל האב איך גענוצט די פראדאקטיוו טולס, צו טוען וואס איך האלט אז איך קען און זיך נישט קימערן וואס יענער זאגט.

און וואס מיינט איר?! עס האט זיך ב"ה גאר גוט אויסגעארבעט, ווען איך האב געדאווענט מיט געשמאק אלע תפילות, און איך האב גענוצט נאך עצות פון די קלאסן וויאזוי זיך צו האלטן שטערקער און נישט אפגעמוטשעט ווערן, וואס די עצות ווערט אריינגעליפערט אין מח ביי די קלאסן, און דער עולם האט שטארק הנאה געהאט און איך בין געבליבן מיט עקסטערע פאר אלפים אין טאש...

עס איז ווערד יעדע פעני!

(----)

**עקסטענשאן 754 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## אויפגעהערט "רייכערן"

**לכבוד המחנך הנפלא ב'פראדאקטיוו' יעקב יצחק שליט"א**

...יעדע שיעור און יעדע נקודה איז געווען אזוי צו דער זאך און איז נוגע אויף טריט און שריט. וויאזוי צו רעדן צו מענטשן און ארויסגעבן די געפילן, און אזוי ווייטער, יעדע איינציגסטע פונקט.

איך האב באקומען קוראזש, מאטאוואציע, רואיגקייט, און אסאך מער, בעיקר איז מיר עס צוניץ געקומען ווען איך האב באוויזן בעזר השם אויפצוהערן רייכערן, און איך האב עס געקענט דורכפירן טראץ מיין שווערע 'עדיקשאן'. פאר דעם אליינס האט זיך שוין אויסגעצאלט די שיעורים מיט "ריבית"...

יישר כח!

(----)

**עקסטענשאן 723 #**

## ישוב הדעת; די טייערסטע פאַרמעגן!

**לכבוד המדריך היקר והנפלא..**

די הנאה און שמחה וואס די קלאסן האט מיר געברענגט.

"... איך האב נישט קיין ווערטער ארויסצוברענגען די הנאה און שמחה וואס די קלאסן האט מיר געברענגט. וויפיל מען שרייבט איז נישט גענוג, און ווי מער מען חזר'ט ווערט עס אלץ גאר מער און מער.

... איבער אלע כלים וואס מען האט באקומען איז עולה על כולנה די געוואלדיגע "ישוב הדעת". די רואיגקייט און שלות הנפש וואס דאס גיבט פאר א מענטש, צו זיין זיכער און רואיג מיט זיך און קיינמאל נישט ווערן פארלוירן אדער צעבראכן. ווי אנדערש איז דאס גאנצע לעבן ווען מען האט אט דעם טייערן פארמעגן "ישוב הדעת". א מחי'!

א גרויסן ישר כח פאר דעם און פאר אלעם. עס איז נישט מעגליך צו באצאלן פארן פארמעגן וואס איר האט מיר געברענגט און די רוחים וואקסן ב"ה יעדן טאג..

אשריך! אשריך!

(----)

**עקסטענשאן 703 #**

## גע'פטר'ט דעם סמאַרטפאון!

**לכבוד המחנך נפלא - בעל "פראדאקטיוו קורס"**

"... דורכאויס די לעצטע 5-6 יאר איז מיין לעבן נישט געווען קיין לעבן. איך בין געווארן עדיקטעט צו מיין סמארטפאן, מיט דעם בין איך אויפגעשטאנען און זיך געלייגט, און צו דעם בין איך געווען צוגעבינדן און זיך נישט געקענט אפרייסן. איך האב נישט געלעבט, מיין ווייב איז נישט געווען קיין ווייב, און מיינע קינדער קיין קינדער, מיין ביזנעס איז נישט געווען קיין ביזנעס, איך בין געווען א טאטאלער ראבאט!

"איך האב געוואוסט אז איך בין אין 'בעד שעפ' אבער איך האב מיר נישט געקענט אפרייסן. איך האט געספענד שווערע טויזנטער דאלארן פאר הילף. איך בין געגאנגען צו פארשידענע הילפ'ס פראגראמען, אבער איך בין געווען אזוי עדיקטעד אז גארנישט האט געהאלפן.

"ווען איך האב שוין געהאלטן כמעט ביי יאוש, האב איך אין די לעצטע מינוט באשלאסן צו גיין צו 'פראדאקטיוו', און איך דאנק דער רבוש"ע אז ער האט מיר צוגעשיקט דעם מלאך המושיע וואס האט מיר געהאלפן זיך גענצליך אפצורייסן פון די שרעקליכע און שעדליכע כלי!"

ישר כח גדול!!

(----)

**עקסטענשאן 883 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## פארענטפערט די קשיא

**לכבוד המגיד מישרים "פראדאקטיוו קורס" - יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א**

... איידער איך בין געקומען צו די שיעורים איז מיר שווער געווען א קשיא: וויאזוי וועל איך איינזיצן עטליכע שעה א נאכט, נאך א גאנצן טאג ארבעט, און אויסהערן טיפע שיעורים? אין די צייט וואס חול המועד קען איך נישט איינזיצן ביים שיעור מער ווי א שעה!

... אבער די קשיא איז מיר פארענפערט געווארן די ערשטע נאכט! נאך אזא געשמאקער שיעור, באגלייט מיט אינטערסאנטע פאקטן, איבונגען, א.א.וו. שפירט מען נישט וויאזוי די צייט רוקט זיך!

יישר כוחך!

(----)

**עקסטענשאן 423 #**

## געווארט אויפן נעקסטן שיעור

**לכבוד הרב המחנך מ'פראדאקטי"וו שליט"א**

"... במשך די פיר וואכן וואס עס האט געדויערט די שיעורים, האב איך געלעבט ממש אין אן אנדערע וועלט. ס'איז מיר געווען אזוי געשמאק צו הערן די שיעורים, אז תיכף נאכן ארויסגיין פון איין שיעור האב איך שוין קוים געקענטווארטן ווען דער צווייטער שיעור וועט זיך אנהייבן!".

"כ'האב נאך קיינמאל נישט אדורכגעלעבט אזא ערפארונג, די אנגענעמע אטמאספערע איז נישט צום באשרייבן!"

בברכת הצלחה מיט אסאך סייעתא דשמיא!

(----)

**עקסטענשאן 615 #**

## רואיגקייט; ווי קיינמאָל בעפאָר!

**יישר כח! למע"כ ידידי יעקב יצחק שליט"א, יו"ר פראדאקטיוו קורס!**

... פערזענליך, שפיר איך א מורא'דיגע הכרת הטוב פאר אייך, אז דורך די דאזיגע שיעורים פיל איך היינט צוטאגס א געוויסע "רואיגקייט" וואס איז שווער ארויסצוברענגען אויף פאפיר.

אין איין ווארט: אסאך ווייניגער פרעשור פון ארומיגע מענטשן, אסאך מער רואיגקייט בשעת'ן אויספירן עפעס למעשה, כ'נעם גרינגער אן זאכן אויף מיר, די געווענטליכע ספיקות - וועט עס געלונגען? לוינט זיך עס צו טון? - פאלן אוועק. כ'בין אסאך מער זיכער אין אזעלכע ענינים.

כ'האף צו שטייגן פילפאכיג מער אין די אויבערדערמאנטע נקודות בעזרת השי"ת און דורכדעם אנקומען פיל מער אין לעבן.

בברכת הצלחה

(----)

**עקסטענשאן 447 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## ערשטן שבת; אינדערויסן פון תפיסה!

**לכבוד המדריך החשוב יו"ר פראדאקטיוו קורס**

... די וואך שבת האב איך מחליט געווען צו גיין דאווענען אין א געוויסער ביהמ"ד, נארמאל וואלט איך געזיצן ביים לעצטן טיש, און געקוקט 1000 מאל זייט'יג צי עמיצער קוקט אויף מיר, די וואך ב"ה בין איך געווען צום ערשטן מאל אינדערויסן פון תפיסה! כ'האב מיר אוועקגעזעצט אויף א גוט פלאץ אין צענטער פון שוהל, און ביי 'לכה דודי' ווען דער בעל תפילה האט געזינגען עפעס א ניגון וואס ווייניג אידן האבן געקענט, האב איך אים ארויסגעהאלפן בקול רם – פשוט, ארויס פון געפענגעניש!...

אהה, איז דאס געווען א עונג שבת!

יישר כח נאכאמאל,

און אסאך הצלחה וסייעתא דשמיא!

(----)

**עקסטענשאן 454 #**

## ס'האט מיר עפעס "געפעלט" פארדעם?

**לכבוד ידידי יעקב יצחק, המדריך הנפלא של "פראדוקטיוו קורס".**

אזוי ווי דו געדענקסט, האב איך נישט געהאלטן אז ס'פעלט מיר עפעס פאר איך בין געקומען צו די שיעורים. אז עמיצער וואס פעלט נישט גארנישט ב"ה, האב איך נישט געהאלטן אז די שיעורים זענען פאר מיר!

אבער יעצט האלטן מיר שוין לאחר המעשה, מיט א בליק אויף צוריק לאמיר דיר זאגן: כ'ארבעט שווער א גאנצן טאג, און געווענטליך קום איך אהיים אויסגעשעפט.

אבער זייט כ'בין געווען ביי די שיעורים, שטייט איך אויף 7:30 מיט א פרישקייט, מיין שטוב איז פרייליך, און מיין משפחה מיט וועמען איך רעד, זאגן מיר: "לעצטענס ביזטו עפעס אין זייער א גוטע גיסטע... וואס האט פאסירט?".

איך ווייס דעם סוד: פראדאקטיוו קורס"!

יישר כח!

(----)

**עקסטענשאן 385 #**

## "ווען" און "וויאזוי"

**לכבוד המדריך ב"פראדאקטיוו קורס".**

כ'לויב השי"ת אז כ'בין געווען אנגעשלאסן אין אלע שיעורים פון "פראדוקטיוו קורס", פילצאליגע ידיעות און עצות האב איך קונה געווען דערפון. און בעיקר צו וויסן "ווען זיך יא צו באניצן מיט קאנפידענס און ווען זיך נישט צו באניצן מיט קאנפינעדס און ווי אזוי זיך צו באניצן מיט קאנפידענס". און ווי שטארק מ'דארף אלץ האבן רואיגקייט, און וויאזוי דערגרייכט מען עס?

א יעדער דעטאל איז אזוי הערליך און קלאר ערקלערט געווארן. אזוי אויך לגבי פלייסיגקייט, און קאמיוניקאציע, און וויאזוי מ'דערגרייכט עס.

נאך אזויפיל יארן שפיר איך אז כ'האב ענדליך דערגרייכט וואס איך האב אזוי קריטיש וויכטיג געזוכט.

בתודה על העבר ועל העתיד

(----)

**עקסטענשאן 382 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## אנגעהויבן פריש פונדאסניי אין יעדן הינזיכט!

**לכבוד'ן חשוב'ן מנהל שליט"א פון "פראדאקטיוו קורס".**

די הכרת הטוב וואס איך שפיר פאר די קורסן איז פשוט נישט שייך צו כאראקטיזירן!
כ'שפיר אז כ'האב ממש פריש אנגעהויבן "פונדאסניי" אין יעדן הינזיכט. איך קען זאגן: אפי' אויף געוויסע שווערע
זאכן וואס איר האט – מיט אייער מדת האמת – געזאגט פארדעם אז דאס קענט איר זיך נישט אונטערנעמען אז
ס'וועט פאררעכטן ווערן דורך די קורסעס, האט זיך אויך געטוישט!
ממש זאכן וואס איך האב נישט גע'חלום'ט אז ס'וועט נאך האבן א תיקון, איז פאררעכטן געווארן! כ'בין געווארן
ווי קטן שנולד מחדש אין אלע יסודות, אלע שטערונגען זענען געעפנט געווארן, און כ'האב אנגעהויבן פונדאסניי!

מנאי ידידך המכיר בטובתך
(----)
**עקסטענשאן 378 #**

## רואיג, אין שווערע אומשטענדן

**לכבוד ידידי הר"ר יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א.**

... אויך האב איך געהאט א מורא'דיגער הילף דורך די שיעורים. מיט דריי וואכן צוריק האב איך געהאט אן
עקסידענט ל"ע, און טראצדעם וואס געוועינטליך אין אזא פאל וואלט איך געווארן מורא'דיג פארלוירן און
פארצווייפלט. האב איך זיך דאסמאל געהאלטן מורא'דיג רואיג און אונטער קאנטראל! און בעז"ה האלב פונעם
שרעק איז דורכדעם אוועקגעגאנגען.
כ'וויל דא שטארק באדאנקען פאר די גרויסע עבודה וואס איר לייגט אריין, ארויסצוהעלפן אידן צוצוקומען צו
די גרעסטע הצלחה אין לעבן וואס איז שייך, מיט סייעתא דשמיא!

כה לחי!
(----)
**עקסטענשאן 492 #**

## געווארן א טייל פון מיין לעבן

**לכבוד המגיד שיעור הנפלא של "פראדאקטיוו" שליט"א.**

... די כלים און הדרכות וואס איך האב מקבל געווען ביי די שיעורים זענען היינט ממש א חלק פון מיין טאג
טעגליכן לעבן, די עקסערסייזעס וואס מ'האט געמאכט וועלן מיר באגלייטן לכל אורך הדרך, די רעזולטאטן
וועלן גיין זייער ווייט, מדור לדור, ס'איז נישטא קיין ווערטער צו שילדערן די אויסטערלישע בענעפיטן וואס
מיר האבן מקבל געווען!
אלס הכרת הטוב בין איך גרייט דיר ארויסצוהעלפן סיי וועלכע צייט עס וועט זיך אויספעלן, כדי נאך אידן
זאלן דערפון נהנה זיין!

המאחל לך הצלחה בכל ענינים
(----)
**עקסטענשאן 469 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## אַ רואיגע וועלט...!

**לכבוד ידידי היקר יעקב יצחק, בעל ה'פראדאקטיוו קורס' שליט"א**

"... מען קען זאגן אויף די שיעורים 'נאה דורש ונאה מקיים וראוים הדברים למי שאמרם'. די חיות מיט וואס דו גיבסט די שיעורים איז פאר זיך א לימוד און עס איז א פארגעניגן בלויז אויסצוהערן.

איך האב מיר אויסגעלערנט צו קוקן אויף די וועלט ריכטיג און מיט א שטארקע רואיגקייט און קלארקייט. איינמאל די געדאנקען איז אריינגעגאנגען אין מיין קאפ טראכט איך אלץ אזוי, און עס גייט שוין נישט ארויס. עס טוישט די גאנצע בליק און מען ווערט מער נישט נערוועז און אנגעצויגן...

אהה.. די הכנת צום פסח האט גאר אן אנדערע טעם...

א דאנק!

(----)

**עקסטענשאן 739 #**

## אנגעצייגט וויאזוי אדורכצוברעכן "בּלאַקידזשעס" אין לעבן

**לכבוד המדריך יעקב יצחק שליט"א - "פראדאקטיוו קורס".**

כ'שרייב יעצט פון טיפענישן פון מיין הארץ, ווייל כ'שפיר א מורא'דיגער הכרת הטוב פאר דיר. דער אייבערשטער האט דיך צוגעשיקט אלס דער ריכטיגער שלוח, מגלגלין זכות ע"י זכאי. אט די "פראדאקטיוו שיעורים" האט מיר בעזהשי"ת אויפגעעפנט א פתח כפתחו של אולם צו אן הצלחה'דיגע לעבן! און כ'האב אנגעהויבן זעהן אז כ'קען אליינס אדורכברעכן גאר אסאך בלאקידזשע"ס, וואס כ'האב קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אז כ'האב די כוחות עס צו טון...

ס'איז אינטערעסאנט... די ערשטע מאל וואס די האסט מיר געהאלפן אדורכברעכן א 'בלאקידזש', איז געווען ווען די האסט מיר גע'עצה'ט אויפן טעלעפאן וויאזוי צו פועל'ן ביי מיין ווייב שתחי' אז איך זאל יא קומען צו די קורסעס... און יא! ס'האט זיך בלי שום ספק אויסגעצאלט! אצינד איז זי אויסטערליש צופרידן דערפון..

א הארציגן דאנק!

(----)

**עקסטענשאן 392 #**

## אריינגעבלאזן אין מיר "שטארקייט!"

**לכבוד מנהל שיעורי "פראדאקטיוו קורס".**

כ'האב קיינמאל נישט געוואוסט אז מ'קען זיך פארבעסערן - סיי בין אדם למקום, סיי בין אדם לחבירו, און סיי בין אדם לעצמו! - אזוי שנעל, לייכט, און גרינג, אויף א אופן ס'זאל ווערן טיף איינגעבאקן אינעם מענטש, מ'זאל עס אייביג געדענקען.

ספעציעלער דער שיעור פון "שטארקייט" האט אין מיר אריינגעבלאזן א רוח חדשה זיך צו נעמען ארבעטן אויף זאכן וואס כ'האב שוין כמעט אויפגעגעבן דערויף!

דער אמת איז, כ'בין געקומען צו די שיעורים וועגן "כעס" און "רואיגקייט", און כ'שפיר אז דו ביזט געווען דער ריכטיגער שליח מן השמים מיר איבערצוגעבן די ריכטיגע כוחות וויאזוי זיך מתגבר צו זיין אויף אזא שווערע מדה!

תלמידך

(----)

**עקסטענשאן 390 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## כ'ווער נישט 'צוקראַצט' פון קריטיק...!

**לכבוד אהובי ידידי המגי"ש מ"פראדאקטיוו" שליט"א**

"... אמאל, נישט אזוי לאנג צוריק, ווען איינער פלעגט מיר ארייגזאגן אדער לאזן פאלן א נעגאטיווע באמערקונג אין מיין ריכטונג, בין איך געווארן אויס מענטש. יענעמ'ס ווערטער פלעגן מיר נאכיאגן בייטאג און ביינאכט, און עס האט געדויערט אפאר טעג ביז איך בין צוריקגעקומען צו זיך.

אבער דאס האט זיך געטוישט מן הקצה אל הקצה זייט איך בין דורכגעגאנגען די פראדאקטיוו שיעורים. איין טאג האט מיר איינער – ביי אונז אין ארבעט'ס-פלאץ – אריינגעזאגט אין זיבעטן ריפ אריין, איך האב זיך געשפירט אטאקירט אבער איך האב מיר ב"ה גלייך דערהויבן, אויף אזוי ווייט איז עס מיר אנגעגאנגען ווי דעם פאריאריגן שניי אז איך האב עס ניטאמאל געדארפט איבערדערציילן פאר מיין פרוי ווען כ'בין אהיימגעקומען, און איך בין צו די ארבעט כאילו לא היה.

דעם קומענדיגן טאג צוריקגעגאנגען האט אויפגעטון פילפאכיג. ערשטנס בין איך געווען א מענטש. צווייטנס האב איך נישט געדארפט באזאלצן מיין שטוב מיט מיין שלעכטע-גיסטע וואס פלעגט אמאל פאסירן אין אזא פאל, און צום לעצט, דער אטאקירער האט באקומען זיין מעסעדזש אז איך ווער מער נישט צוקראצט, און ער האט מיר אויפגעהערט צו קריטיקירן אויף טריט און שריט. איך ראט אלע אידן, וועלכע ווילן קענען גרינג אראפגליטשן די נעגאטיווע ווערטער וואס קומען אין זייער ריכטונג, צו גיין מיטהאלטן א פראדאקטיוו-סעסיע. ס'איז אן איינמאליגער אינוועסמענט, און מען עסט יעדן טאג די פירות...

מיט אנערקענונג!

(----)

**עקסטענשאן 486 #**

## "בייזע" און "שרעקעוודיגע" חלומות

**לכבוד המדריך מ'פראדאקטיוו' שליט"א**

"... מיין מאמע איז ליידער נישט געזונט געווען – אויף קיין שום איד געוואונטשן – מיט די ביטערע מחלה ל"ע, און עס איז מיר געווען ממש אן אפקומעניש צו גיין צו איר אין שפיטאל. יעדע באזוך אין שפיטאל האט נאכגעפאלגט מיט בייזע און שרעקעוודיגע חלומות, וואס האט געמאכט ממש אוממעגליך פאר מיר צו גיין אין שפיטאל צו מיין אייגענע מאמע.

איך האב אנגעהויבן אויפצופרישן די טולס וואס איך האב קונה געווען ביי "פראדאקטיוו" און איך האב אויסגעוועלט איין מיטל וואס איך האב געקלערט אז עס וועט מיר קענען אפשר העלפן. און וואונדער איבער וואונדער – עס האט געארבעט וואונדערליך! זינט דאן האב איך מער נישט געהאט קיין בייזע שרעקן, און איך האב געקענט רואיג גיין אין שפיטאל, און טון וואס כ'האב געהאט צו טון.

טייערע ליינער! עס איז קלאר! "פראדאקטיוו" איז א רעאליסטישע היילונג פאר אומצאליגע שווועריקייטן וואס קען אלץ אונטערקומען אין לעבן, און פאר פראבלעמען וואס מען אנערקענט אפילו נישט, און מען גלייבט נישט אז עס איז פאראן אויף דעם א היילונג. בלויז נאכן דורכגיין די קלאסן איבערצייגט מען זיך אז: יא! אויף אלע דרוקענישן איז דא אן ענטפער און לעזונג בסייעתא דשמיא...!

הצלחה מרובה אויף ווייטער!

(----)

**עקסטענשאן 466 #**

## איך דערקען זיך פשוט נישט!

**ישר כח גדול, לכבוד המדריך החשוב שליט"א**

"... זייענדיג גאר א גרויסע ביישן און צוריק-געצויגענער פון ווען איך געדענק מיך, האט מיר דאס א חוץ די ווייטאגן וואס דאס ברענגט מיט, זייער געשטערט פון שטייגן און וואקסן... ווען איך האב געדארפט עפעס ארלעדיגן ביי א פרעמדן מענטש אפילו ביי איינער פון מיין יארגאנג, איז מיר עס אנגעקומען מורא'דיג שווער אויב איך האב עס בכלל געטון.

יעצט, דאנק איך דעם באשעפער מיט גרויס פרייד , אז ער האט מיר צוגעפירט אז איך זאל דורכגיין דעם געוואלדיגן 'פראדאקטיוו-קורס', וואס מיטן ציל וואס איך האב זיך דארט געמאכט מקיים צו זיין דעם "האדם לא נברא בעולם, רק לשבר את הטבע" (צעטיל קטן אות ט"ז), האב איך ב"ה אדורכגעבראכן אסאך, סאך מער ווי איך האב זיך געראכטן.

..נאך א קליינע דוגמא; אהיים שפאצירנדיג פון ביהמ"ד מיט מיין טאטן צוזאמען מיט זיין חבר, עמיצער וואס כ'האב שטענדיג מורא געהאט אפילו צו טוישן אווארט.. האב איך געהאט א געשמאקע שמועס, און זיך אפילו אויך געטענה'ט מיט אים!

שפעטער זאג איך פאר מיין פאטער; איך דערקען זיך ממש נישט!

שעמט אייך נישט! רעדט צו מיר פערזענליך!!

(----)

**עקסטענשאן 672 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## השפעה אויף בחורים!

**לכבוד המחנך ב'פראדאקטיוו שליט"א**

"... זינט איך בין אדורך די קלאס, בין איך אליינס איבערראשט ווי גוט איך בין...! איך האב נארוואס געהאט א בחור, וואס האט זיך געדרייט אין די גאסן, ער האט שוין נישט געוואלט זיין אין ישיבה, און מיט א שמועס פון בלויז געציילטע שעה האב איך בעז"ה באוויזן אריינצובלאזן א מורא'דיגע חשק אין דעם בחור. איך האב מיט אים איבערגעשמועסט און צענומען אלע זיינע פראבלעמען און שוועריקייטן, און דער סוף איז געווען אז ער איז צוריקגעגאנגען אין ישיבה מיט חשק.

פארשטייט זיך אז דער טאטע האט מיר גאר שיין באצאלט, אבער דער אמת איז אז עס איז נישט פאראן קיין פרייז אין דער וועלט וואס קען באצאלן דעם גוטן געפיל וואס איך האב אז איך האב זוכה געווען צו ראטעווען א בחור לדורי דורות! ...

שכרך הרבה מאוד!
(----)
**עקסטענשאן 900 #**

## איך קען בעסער רעדן פריוואט צו אנדערע!

**לכבוד ידידי יעקב יצחק שטיינמעטץ, מ'פראדאקטיוו קורס הי"ו**

... "איך האב אויסטערליש הנאה געהאט פון די שיעורים, ספעציעל האב איך געשפירט אז כאטשיג ס'איז געגעבן געווארן פאר א גרופע פון מענטשן אויפאיינמאל, האב איך געשפירט ווי איר רעדט צו 'מיר' פריוואט און פערזענליך. דער אופן וויאזוי איר האט עס אראפגעגעבן איז געווען איינס-צו-איינס, מ'האט געשפירט ווי מ'מיינט מיר פערזענליך! אויסערדעם איז עס געווען ממש מלא תוכן, קיין איין איבעריגווארט."

איין דוגמא האב איך געוואלט צולייגן; ווען איך בין געפארן פאר א שבת אפרו, איז אנשטוטס ווי אמאל האט גענומען ביז זונטאג זיך צו באקענען מיטן עולם, האב איך מיר באקאנט געמאכט שוין פרייטאג נאכמיטאג, און זיך פארשאפט מערערע פריינט, וואס דאס האט פארדאפעלט מיין געשמאקייט במשך דעם שבת...

יישר כח!
(----)
**עקסטענשאן 567 #**

## אַ היימישן שמועס, מיט אַ פרעמדן?!

**לכבוד המדריך הנפלא ב'פראדאקטיוו' שליט"א**

... איך בין געקומען צו די שיעורים מיט'ן ציל צו קונה זיין וויאזוי מען קען זיין מער געזעלשאפטליכער און זיין א 'מעורב בין הבריות' און צו קענען מקיים זיין דעם 'הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות', און איך האב ווירקליך אויסטערליש הנאה געהאט פון די שיעורים, און באוויזן צו עררייכן די אלע מדות, און נאך פיל מער...

...איך בין געקומען צו די קלאסן פון מיין שטאט דורך די באס, און קומענדיג צו איינע פון די לעצטע שיעורים בין איך געזעסן אויפ'ן באס נעבן א איד וואס איך האב נישט געקענט, און איך האב במשך א ¾ שעה פארפירט א גאר אנגענעמע און געשמאקע שמועס מיט אים. א זאך וואס איך וואלט קיינמאל נישט געקענט טון, צו רעדן צו א פרעמדן מענטש א היימישע שמועס...

ישר כחך וחילך!
(----)
**עקסטענשאן 716 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

# אַנטדעקט מיינע כלים און טאַלאַנטן...!

**לכבוד הרה"ח נותן השיעורים הנפלאים, יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א**

"... איך ארבעט מיט א קרוב וואס דארף אסאך חיזוק ארויסצוקריכן פון זיין פלאנטער אין פארשידענע נפשיות'דיגע ענינים. דורך די רעיונות פון דברי חיזוק ואומץ, וואס איך האב געלערנט ביי "פראדאקטיוו" האב איך אים געקענט געבן אסאך עצות און חיזוק וואס העלפט אויסערגעווענליך און ער איז מיר שטארק דאנקבאר.

איך האב מיר אויסגעלערנט צו געבן גוטע געפילן און קאמפלימענטן פאר מיינע קינדער און ב"ב און אלע ארומיגע. איך וועל אי"ה ווייטער ארבעטן אויסצונוצן מיינע כלים און טאלאנטן וואס איך האב אנטדעקט אז איך פארמאג. א גרויסן ישר כח! איך וועל אייך מכיר טובה זיין מער און מער, ווען איך נוץ כסדר נאך און נאך הדרכות למעשה...

א דאנק!

(----)

**עקסטענשאן 741 #**

# איבערגעבן ווייטער

**לכבוד המדריך של פראדאקטיוו קורס שליט"א**

... דער חילוק פון די קורס מיט אנדערע שיעורים וואס איך האב שוין מיטגעלעבט, איז ווי פאלגענד: ביי אנדערע שיעורים האב איך נאר הנאה געהאט אויפן פלאץ, כ'האב געשפירט אז איך בין עפעס קונה, אבער ווען כ'האב עס געוואלט ניצן פאר מיר, אדער איבערגעבן פאר מיינע נאנטע, וואס איך האב געהערטביים שיעור בין איך געווארן 'סטאק'... כ'האב מיר אנגעשטאלפערט, און נישט געוואוסט פונקטליך וואס כ'האב געהערט.

"נאכן ענדיגן די "פראדוקטיוו קורס" האב איך געהאט די געדאנקען און בילדער אזוי קלאר פאר די אויגן, אז סיי ווען ס'איז אויסגעקומען איינע פון די טעמעס, האב איך געקענט אקטיוויזירן וואס מ'האט געלערנט, און אויך געקענט איבערגעבן פאר מיינע גאר נאנטע, זאכן וואס איך האב געלערנט און ס'קען זיי העלפן! דאס הייסט "פראדאקטיוו".

הצלחה רבה!

(----)

**עקסטענשאן 476 #**

# אַ ריכטיגע פלאן פון פאראויס

**לכבוד המנהל של ה"פראדאקטיוו קורס" שליט"א.**

... כ'האב געהאט א שווערע אויפגאבע צו ארלעדיגן, היינט דינסטאג פר' וישלח, כ'האב נעכטן אויספלאנירט א פלאן פון-פאראויס לויט די טעקניקן וואס כ'האב געלערנט ביי די קורס, און ס'האט געארבעט אייזן! דער פלאן איז אויסגעפירט געווארן ב"ה ביזן לעצטן דעטאל.

יא, ס'האט טאקע גענומען 12 שעה, אבער ס'איז אריינגעגאנגען דערין ארבעט פון 18 שעה, און כ'בין נישט געווארן מוטלאז קיין איינמאל אינמיטן די ארבעט, דורך די ספעציעלע מעטאדן וואס מ'גיט ביי פראדאקטיוו, וויאזוי נישט מיד צו ווערן און מיטן אויספירן א פאראויסגעזעהנע פלאן!

יישר כח!

(----)

**עקסטענשאן 588 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## פאַרשטערקערט דעם קשר מיט די קינדער

**לכבוד ידידי היקר יעקב יצחק בעל 'פראדאקטיוו' שליט"א**

"... די שיעורים זענען געווען צום פינטל, און עס איז געווען א באזונדערע הנאה בלויז עס אויסצוהערן. בפרט ווען אויסער די אינפארמאציע טוט מען דאס פראקטיצירן אויף גאר געניאלע אופנים, אז דאס ווערט א חלק פון די פערזענליכקייט און עס גיין אריין אין דיביינער, אויף אזוי ווייט אז עס גיסט זיך גאר איבער, און די בני בית איז אויך נשפע געווארן פון מיין התלהבות און – לעומת זה - רואיגקייט.

זינט די געוואלדיגע קלאסן, האב איך פיל פארשטארקערט די קשר צו מיינע קינדער. איך האב געלערנט דעם וועג וויאזוי צו קענען פארברענגען 'אינאיינעם' מיט זיי, און זיין 'קאנעקטעד', און נישט זיי זאלן טון איין זאך און איך א צווייטע.

די זומען וואס איך האב ב"ה איינגעפלאנצט ביי "פראדאקטיוו" שפראצט יעדן טאג מיט פרישע פירות, און איך דאנק יעדן טאג דעם באשעפער פאר'ן מיר צופירן צו די קלאסן, און פאר זיינע גוטע שלוחים ...

ישר כח!

(----)

**עקסטענשאן 700 #**

## געטראָפן אַ מלמדות דזשאַב און אויסטערליש מצליח

**לכבוד הר"ר יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א, מנהל השיעורים של 'פראדאקטיוו'**

"... איך בין געווען ביי די שיעורים שוין באלד א יאר צוריק און די הצלחה וואס איך האב געהאט נאכדעם איז אין לשער! איך האב דורכדעם געטראפן א פאסיגע דזשאב אויף דעם זומער, און לאמיר אייך טאקע דערציילן איבער דעם:

איך בין געווארן אנגענומען אלס 'מדריך' אין א היימישע קעמפ. עס איז נישט גרינג צו האלטן קאנטראל אויף א קלאס מיט קינדער אין קעמפ. אבער די טולס וואס איך האב געלערנט ביי 'פראדאקטיוו' איז מיר צוניץ געקומען און איך האב באוויזן צו האלטן די קלאס אין קאנטראל, נאך בעסער ווי לאנגיעריגע מלמדים און מדריכים. נישט איך זאג עס, דאס זאגט דער מנהל פון דער מוסד!

איך קלער אז א מלמד וואס גייט זיך נישט לערנען טולס און טאקטיקן וויאזוי צו פירן רואיג א קלאס מיט קינדער, פארלירט 70/80 פראצענט פון די אמת'ע ווערד וואס ער קען ארויסגעבן און מצליח זיין ...

א דאנק אייך פון טיפן הארצן!

(----)

**עקסטענשאן 661 #**

## אריין אין כיתה אזוי 'באקוועם'!

**לכבוד המגיד שיעור הר"ר יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א**

... "איך געדענק נישט ווען כ'בין אמאל אריינגעקומען אין מיין כיתה אזוי באקוועם און רואיג!

" דאס איז די נקודה וואס איך וויל ארויסברענגען אין מיין יעצטיגער בריוו. כ'וויל מיר באדאנקען פארן רואיגקייט און באקוועמקייט וואס כ'האב קונה געווען ביי די שיעורים. מ'איז אן אנדערע מענטש, מ'שפאצירט אויפן גאס באקוועם און געלאסן, מסודר און מנוחה'דיג. ס'איז ווערד אלע געלטער! עמיצער וואס האט עס נישט מיטגעלעבט וועט עס קיינמאל נישט פארשטיין".

נאך אמאל א גרויסן יישר כח!

(----)

**עקסטענשאן 656 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## טו עס פאר דיין משפחה!

**לכבוד המדריך החשוב מ'פראדאקטי"וו, יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א**

"... מענטשן מיינען אז מ'גייט צו 'פראדאקטיוו' טוט עס אויף בלויז פאר זיך. מ'שפירט זיך בעסער, מ'ווערט מער פראדאקטיוו, מער אויפגעבויט.

ס'איז אלעס אמת. אבער איך האלט אז מענטשן פארזעען איין פאקט: ס'טוט אויף מורא'דיג נישט נאר פאר זיך אליינס, נאר אויך פאר די ווייב, די קינדער, די ארומיגע! איך זעה עס אין שטוב, יעדער האט אויפגעלעבט! ווייל יעדער ווערט נשפע דערפון! כ'האב מסביר געווען נעכטן פאר עמיצן: "טו עס פאר דיין משפחה!"

מיט אנערקענונג
(----)
**עקסטענשאן 645 #**

## א 'רואיגער' מענטש

**לכבוד המדריך החשוב יו"ר פראדאקטיוו קורס שליט"א**

... זייער אסאך מענטשן קומען צו די שיעורים ווייל זיי ווילן געהאלפן ווערן מיט איין נקודה, און למעשה ווערן זיי ממש אויפגעראכטן מיט פילצאליגע אנדערע ענינים. צב"ש: איך בין געקומען צוליב מיין מאנגל אין זעלבסט-זיכערקייט. כ'האב געוואלט שטייגן אינעם ענין פון "סעלף קאנפידענץ".

למעשה אין די לעצטערע וואכן, זעה איך א מורא'דיגער טויש אין מיין רואיגקייט מיט מיין קינדער, כ'האב איין 11 יעריג קינד וואס פארמאגט א גאר שטארקע עקשנות-פראבלעם, און ס'פלעגט מיר ממש ארויסנעמען פון די כלים. אבער היינט צוטאגס בין איך א רואיגער מענטש, מיין פרוי באוואונדערט עס!

הצלחה מרובה!
(----)
**עקסטענשאן 549 #**

## דולה ומשקה – פאַר די אייגענע תלמידים!

**לכבוד המחנך הנפלא שליט"א**

... קודם וויל איך זיך באמת באדאנקען פאר די רייכע טאלאנטפולע שיעורים וואס איך האב קונה געווען זייענדיג ביי "פראדאקטיוו" במשך די פיר וואכן, וואו איך האב געהאט די זכי' צו הערן און אריינעמען אין מיר די אלע דרגות, עצות און טאקטיקן, וויאזוי צו באקומען אן אמת'ן בעסערן לעבן, וואו מען קען אריבערגיין שוועריקייטן – בעסער געזאגט – וואו יעדע שוועריקייט איז א געלעגנהייט זיך צו שטארקן און וואקסן בעסער און שטערקער.

... אייער ארבעט וואס איז אריין אין מיר, גיב איך איבער פאר מיינע תלמידים אין חדר, און איר האט געוויס א חלק אין די הערליכע פירות און אין מיין אויסטערלישע הצלחה וואס איך האב ...

מיט פיל דאנק!
(----)
**עקסטענשאן 733 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## מיינע קינדער האבן אויפגעלעבט

**לכבוד המנהל שמו הטוב יבורך שליט"א**

... איך האב געניצט די עצות און אנווייזונגען אינדערהיים, וויאזוי צו געבן די ריכטיגע אנערקענונג פאר מיינע קינדערלעך, און כ'מוז אייך זאגן: עס האט זיך אויסגעצאלט!

איך קען דערקענען אויף מיינע קינדער ווען איך קום אהיים, וויאזוי זיי האבן אויפגעלעבט. זיי ווייסן אז "יעצט איז די צייט ווען טאטי געבט זיך אפ מיט אונז".

יישר כח
(----)
**עקסטענשאן 344 #**

## צווישן זון און טאכטער

**לכבוד המנהל של ה'פראדאקטיוו קורס' שליט"א**

... עס האט געארבעט אייזן! לאמיר אייך געבן איין ביישפיל: מיט מיין אינגל פון 8 יאר און מיין טאכטער פון 13 יאר (וכו'...) דער סך הכל איז אז דורך די מהלכים וואס איך האב גענוצט פון די קלאסן, האבן זיי זיך פלוצלינג אנגעהויבן צו פארשטיין. זי האט שוין נישט געשריגן, און ער האט אנגעהויבן צו פאלגן, אלעס האט אנגעהויבן פארן געשמירט...".

כ'קען זאגן בפה מלא: ס'איז דאס ערשטע מאל וואס איך זעה 2 פון מיינע קינדער זאלן אזוי קאמיוניקירן אויף אזא פאזיטיווער און פאנטאסטישער פארנעם. לית מאן דפליג אז דאס איז א תוצאה פון די קלאסן. ברוך ה'.

יישר כחך וחילך!
(----)
**עקסטענשאן 675 #**

## געהאלפן מיט די קאמיוניקאציע אין שטוב

**לכבודכם הרמה.**

כ'וויל דיר שטארק מכיר טובה זיין אויף דעם וואס די האסט זיך אזוי איבערגעגעבן פאר יעדן איינעם פון די משתתפי השיעור, ממש מיט יעדן איינעם באזונדער, אויסגעהערט און ארויסגעהאלפן מיט סיי וועלכע פראגעס.

די ביסט געווען דער ריכטיגער שליח אויפצובויען מיין שטוב, שאפנדיג א אויסטערלישע שטערקערע און בעסערע קאמיוניקאציע צווישן מיר און מיין בני בית תחי', און מיט מיינע קינדערלעך.

השי"ת זאל דיר העלפן ווייטער פארצוזעצן און ארויסהעלפן נאך און נאך מענטשן. יישר כח!

בכבוד ובברכה
(----)
**עקסטענשאן 399 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## געקומען פאר ביזנעס; און אין די זעלבע צייט געהאלפן פאר שלום בית...

**לכבוד ידידי היקר יעקב יצחק, המגיד נפלא!**

כ'האב אויסטערליש נהנה געווען פון אלע שיעורים, כ'קען נישט אריינגיין אין קיין דעטאלן פונקטליך וועלכער שיעור האט מיר געהאלפן אין וועלכן ענין, אבער איין זאך איז קלאר: געקומען בין איך ארויסגעהאלפן צו ווערן מיט ביזנעס, און דערווייל האט עס מיר געהאלפן נישט בלויז מיט ביזנעס, נאר אויך אין קאמיוניקאציע בין אדם לחבירו, אין שלום בית א געוואלד, און אזוי ווייטער!

ס'איז מיר וויכטיג צוצולייגן אז דער ספעציעלער "עקסערסייז" וואס ווערט געמאכט נאכן שיעור, האט מיר אויסטערליש ארויסגעהאלפן, סיי מיטן געדענקען און פראקטיצירן די זאכן להלכה ולמעשה!

ידידו ומוקירו

(----)

**עקסטענשאן 391 #**

## שבת טיש; א אנדערע פנים!

**לכבוד המגיד שיעור הנפלא שליט"א**

יא! ס'האט מיר געהאלפן אין חינוך...

... איך וויל נישט אראפלייגן אויף פאפיר וויאזוי ס'האט אויסגעזעהן מיין שבת-טיש אמאל... פארוואס עסטו קיינמאל נישט אויף?! פארוואס זענט עטס אין פלעי-רום?! ווער רעדט נאך פון לייגן די קינדער שלאפן. ס'איז געווען היפש אנגעצויגן און שווער.

יעצט איז שוין עטליכע וואכן וואס איך נוץ עטליכע "טאָלס" וואס כ'האב מיר געלערנט ביים שיעור, ס'איז ממש נפלאות הבורא! אלעס גייט געשמירט, מיט אזא רואיגקייט און אויף אזא לייכטער אופן, איך האב אזא הנאה ממש אין לשער!

יישר כח!

(----)

**עקסטענשאן 423 #**

## איך בין מודה: עס איז מעגליך זיך צו טוישן!

**לכבוד מו"ר המגיד שיעור הנפלא שליט"א**

"... ביי איינע פון די קלאסן דורכאויס די מורא'דיגע פראדאקטיוו-קלאסן האבן מיר געלערנט דעם געדאנק אז עס איז נישט קיין שום שוואכקייט מודה צו זיין אויף א טעות וואס מען איז באגאנגען, און מען זאל מודה זיין מיט א שטארקייט און רואיגקייט אז מען איז באגאנגען א פעלער.

אצינד וויל איך מודה זיין על האמת אז איך האב געמאכט א טעות! איך האב אמאל געמיינט אז "איך וועל מיר שוין קיינמאל נישט טוישן...! איך וועל קיינמאל נישט קענען באהערשן מיין כעס, ווען איינער נעמט מיר ארויס פון די כלים". אבער אצינד מוז איך מודה זיין אז כ'האב געמאכט א טעות...

עטליכע טעג צוריק האט מיין יונגל צעבראכן די שערער-מאשין אינדערהיים. איך האב זיך געוואלט אויפרעגן און אים גוט אנשרייען. עס איז מיר ארויפגעקומען די כעס אין קאפ. אבער זיך דערמאנענדיג די 'טולס' וואס מען האט געלערנט ביי די קלאסן וועגן די נושא, האב איך באוויזן זיך צו האלטן רואיג און טון וואס איז ריכטיג.

איך האב אליינס נישט געגלייבט אז איך האב עס באוויזן! יא! עס איז מעגליך זיך צו טוישן...!

א דאנק פארן ראטעווען מיין קינד...!

(----)

**עקסטענשאן 917 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## מיין טאָכטער'ל שלאָפט איין צייטליך...

**לכבוד מו"ה המדריך שליט"א**

"... שוין די לעצטע 2 טעג האב איך מיך באנוצט מיט איינע פון די 'טולס' מיט מיין קליינע טאכטער'ל אז זי זאל שנעל קענען איינשלאפן, און עס האט געהאלפן אויסערגעוועונליך. זי איז געגאנגען שלאפן מיט א גוטע געפיל און געבעטן אז איך זאל עס נאכאמאל מאכן מיט איר.

דאס האט געברענגט ברוך השם אז די אטמאספערע אין שטוב זאל זיין אסאך רואיגער און געשמאקער, און האט פארמיטן עגמת נפש און קריגערייען. איך האף בעז"ה צו שטייגן ווייטער אין אלע ענינים בפרט אין ענין פון התלהבות צו קענען אויסנוצן דעם טאג ווי עס דארף צו זיין מיט א ריכטיגן סדר און ערפילן מיינע פליכטן מיט התלהבות..

א גרויסן דאנק אייך!
(----)
**עקסטענשאן 767 #**

## אַ פרייליכע שטוב – געטווישט!

**לכבוד הרב המגיד שליט"א**

"... עס איז א נחת אריינצוקומען אין מיין שטוב און זעהן די פרייליכקייט וואס הערשט אויף יעדנ'ס פנים, ממש קיין פארגלייך צו וואס עס איז געווען מיט בלויז עטליכע וואכן צוריק, בעפאר די שיעורים.

בלויז עטליכע דגמאות: איך האב אנגעהויבן צו האבן א מורא'דיגע נאנטקייט מיט מיינע קינדער זיי קומען מיר אנטקעגן יעדן טאג מיט א שמייכל אנשטאט וואס זיי האבן אמאל געזאגט אוי טאטי' איז שוין אהיימגעקומען מ'גייט שוין יעצט כאפן פעטש... זיי קענען קוים ווארטן ביז ס'קומט שבת זיי זאלן קענען זיין מער צייט מיט מיר, ובפרט ווארטן זיי מיט גרויס עקסייטמענט אויף מוצאי שבת וואס דאן לייג איך אריין אן עבודה מיט די קינדער צוצוגרייטן פאר דער וואך לויט ווי מ'האט מיר געלערנט ביי 'פראדאקטיוו'. די מלמדים פון מיינע קינדער זענען איינגעשפאנט געווארן אין די ארבעט, און זיי ארבייטן היינט מיט מיינע קינדער אינגאנצן אנדערש. כ'האב אמאל געמיינט אז די מלמד איז שולדיג אז ער טוט נישט די דזשאב מיטן קינד, היינט זעה איך אז איך בין געווען שולדיג, זיי זענען אנדערש אין חדר און אנדערש און שטוב!

ס'וועט נישט מעגליך זיין פאר איינער וואס איז נישט געווען ביי 'פראדאקטיוו' צו פארשטיין וואס איך שרייב דא, אבער די און אלע וואס זענען געווען ביי די קלאסן פארשטייען גוט, און ווייסן וואס ס'איז געווען פאר זיי זענען געקומען צו די קלאס, און ווי בעסער זיי זענען יעצט!

געלויבט השי"ת! ישר כח!
(----)
**עקסטענשאן 808 #**

## די פיש אין פריזער...

**לכבוד המגי"ש של פראדאקטיוו שליט"א**

"... די שיעורים פאר זיך זעלבסט זענען געווען אן אויסערגעוועונליכע געשמאק מיטצוהאלטן און עס האט געצויגן צו הערן יעדעס ווארט, אפילו ווען איך בין געווען גאר מיד האב איך זיך נישט געקענט ערלויבן צו פארפאסן קיין מינוט, און אצינד איז עס ב"ה טופח על מנת להטפיח און מיין שטוב איז פארוואנדלט געווארן אין א פרייליכע אידישע שטוב, און די ארבעט גייען ווייטער און ווייטער.

די "רואיגקייט" טולס זענען ממש לעבנ'ס-וויכטיג, עס האט מיר ארויפגעפירט אויף די ריכטיגע שינעס. צום ביישפיל, דעם שבת האט מיין חשוב'ע ב"ב שתחיו בטעות געלייגט די פיש אין פריזער און ווי פארשטענדליך איז עס נישט געווען געשמאק, און עס איז מיר בכלל נישט געווען קיין נסיון צו ווערן נערוועז. איך האב גענוצט פארשידענע 'טולס' און געהאט ב"ה א הערליכע רואיגע סעודה.

אין דעם געלעגנהייט וויל איך זיך באדאנקען אויף די ½ שעה וואס דו האסט מיר געשאנקען אויפ'ן טעלעפאן, וואס האט מיך ב"ה געהאלפן טרעפן וואו ס'ליגט אריינגעשטעקט אלע מיינע פראבלעמען, און נאך דעם שמועס האב איך געזעהן אסאך זאכן וואס האט צו טון מיט דעם און איך ווייס וויאזוי צו ארבעטן. איך האב נישט די ווערטער דיר צו דאנקען פאר דעם!

הרבה ממה שכתבתי יש כאן!
(----)
עקסטענשאן 699 #

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## ערלעדיגט! מ'קען טאַנצן הקפות!

**לכבוד המגיד שיעור ב'פראדאקטיוו' שליט"א**

"... איך בין באמת געשטארקט געווארן אין אלע 4 ענינים וואס מ'האט געלערנט. די מהלך ארבעט שוין ביי מיר אויטאמאטיש, און עס איז מיר מער נישט שווער צוצוגיין צו מענטשן. איך בין פיל שטערקער און רואיגער. ממש א מחי'!

דעם פארגאנגענעם חול המועד סוכות האב איך געדארפט ערלעדיגן א ספר תורה פאר א ביהמ"ד צו טאנצן די הקפות שמחת תורה. עס האט זיך געמאכט עטליכע שוועריקייטן אינצווישן. איך האב געדארפט רעדן צו עטליכע מענטשן, און איך האב באשיינפערליך געשפירט אז די 'טולס' פון פראדאקטיוו האבן מיר געהאלפן זיך האלטן רואיג, און אויך צו קענען אנגיין מיט התלהבות ביז אלעס ווערט מסודר על צד היותר טוב...

אסאך הצלחה!

(----)

**עקסטענשאן 912 #**

## עס העלפט אויך אויף 'למעשה'!

**לכבוד מו"ר המגיד שיעור הנפלא שליט"א**

"... מיין הארץ איז איבערגעפילט מיט דערהויבענע געפילן אז איך האב געהאט די זכיה צו זיין ביי די פראדאקטיוו-קורס וואס איז מלא תוכן און ריכטיגע ווענן וואס א איד דארף נוצן אין אלע צייטן, ממש א שטיק מוסר ספר און חסיד'יש ספר, פול מיט אמונה, בטחון און נאנטשאפט צום אויבערשטן, תורה ותפלה ויראת שמים.

איך וועל איבערגעבן פאר די חשוב'ע ליינער איין קליינער עפיזאד פון פילע אנדערע וואס האט פאסירט ממש יעצט שמחת תורה: איך האב געגעסן ביי מיין שווער מיט אלע שוואגערס די סעודה, ביי אזעלכע פעלער בין איך ביז היינט געווען שטיל און פארמאכט, אבער אצינד האב איך גענוצט די 'טולס' פון פראדאקטיוו און איך האב ב"ה געשמועסט מיט א חיות און לעבעדיגקייט און געווען א חלק פונעם יו"ט-טיש.

איך האב נישט די ווערטער אייך צו באדאנקען! איך האב געזעהן פון דעם אז די אלע 'טולס' און עצות העלפן טאקע אויף למעשה, און עס העלפט טאקע גאר שטארק...

מיט דאנק!

(----)

**עקסטענשאן 914 #**

## אויפגעשטאנען שפעט; אָנגעקומען צייטליך

**לכבוד המגי"ש של פראדאקטיוו שליט"א**

"... די חלק פון 'התלהבות' - אז א מענטש איז ביכולת אנצוצינדן אן אויסטערלישע התלהבות אפילו מען איז דורכגעפאלן און אנקומען פיל ווייטער ווי פארדעם – איז קולע אל השערה.

איך האב היינט פארטאגס זיך אויפגעוועקט 5:45 דורך מיין זייגער אזוי ווי יעדן טאג, אבער כ'בין צוריק איינגעשלאפן. 6:07 האב איך זיך געגעבן א כאפ אויף און געזעהן אז עס איז שוין שפעט. איך האב באוויזן אנצוצינדן אין מיר א גרויסע התלהבות דורך די מיטלען וואס מען האט געלערנט, איך בין ארויסגעשפרינגען פון בעט און אלעס געטון מיט די גרעסטע מאס התלהבות. 6:18 בין איך שוין געווען נאך די מקוה און איך בין אנגעקומען צייטליך צו מיין פארטאגס שיעור אום 6:30.

נישט בלויז האב איך באוויזן אנצוקומען צייטליך, נאר צוליב די התלהבות בין איך שוין געווען 6:18 נאך די מקוה, און איך האב נאך געהאט די געלעגנהייט צו ערלעדיגן אפאר זאכן ביז 6:30, וואס אפילו אין א געווענליכע טאג ווען איך שטיי אויף צייטליך האב איך נישט די צייט. דאס האט מיר ווידעראמאל איבערצייגט שווארץ-אויף-ווייס אז ווען מען ארבעט מיט די געוואלדיגע כלים פון התלהבות אפילו נאך א דורכפאל קומט מען אן גאר הויך וואס נארמאלערהייט וואלט איך שוין געבליבן שלאפן, אויב בין איך פארשלאפן...

מיט דאנק פאר די פיל צייט, וואס כ'האב צובאקומען!

(----)

**עקסטענשאן 873 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## איין שטיק חסידי'ש ספר

**לכבוד המגיד שיעור מו"ה יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א**

... "בפרט האב איך זייער הנאה געהאט פונעם פאקט אז די שיעורים זענען איין שטיק אמונה ובטחון, שמחה, שמירת עינים, א.א.וו. ס'איז איין שטיק חסידי'שע ספרים! וואס איז א געשמאק צו הערן, און מ'ווערט דערפון מורא'דיג נתעלה, ברוחניות ובגשמיות".

... "ס'איז געוואלדיגע רעיונות וואס מ'קען נוצן ביי א שמועס מיט די קינדער, איך האב איבערגעבן לעבעדיגע געדאנקען און מעשיות פאר די קינדער, און זיי האבן אויסערליש הנאה געהאט דערפון!"...

יישר כח!

(----)

**עקסטענשאן 604 #**

## לערנען ברצופות/פאַרדינט גרויסע געלטער!

**לכבוד ידידי היקר - המדריך שליט"א**

"... כ'בין געווען ביי די קלאסן שוין זעקס חדשים צוריק, און אויפ'ן פלאץ האב איך שוין אויפגעטון גאר אסאך, ספעציעל מיטן זיך קענען קאנצעטרירן צו לערנען אליין, וואס אמאל האב איך נישט געקענט לערנען אן א חבר אפילו 5 מינוט, און זינט די שיעורים האב איך שוין עטליכע מאל באוויזן צו לערנען 3 שעה אין איין ציה.

... איך בין אויך א פארט-טיים פאנדרעיזער פאר א קליינער מוסד. איך פלעג ביז היינט צאמשטעלן א האלב יאר בערך $25,000 אבער זינט כ'האב מיטגעהאלטן די קלאס, וואו עס איז געגעבן געווארן אסאך 'טולס' און 'מהלכים' וויאזוי צו זיין מער 'מאטעוועיטעד' און ארבעטן פלייסיגער און אויך וויאזוי צו רעדן צו מענטשן און עפענען זייערע הערצער, האט זיך די הכנסות פארמערט פילפאכיג מער. בלויז אין די לעצטע האלבע יאר זינט די קלאס האב איך שוין אריינגעברענגט די ריזן סומע פון $75,000.

באמת בין איך נישט געקומען צו די קלאס צו מאכן געלט, דאס איז שוין געווען - ווי מ'זאגט – די קאמפאוט... איך וואלט געזאגט פאר די וועלכע האלטן זיך אפ צו קומען צו די שיעורים וועגן עס קאסט צופיל געלט, אז עס וועט זיך אויסצאלן בכפלי כפלים, און די עיקר זאך וואס איר ווילט אויפטוהן וועט זיין ווי פאר אימזיסט.

אדרבה! איר קענט מיר אנרופן דורך מיין עקסטענשאן:

(----)

**עקסטענשאן 715 #**

## קלאר; לעבעדיג; און אפעקטיוו!

**לכבוד המגיד שיעור החשוב שליט"א**

... בעיקר איז מיר צוניצגעקומען די 'קאמיוניקאציע כללים', עס האט אויפגעבויעט ביי מיר א מורא'דיגע רואיגע און זיכערע קאמיוניקאציע צווישן אלע מיט וועם איך קום אין קאנטאקט, אנגעהויבן ביי קינדער/חברים/חברותות/ארבעט שותפים א.א.וו.

... "רואיגקייט"! אזא וויכטיגע זאך וואס טוישט ממש דאס לעבן. היינטיגע טאג זעלבסט בין איך געבליבן רואיג אין פעלער ווען איך וואלט אמאל געווארן אנגעצויגן און פארלוירן, אבער יעצט בין איך עס דורכגעגאנגען ב"ה מיט'ן פולסטן רואיגקייט און געהאלטן דעם קאפ אויפ'ן פלאץ.

דורך די געוואלדיגע כח פון 'התלהבות' האב איך אנגעפילט מיינע סדרים מיט רצופות, אויף אן אופן וואס איך האב שוין נישט געטון יארן לאנג.

נאכאמאל א גרויסן ישר כח. דער אויבערשטער זאל דיר באצאלן.

צלח ורכב!

(----)

**עקסטענשאן 702 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

# פונדאַמענטאַלע לימודים אויפ'ן לעבן

**לכבוד הרב מ'פראדאקטיוו-קורס' שליט"א**

"...דו האסט אריינגעברענגט אין מיר פארשטאנד און שכל צו פארשטיין די טיפע מחשבות און הרגשים פון מיר און פון מיינע ארומיגע, געפלאכטן מיט וואונדערליכע טייטשן און ביאורים אויף די פסוקי התורה און ווערטער פון די ספרים הק'. איך האב מיר געלערנט וויאזוי אפצולערנען יעדע זאך וואס מען זעהט אין לעבן.

מיט א מורא'דיגע קלארקייט און רואיגקייט האסטו דערלייכט מיינע אויגן בתורת הנפש, אויסגעלערנט וויאזוי צו ארבעטן אויף די מידות, טוען מצות מיט התלהבות און חשק, און וויאזוי צו טוען חסד איז קאמיוניקירן מיט אנדערע אויף א ריכטיגן געשמאקן אופן.

איך האב געלערנט צו טון וואס איז ריכטיג און נישט זיך צוריקהאלטן צוליב בושה, און אזוי צו קענען ארויסברענגען מיינע אלע כוחות מיט איר גאנצקייט...

מיט הכרת הטוב!
(----)
**עקסטענשאן 768 #**

# "קאַמיוניקאַציע" צום רבוש"ע

**לכבוד הרב המדריך - מ'פראדאקטיי"וו שליט"א**

"... איך האב אויסטערליש הנאה געהאט פון דעם גאנצן קלאס און אלע שטארקע לימודים מיט וואס איך בין ווערן א מענטש צווישן מענטשן, און טון רייכער געווארן. אבער אויסער די פילע גשמיות'דיגע בענעפיטן – פון: ווערן א מענטש צווישן מענטשן, און טון וואס איז ריכטיג אן קיין שום נעגאטיווע מחשבות - האט עס מיר גאר שטארק געהאלפן אין רוחניות.

אן זיך רעכענען אפילו פון פאראויס אז די קלאס וועט מיר העלפן צו זיין ערליכער און א גוטע איד, איז עס געשען, און איך נוץ די "קאמיוניקאציע" טולס צו מאכן קאמיוניקאציע מיט איינעם... צו איינעם וואס איך וויל זייער שטארק האבן א קשר... צום הייליגן באשעפער! איך מאך זיך א גוטע געפיל צו אים, אזוי-ווי כ'האב מיר געלערנט צו מאכן א גוטע געפיל צום חבר, איך דריק זיך אויס מיינע בקשות אזוי-ווי כ'האב זיך געלערנט אויסצודירקן מיינע פארלאנגען צו חברים.

אהה.. עכטע קאמיוניקאציע פילט א מחי'!

מ'קען עס נישט מסבר זיין פאר איינער וואס האט עס נישט געלערנט...
(----)
**עקסטענשאן 791 #**

# די שיעורים – ע"פ תורה והמסורה!

**לכבוד הרב המחנך ב'פראדאקטיוו-קורס' שליט"א**

"...ספעציעל האב איך הנאה געהאט פון די חסיד'ישע אטמאספערע וואס האט געהערשט ביי די קלאסן, ווען די גאנצע מהלך ווערט אראפגעגעבן אויף די חסיד'ישע וועג ועל דרך המסורה, און אלעס איז מיט'ן ציל "צו ווערן נענטער צום אויבערשטן". איך האב דאס געהערט פון נאך קלאס-מיטגלידער אז דאס האט זיי געגעבן דעם געפיל אז מען געפונט זיך אויפ'ן ריכטיגן פלאץ, און אז דער מהלך איז געבויט על פי תורה, (אנדערש ווי מ'קען אמאל שפירן ביי געוויסע שיעורים אז מ'זיצט דא ביי א 'פראפעסאר').

איך פיל א מורא'דיגע הצלחה אויף ממש אלע ענינים פארוואס איך בין אהערגעקומען, וואס רעכנט אריין זעלבסט-זיכערקייט – צו קענען האלטן א דרשה מיט 100% רואיגקייט, צו קונה זיין די קאמיוניקאציע-טולס, און די וועג פון טראכטן און ארויסנעמען א לימוד פון יעדע זאך, וואס האט ממש געטוישט מיין בליק אינעם טאג טעגליכן לעבן...

איך בין דיר באמת מכיר טובה!
(----)
**עקסטענשאן 758 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## קאנפידענס; קיין אומנויטיגע בושה!

**לכבוד המדריך ב"פראדוקטיוו קורס"**

גאר אסאך האב איך קונה געווען דא אין קלאס, כ'פיל אז כ'בין געשטיגן אין אסאך הינזיכטן. אבער לאמיר ארויסברענגען איין נקודה: "קאנפידענס"! לאמיר דיר געבן איין ביישפיל: נעכטן האב איך געהאט א שמחה אין נייטרא-זאל אין וויליאמסבורג. בין איך געלאפן דאווענען מעריב אין א דערנעבנדיגער ביהמ"ד, ס'איז א ביהמ"ד מיט קביעות'דיגע מתפללים, און ס'קומען נישט געווענטליך אריין סתם דרויסענדיגע מענטשן.

ביז היינט וואלט איך מיר נישט געטרויט ארויסצורעדן א הויעך ווארט אין אזא ביהמ"ד. אבער זייענדיג אנגעזאפט פונעם שיעור האב איך געזאגט א געשמאקן "ברכו" נאכן דאווענען... אן קיין בושה. ס'קען זיין אז פאר א צווייטן איז עס א קלייניקייט. אבער פאר מיר מיינט עס א געוואלד! כ'פלעג דאך ציטערן אריינצוגיין אין א פרעמד-ביהמ"ד וואו מ'באטראכט דיר פון אויבן-אראפ. כ'האב אליינס נישט געגלייבט אז נישט בלויז וואס איך בין אריין אין אזא ביהמ"ד, נאר כ'האב אפי' געמאכט א "ברכו" אן טראכטן צוויי מאל. הפלא'דיג ב"ה!

נאך איין נקודה: כ'פיל אז מיר האבן מורא'דיג אסאך אנגעיאגט אין איין חודש! אזויפיל ענינים, אזויפיל טעמעס!

חזק ואמץ!
(----)

**עקסטענשאן 386 #**

## תורה'דיגע משלים; גוטע רעיונות

**לכבוד המדריך החשוב ב"פראדוקטיוו קורס".**

לאמיר עס מאכן קורץ, ווייל די נקודה איז ממש איין ווארט:

כ'וויל מיר באדאנקען מעומק הלב פאר די געוואלדיגע שיעורים, וואס האבן ממש געטוישט מיין לעבן צום גוטן!

כ'מוז ארויסברענגען איין נקודה, כ'האב זייער הנאה געהאט אז אלע ענינים וואס איז אויסגעשמועסט געווארן, איז געזאגט געווארן אויף א תורה'דיגן אופן, מיט א צוגעפאסטן משל ונמשל פון מגידי אמת, און אינטערעסאנטע מעשיות.

כ'האב נאך קונה געווען אסאך ידיעות אין די זייט אויך... א זייטיגער בענעפיט!

יישר כח!
(----)

**עקסטענשאן 383 #**

## אַלע סאָרטן טעמעס

**לכבוד המדריך היקר והנפלא פון "פראדאקטיוו קורס".**

די גרעסטע חידוש וואס איך האב ארויסגענומען פון די שיעורים איז אז ס'איז געווען אזוי פיל סארט ענינים וואס איך האב קונה געווען. ממש א געוואלד!

פון איין זייט האב איך באקומען א פיל שטארקערער קשר צום רבוש"ע. אין די זעלבע צייט האב איך פארשטערקט מיין קשר אין שטוב, כ'פיל ממש ווי שנה ראשונה... כאטש איך האלט שוין איבער 10 יאר נאך די חתונה און כ'האב באקומען א ציהל צוזאמצונעמען הלכות איינס נאכן צווייטן.

וואס מיין איך ארויסצוברענגען? ס'איז דא אמאל שיעורים וואס מעלדן וואס מ'גייט דארט קונה זיין, אבער דא האב איך טאקע קונה געווען אזויפיל פארשידענע ענינים, ממש ס'איז שווער אויסצורעכענען איינס ביי איינס.

מוקירו וידידו
(----)

**עקסטענשאן 396 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## אַכט טויזנט דאָללאַר פּראָפּיט!

**לכבוד המחנך בעל 'פראדאקטיוו'**

...איך בין א ריעל-עסטעיט בראוקער פון פאך-אויס. ווען עס פלעגט קומען אמאל צו יעדע קאמפליצירטע קעיס בין איך געווארן פארלוירן און עס אפגעלאזט. נאכן דורכגיין די קלאסן בין איך פלוצלונג געווארן באוואפנט מיט די נויטיגע 'טולס' צו קענען רואיג דורכפירן סיי וואספארא 'דיעל'.

נאכן דורכגיין "פראדאקטיוו" האב איך באקומען דעם פולסטן קוראזש צו קענען האנדלען מיט יעדן "הארטן קערל", זאל דאס זיין 1) לויערס וואס לייגן אונטער שטיינער אין וועג, 2) שותפים און 3) קאנקורענצן. מיט'ן פולסטן רואיגקייט און זיכערקייט קען איך היינט ב"ה האנדלען מיט סיי וועלכן פאל, און איך האב שוין דערמיט דורכגעפירט אין די לעצטע צייט גאר גרויסע דיעלס, בלויז די פראפיט פון איין דיעל קומט אויס בערך אכט טויזנט דאללאר. איך בין אויסטערליש דאנקבאר פארן געטרייען שליח מן השמים, אינעם פארעם פון "פראדאקטיוו קורס".

איבערצייגט אייך אליין! איר קענט מיר סיי-ווען אנרופן אויף מיין עקסטענשאן נומער:

(----)

**עקסטענשאן 875 #**

## געבעטן א 'רעיז' צום ערשטן מאל!

**לכבוד ידידי יעקב יצחק, יו"ר 'פראדאקטי"וו קור"ס'**

"... ס'איז שוין א לענגערע צייט וואס איך ווייס אז איך מוז זיך אוועקזעצן מיט מיין מענעדזשער צו בעטן א raise, אבער איך האב נישט געהאט דעם קוראדזש, און איך האב עס געהאלטן אין איין אפשטופן, ווייל כ'האב געציטערט דערפון...

"נאכן אהיימקומען פון די שיעורים - זייענדיג מלא חיזוק און פארשטאנד - האב איך גענומען דעם קוראדזש און געבעטן מיין מענעדזשער אז כ'וויל זיך מיט אים אראפזעצן, און כ'האב טאקע אויסגעשמועסט מיט אים זייער קלאר מיין סיטואציע. און ב"ה איך האב באקומען א raise!

א דאנק

(----)

**עקסטענשאן 650 #**

## באאיינפלוסט דעם גוי!

**לכבוד המגיד השיעורים הנפלאים ב"פראדאקטיוו-קורס"**

"... זייענדיג א ריעל-עסטעיט אגענט בין איך עוסק מיט אפקויפן שטחים ארום קרית יואל פאר'ן געברויך פונעם תושבי העיר, וואס וועט צוניץ קומען ביים אנעקסירן די פרישע שטחים, ווייל איך דא שילדערן אן עפיזאד וואס האט מיט מיר פאסירט: ביי איינע פון מיינע געשעפטן האב איך זיך געטראפן מיט א לאנד-אייגנטומער, א גוי און אנטיסעמיט, וואס ווי נאר ער האט מיר געטראפן האט זיך יענער גענומען שרייען אויף מיר "דו פארשאלטענער איד, איך וויל נישט מיט דיר האנדלען, טראג דיר אפ פון דאנ!"

"אבער אזוי ווי איך בין געווען אין נארמאלע אומשטענדן וואלט איך פארלוירן געווארן און אינגאנצן אויפגעגעבן, אבער ווי איך בין געווען ביי די 'פראדאקטיוו-קורס' האב איך תיכף גענוצט די טולס וואס מיר האבן געלערנט וויאזוי צו באאיינפלוסן אנדערע מענטשן און זיי איבערצייגן אויף דיין זייט, און איך האב אנגעהויבן צו רעדן צו אים לויט די אנווייזונגען". נאך א טאג צוויי האט דער גוי שוין מסכים געווען צו פארקויפן זיין לאט, און נישט בלויז פארקויפן, נאר ער האט מיר געגעבן א ספעציעל-ביליגער פרייז! דאס האט מיר ווידעראמאל קלאר איבערצייגט אז די מעטאדן וואס איך האב קונה געווען ארבעטן אן קיין תנאים...

בהכרת הטוב מרובה!

(----)

**עקסטענשאן 875 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## ענדליך; געטראפן א דזשאב!

**לכבוד המדריך היקר והנפלא..**

"... פאר צוויי וואכן צוריק האב איך באקומען א דזשאב, און איך בין ב"ה זייער צופרידן דארט. די דזשאב איז געווען עדווערטייזט אין איך האב גערופן און געלאזט א מעסעדזש, מיט די טולס וואס מהאט מיר געלערנט, ער האט מיך גערופן פאר אן אינטערוויו אין אפאר טעג שפעטער האט ער מיך אנגענומען. די צווייטע טאג ווייזט ער מיר א צעטיל מיט איבער צוואנציג נעמען פון מענטשן וואס האבן געלאזט א מעסעדזש יענע טאג, און ער זאגט מיר אז ער האט נאר צוריק גערופן די פינף וואס זייער מעסעדזש איז אים די מערסטע געפאלן, אין פון די פינף אינטערוויוס האט ער מיך אויסגעקליבן...

ביי מיר איז נישט קיין ספק אז אדאנק די פראדוקטיוו קורס איז מיין מעסעדזש געפאלן מער ווי אנדערע 20, אין די אינטערוויא מער וואו אנדערע 5, איך האב שוין פאר פראדוקטיוו געלאזט אסאך מעסעדזשעס צו דזשאב אפערס און קיינער האט מיך נישט צוריק גערופן.. און אזוי איז דורך צוויי יאר אן א דזשאב.

און א וואך ארום איז די קלאס אויסגעצאלט, די איבריגע איז ריווח...

יישר כח פאר דעם און פאר אלע מיינע דערגרייכונגען!

(----)

**עקסטענשאן 872 #**

## פארגעשלאגן א מגי"ש-דזשאב

**לכבוד ידידי הנכבד יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א**

... לאמיר אייך געבן איין דוגמא, א מעשה שהי';

"נעכטן בין איך געוואויר געווארן אז הרב --- שליט"א עפנט א ישיבה גדולה קומענדיגן זמן. איך האב באשלאסן זיך צו באנוצן מיט 'התלהבות' (אינאיינעם מיט די אנדערע 3 יסודות), און איך האב אריינשפאצירט צו אים אין כולל, און געכאפט א שמועס מיט אים, נוצנדיג אלע 'כלים' וואס מיר האבן זיך געלערנט ביי די קלאסן, און איך האב זיך פארגעשטעלט אלס פאסיגער קאנדידאט אלס מגיד שיעור אין זיין ישיבה".

עס ליגט נסים ונפלאות אין דעם! דאס אז איך האב בכלל געקענט צוגיין צו אים – א חשוב'ער תלמיד חכם וראש הכולל מיט אסאך תלמידים – און פארשטעלן מיינע קאנדידאטור.

ישר כח! ישלם ה' פעלך!

(----)

**עקסטענשאן 481 #**

## \$200,000 פאַר דירה-געלט!

**לכבוד מנהל השיעורים הר"ר יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א**

"... כ'האב געוואוסט אז די 'פראדאקטיוו-טולס' ארבעט, אבער אויף אזוי ווייט? דאס האב איך מיר שוין נישט פארגעשטעלט..

מיין באבע תחי' איז זיך משתתף פאר יעדן אייניקל וואס קויפט א דירה מיט \$10,000. איך האב געדארפט קויפן א דירה, און – פארשטייט זיך – אז כ'האב זיך געניטיגט אין אסאך מער ווי די 10,000... איך בין ארויפגעגאנגען צו איר און איך האב אנגעהויבן צו כאפן מיט איר א שמועס פון א שעה צייט, מיט סטעפ ביי סטעפ טולס וואס כ'האב געלערנט ביי 'פראדאקטיי"וו', וואס כ'האב דורכדעם געמאכט מיר איר א שטארקע קשה, און דערנאך האב איך אנגעהויבן צו רעדן אז איך דארף האבן \$200,000 פאר מיין דירה, און כ'האב געקלערט אז זי וועט מיר געבן \$15,000-\$20,000. אבער למעשה בין איך אליינס איבערראשט געווארן ווען זי האט מיר פארשפראכן צו געבן די גאנצע \$200,000!! כ'האב ממש אליינס נישט פארשטאנען וואס דא האט פאסירט...

איך האב נאכדעם צוריקגעהערט אז זי האט געזאגט פאר איינעם אז זי איז געווארן מורא'דיג איבערגענומען פון מיר, און זי האט געשפירט אז זי "מוז" עס מיר געבן. יא! איך מוז מודה זיין אז די טולס פון 'פראדאקטי"וו' ארבייט פאר ריזיגע נומערן אויכעט!

כ'האב נישט קיין ווערטער!

(----)

**עקסטענשאן 375 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## "לקיים", אויספירן למעשה

**לכבוד המדריך החשוב והנפלא מ'פראדאקטיוו קורס**

... כ'בין שוין אמאל געווען ביי אנדערע שיעורים וואו מ'האט געהערט גאר אינטערעסאנטע זאכן, און ספעציעל האט מען גערעדט וועגן קאמיוניקאציע און וויאזוי ס'וועט פארבעסערן מיין באציאונג מיט מיין בעל הבית. כ'האב הנאה געהאט פון די שיעורים, אבער כ'האב קיינמאל נישט געזעהן קיין דיפערענץ למעשה.

נאכן גיין צו "פראדוקטיוו קורס" האט מיין בעה"ב מיר געזאגט צופרידענערהייט: "עפעס איז געשעהן מיט דיר, דו ביזט אן אנדערע מענטש". דאס איז די מעלה פון פראדאקטיוו! מ'לערנט אויס וויאזוי אויסצופירן "לקיים", אויסצופירן די לעקציעס למעשה!

הצלחה רבה!
(----)
**עקסטענשאן 433 #**

## אַ מורא'דיגע חילוק; אין 1 וואָך!

**לכבוד המדריך החשוב והנפלא מ' פראדאקטיוו קורס**

... כ'וויל זיך באדאנקען פאר די הערליכע שיעורים וואס איך האב זוכה געווען מיטצוהאלטן אין די לעצטערע וואכן, די שיעורים זענען געגעבן געווארן מיט א אויסטערלישע געשמאק און "קאליר", מ'האט עס ממש געקענט טאפן מיט די האנט, און ס'איז מורא'דיג אריין אין די ביינער.

דער עיקר האב איך הנאה געהאט אז ס'איז געגעבן געווארן אויף אזא אופן אז מ'זאל עס קענען "ממשיך זיין" און פראקטיצירן אין שטוב, ביי די ארבעט, און צווישן באקאנטע, כ'האב געזעהן ממש אין די לעצטע וואך אליינס א מורא'דיגע חילוק אין מיין גיסטע, מיין מוט, בפרט מיט רואיגקייט ווען מ'פרובירט משכנע צו זיין א צווייטן מענטש צו טון אנדערש ווי צוגעוואוינט.

בהוקרה
(----)
**עקסטענשאן 463 #**

## קאמיוניקאציע; ביי דער ארבעט

**לכבוד המגיד שיעור הנפלא של "פראדאקטיוו" - יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א.**

... עקסטער וויל איך מיר באדאנקען פאר געשמאקן אופן וויאזוי ס'איז אראפגעלייגט געווארן. אויף זייער א הפלא'דיגער וועג, קלאר צו פארשטיין.

איינע פון די כללים וואס איך האב שטארק קונה געווען, איז געווען "קאמיוניקאציע", כ'שפיר אז ס'וועט מיר אויסטערליש ארויסהעלפן אין די ארבעט, ס'וועט גאר אסאך ארויסהעלפן טאג טעגליך אינעם אפיס וואו איך בין איינגעשטעלט, אויפצובויען א קאמיוניקאציע מיט די ארבייטער, און אוועקשטעלן פרישע פראיעקטן.

מיט געפילן פון הכרת הטוב
(----)
**עקסטענשאן 426 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## וויאַזוי באַלאַנסירט מען אַזויפיל פראָיעקטן?

**לכבוד דער חשוב'ער מדריך פון די בארימטע "פראדוקטיוו קורס".**

אלס עמיצער וואס איז שוין א מיטליעריגער איד בין איך אויסטערליש נתפעל געווארן פון אייער ברייטע און רייכע עקספיריענס אין די אלע טעמעס. אבער ספעציעל בין איך איבערגענומען געווארן צו זעהן וויאזוי א מענטש קען פארמאגן אזויפיל פראיעקטן אויף זיינע פלייצעס, און פארבלייבן רואיג און געלאסן. "דאס" איז א לימוד וואס יעדער דארף זיך קענען ארויסלערנען!

ביז היינט האט מען מיר מכבד געווען מיט אסאך פראיעקטן, און כ'פלעג עס נישט אננעמען ווייל ס'פלעגט שטערן מיין סדר היום, יעצט ווייס איך וויאזוי זיך אן עצה צו געבן דערמיט, און כ'וועל בעז"ה קענען נעמען אויף מיר אסאך אסאך מער.

מענטשן האבן טאלאנטן, אבער ווייל זיי קענען עס נישט ארויסגעבן וועגן עיכובים, ווערן געלייגט מציבות אויף זייערע טאלאנטן און כשרונות..! כ'האלט אז מ'דארף מאכן א "פראדוקטיוו כינוס כלל ישראל!" פאר אלע שיכטן און קרייזן!

פון דיין תלמיד מובהק
(----)

**עקסטענשאן 379 #**

## כ'דערקען מיר נישט, ב"ה...

**לכבוד מנהל השיעורים הי"ו**

... יעדע איינציגע שיעור פון די קלאסן עקסטעע, איז געווען אן אויסערגעוועונליכע תענוג צו הערן.

... איך האב באקומען א כח ההשפעה אויף מיינע ארומיגע, און איך נוץ די 'טולס' וואס מ'האט געלערנט סיי אין שטוב, סיי אין אין ביזנעס, צווישן חברים, און ס'ארבעט ב"ה וואונדערליך! איך בין אליינס אנציקט... כ'דערקען מיר נישט.

יא! עס האט זיך געלוינט!
(----)

**עקסטענשאן 740 #**

## דער משל, און דער נמשל ס'ארבעט דאך אינגאנצן אנדערש

**לכבוד הרב פראדאקטיוו קורס שליט"א.**

... די משלים און די נמשלים וואס איז גענוצט געווארן. צב"ש: ווען מ'רעדט פון 'קאמיוניקאציע' די 'משלי' וואס איר האט גענוצט דערמאנט מיר די דיטעילס וואס מ'האט אויסגעשמועסט פון יענעם שיעור.

דאס זעלבע איז מיט רואיגקייט, קאנפידענץ, א.א.וו. דער משל – וואס איז אראפגעלייגט אזוי לעבעדיג ממש ווי איך וואלט עס מיטגעלעבט אויף די אייגענע ביינער – דאס איז זייער שטארק אריין אין קאפ, און דאס דערמאנט מיר אלע פונקטליכע פרטים פון יענעם שיעור.

כ'מוז אייך זאגן: איין פלאץ זעה איך א מורא'דיגער שינוי לטובה – מער ווי אויף אלע אנדערע פלעצער – דאס איז אין די ארבעט! כ'בין אסאך רואיגער, ס'האט גאר אסאך אויסגעמאכט.

הצלחה רבה!
(----)

**עקסטענשאן 607 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## פאַרלוירן $5,000 און געבליבן רואיג

**לכבוד הרב המגיד ב'פראדאקטיוו' יעקב יצחק שליט"א**

... נישט בלויז ווערן די טולס באנוצט ביי אלע געלעגנהייטן וואס מען האט ביי די קלאסן געגעבן אויף דעם משלים, נאר עס גייט אריין אין די ביינער אז ביי יעדן מצב, אפילו מען האט נישט גערעדט פון דעם דירעקט, ווייסט מען צוצושטעלן און וויסן קלאר וואס מען האט צו טוען און וויאזוי צו רעאגירן.

בפרט איז מיר צוניצגעקומען די אנווייזונגען וויאזוי זיך צו האלטן רואיג אין שווערע זמנים, ווען איך האב פארלוירן דעם ריזן סומע פון $5,000. איך האב געארבעט לויט די אנווייזונגען זיך צו בארואיגן און איך האב געקענט אנגיין מיט מיין טאג, אן דעם וואס מען זאל שפירן אין שטוב און ביי די ארבעט אז איך בין נערוועז, וואס דאן וואלט איך דערלייגט אסאך, אסאך מער...

מיט שעצונג

(----)

**עקסטענשאן 704 #**

## אין בלויז 4 וואכן!

**לכבוד המנהל שמו הטוב יבורך שליט"א**

"... עס איז צו קורץ דער פאפיר ארויסצוברענגען ריכטיג וואס דו האסט ב"ה מצליח געווען אויפצוטון מיט מיר. - וואס אנדערע האבן פרובירט במשך 28 יאר, האסטו מיטן באשעפערס הילף ארלעדיגט אין בלויז 3-4 וואכן!! און נישט נאר אויף מיר, נאר אויך אויף מיין משפחה, מיינע קינדער, מיינע תלמידים, אנגעהויבן פון היינט ביז... ביז ... לנצח!

אשרי לך! ואשרי חלקך! איך האב הנאה געהאט יעדע שיעור, יעדע שעה, יעדע רגע!

באהבה מיט פיל דאנק

(----)

**עקסטענשאן 603 #**

## אַמאָליגער ביישן; פאָרגעלערנט שיעור אין כולל!

**לכבוד ידידי היקר בעל 'פראדאקטיוו' שליט"א**

"... איך בין שוין געווען ביי עטליכע סארט-קלאסן, אבער דאס וואס איך האב געהערט ביי "פראדאקטיוו קורס" איז געווען די שטארקסטע, צוליב די קלארקייט מיט וואס מען גייט ארויס. מען שפירט אז מען האט עס אין די הענט און עס לייכט אין די אויגן יעדע נקודה.

מיר האבן קונה געווען לעבנ'ס-וויכטיגע זאכן, און די אלע טולס ארבעטן וואונדערליך. פון מיין געפערליכע בושה, וואס איך האב זיך ממש געשעמט צו גיין צווישן מענטשן, האב איך שוין לעצטענס פארגעלערנט א שיעור אין כולל!

חשוב'ער מדריך: דו האסט בסייעתא דשמיא געטוישט מיין לעבן! איך דאנק דער בוכ"ע פאר'ן מיר אהערשיקן צום ריכטיגן שליח און דער אויבערשטער זאל דיר געבן הצלחה אז נאך פילע אידן זאלן זוכה זיין דאס מיטצוהאלטן און טוישן זייער לעבן און קענען שטייגן ...

הצלחה רבה!

(----)

**עקסטענשאן 705 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## דער רויח שטייגט יעדן טאָג!

**לכבוד המגיד שיעור שליט"א**

"... די מעלה פון די קלאסן איז אז עס איז שטאנדהאפטיג. די אלע געוואלדיגע לימודים, געדאנקען און טולס וואס מען האט געלערנט איז בלויז טויערן צו א נייע לעבן, וואו מען קען אליינס שפאנען ווייטער און ווייטער, פארברייטערן די ענינים אויף מער און ווייטערע שטאפלען, און עס גיט חומר למחשבה וויאזוי אליינס צו ארבעטן און גיין נאך העכער.

איינמאל מען קומט אריין אין די "נייע וועלט" גייט עס אן קיין גבול, די שיעורים האבן זיך שוין פונלאנג געענדיגט, אבער איר ווערד האלט אין איין שטייגן יעדן איינציגן טאג! ס'האט זיך שוין לאנג אויסגעצאלט בכפל כפלים!

אשריך! אשריך!
(----)
**עקסטענשאן 665 #**

## דאָס קינד 'אליין' אין קאַר!...

**לכבוד המגיד שיעור של 'פראדאקטי"וו' שליט"א**

"...אינמיטן די שיעורים, ווען מען האט נאך געהאלטן אינמיטן די קלאסן, האט זיך איינמאל געמאכט א גאר אנגעשטרענגטער טאג. איך האב געדארפט אפטראגן איין קינד אין חדר, מיין בני בית אין זשאב, איין קינד צום בעיביסיטער, איך אליינס האב געדארפט אנקומען צייטליך אין כולל.

נאכן מאכן די ערשטע צוויי דעליווערים... בין איך געגאנגען אין כולל, אינגאנצן פארגעסנדיג אז איך האב געלאזט מיין טייערן קינד אין קאר! ס'זאל זיך נישט מאכן ביי קיינעם. ווען מיין פרוי תחי' האט מיר אנגערופן נאך א האלבע שעה אז די בעיביסיטער פרעגט וואו דאס קינד איז, בין איך אויפגעשפרינגען פאר שרעק.

עס וואלט זיך נארמאל דעוועלאפט זייער א שטארקע רוגזה פון מיין ב"ב אויף מיר פארן זיין אזוי אומ'אחריות'דיג אין אירע אויגן; אבער מיט די שפראך וואס כ'האב מיר געלערנט ביי 'פראדאקטי"וו' האב איך גערעדט צו איר אויף אזא וועג אז זי איז געבליבן פארהאלטן-מעסיג רואיג, און איך אליין אין מיר האב איך אויך געוואוסט וויאזוי זיך אלייינס נישט צו באשולדיגן און אראפקוקן, וואס דאס איז אויך א דבר חדש... טעותים מאכט זיך ביי יעדן; מ'דארף נאר וויסן וויאזוי דאס צו באהאנדלען!

(----)
**עקסטענשאן 853 #**

## א עקסידענט-געשיכטע

**לכבוד המגיד שיעור הנפלא שליט"א**

... לאמיר אייך געבן איין ביישפיל: פאריגע וואך האב איך – פאר קיינעם געדאכט – געהאט אן עקסידענט, א טראק האט אריינגעקלאפט אין מיין קאר, און האט אפגעטראגן פון דארט. כ'האב מורא געהאט אז כ'וועל פון קיינעם נישט קענען מאנען קיין אינשורענס.

ווען די געשיכטע וואלט פאסירט אמאל, וואלט איך געווען "אויס מענטש". כ'וואלט נישט געוואוסט וויאזוי עס צו באהאנדלען, און איך וואלט געווען היסטעריש און פארלוירן.

ב"ה, די כלים און טאקטיקן וואס כ'האב נארוואס געלערנט ביי "פראדאקטיוו" זענען נאכאמאל צוניצגעקומען! כ'האב זיך געהאלטן רואיג און געלאסן, אלעס איז ב"ה אריבער לטובה, און אלעס האט זיך אויסגעגליכן.

מנאי ידידך וש"ב
(----)
**עקסטענשאן 493 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## דער שמועס מיט מיין ברודער

**לכבוד המדריך היקר והנפלא\פראדאקטיוו קורס.**

... דאנערשטאג האט מיר מיין חברותא געבעטן אז איך זאל רופן מיין ברודער צו א טיי-אווענט פאר זיין טאטן. כ'האב אים געפאלגט. כ'האב אנגערופן מיין ברודער, און כ'האב געהאט מיט אים זייער א רואיגער און באַ'טעמ'טער שמועס פון א האלבע שעה.

אסאך מענטשן טראכטן: א גרויסע גדולה, גערעדט מיט א ברודער... וואס איז אזא מורא'דיג? אבער פאר מיר איז עס שוין איינמאל מורא'דיג! איך פלעג טאקע רופן מיין ברודער, אבער נאר איהם איבערגעבן די מעסעדזש, אדער איהם געבעטן די טובה וואס איך דארף פון איהם, אבער סתם אזוי שמועסן?

דער יעצטיגער שמועס האט מיר געמאכט אסאך נאנטער צו מיין ברודער. און די נייע וועג וואס מ'האט מיר אויסגעלערנט וויאזוי צו געשמאק שמועסן מיט אנדערע, וועט מיר מאכן נאנטער מיט מיינע אלע געשוויסטער, חברים, און גוטע פריינד!

הצלחה רבה!
(----)
**עקסטענשאן # 265**

## באַגעגנט אין 'גאז-סטאנציע'

**לכבוד המדריך הנפלא של 'פראדאקטיוו-קורס' יעקב יצחק שליט"א**

... אין ביישפיל: מיין אלטער בעל הבית האט חתונה געמאכט יעצט נאך די שיעורים, כ'בין געגאנגען צו די חתונה מיט אזא רואיגער געפיל, מיט אזא פאזיטיווקייט. כ'וואלט קיינמאל נישט געגלייבט אמאל אז כ'וועל עס קענען באווייזן.

נעכטן האב איך אים געטראפן אין א גאז-סטאנציע, בין איך צוגעגאנגען און געזאגט וואספארא הערליכע חתונה ס'איז געווען, און אז כ'האב אזא הנאה געהאט צו זיין דארט.

וואס זאל איך אייך זאגן? ס'איז נישטא קיין בעסערער געפיל אויף דער וועלט, ווי ווען מ'ווערט באפרייט פון פרעשור!

הצלחה אין די ארבעט!
(----)
**עקסטענשאן # 493**

## דער מגיד שיעור דערציילט...

**לכבוד המדריך החשוב והנפלא מ' פראדאקטיוו קורס**

... אפגעזעהן פונעם פאקט אז כ'האב מורא'דיג הנאה געהאט פון די שיעורים, זעה איך אויף טריט און שריט וויאזוי ס'קומט צוניץ הלכה למעשה.

צב"ש: אמאל פלעג איך קיינמאל נישט רעדן פאר די גאנצע ישיבה, כ'האב יעצט געזאגט דא א דרשה פאר די בחורים אין ישיבה, כ'האב מיר נישט פארגעקוקט שעה'ן לאנג מיט אנגעצויגנקייט, נאר פארקערט, כ'האב זיך אויפגעשטעלט און מיט א רואיגקייט און גרייטקייט גערעדט וויכטיגע נקודות, און מע' האט געזען אז די בחורים האבן ב"ה הנאה געהאט דערפון, און ס'וועט זיי צוניצקומען.

כ'וועל עס בעז"ה נוצן אויף ווייטער אויך!

תזכו למצוות!
(----)
**עקסטענשאן # 435**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## יא! מ׳קען זיך רוקן פאראויס!

**לכבוד המדריך ב״פראדוקטיוו קורס״.**

ראשית דבר וויל איך דיר באדאנקן פארן זיך שטארקן אויסצופירן ״דיין״ שליחות, און דורכדעם העלפן אנדערע באקומען די שטארקייט אויסצופירן ״זייער״ שליחות!

כ׳מוז עדות זאגן: כ׳בין אריינגעקומען אין די שיעורים מיטן געפיל אז ׳זאכן קענען זיך שוין נישט טוישן פון מיין זייט׳, כ׳האב סתם געוואלט מקבל זיין דא א געדאנק, דארט א גוטער רעיון, אבער נישט מער ווי דאס!

זייט איך בין ארויסגעקומען פון די שיעורים האט זיך אלעס געטוישט! כ׳שפיר ביי מיר אז: יא! זאכן קענען זיך רוקן! מ׳קען זיך רוקן פאראויס בסייעתא דשמיא! און כ׳האב צובאקומען אויסטערלישע כוחות צו טון הלכה למעשה!

השי״ת זאל דיר שטארקן אויף ווייטער!

כה לחי!
(----)
**עקסטענשאן 400 #**

## אויפגעטרעטן ביי בר מצוה

**לכבוד המגיד שיעור הנפלא של ״פראדאקטיוו״ יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט״א.**

די שיעורים זענען אראפגעגעבן געווארן זייער לעבעדיג מיט משלים און מעשיות, ביי יעדע געלעגנהייט איך ווי מעשה לעבעדיגערהייט.

געציילטע ביישפילן וויאזוי ס׳האט געארבעט אויף מיר:

- פרייטאג פ׳ מטו״מ האט מיין פעטער מיר מכבד געווען צו רעדן אפאר ווערטער ביי די בר מצוה פון זיין זוהן נ״ו, א דאנק די שיעורים וואס זענען מיר געלעגן פריש אין די ביינער, האב איך אנגענומען דעם כיבוד. און כ׳האב טאקע אויפגעטרעטן, און ס׳איז געווען א מורא׳דיג הנאה פאר די גאנצע משפחה!
- איין זונטאג, ווען כ׳האב געהאט אסאך צו ארלעדיגן, בין איך אויפגעשטאנען זייער שלעפעריג, כ׳האב געמאכט דעם עקסערסייז און ס׳האט געארבעט וואונדערליך ב״ה!

א גרויסן ישר כח!
(----)
**עקסטענשאן 431 #**

## קאַמיוניקאַציע מיטן שווער

**לכבוד המדריך החשוב יו״ר יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט״א**

... כ׳ווייס נישט אויב איר קענט מיין שווער, אבער פאר די וואס קענען אים פונדערנאנט ווייסן אז ס׳איז נישט לייכט צו קאמיוניקירן מיט אים... כ׳פלעג זיך זייער מוטשען צו טרעפן עפעס זאכליכע טעמעס וואס צו רעדן צו אים, און ווען ער פלעגט רופן צו מיר אהיים פלעג איך ווערן זייער אנגעצויגן און נערוועז.

אסאך פון די באטייליגטע ביי פראדאקטיוו-קורס האבן נישט געוואוסט וואס דאס מיינט, אבער אויב וואלט איך געקומען צו די שיעורים בלויז צוליב דעם, האט זיך מיר שוין אלעס געלוינט! איך הייב אויף דעם טעלעפאן היינט צוטאגס מיט א פרישקייט און געשמאק, כ׳ווייס וויאזוי צו באהאנדלען די סיטואציע, איך בין בעל הבית אויפן מצב ב״ה!

יישר כח!
(----)
**עקסטענשאן 424 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

## איז עס געלונגען?

**לכבוד המגיד מישרים, הר"ר יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א**

... מיינע געפילן זענען געווען געמישט, האפענונג מיט אביסל פחד, וועל איך טאקע מצליח זיין אין די ענינים וואס איך האב געהאלטן אז איך קען שוין נישט מצליח זיין?

... פיר וואכן זענען אריבער, און קוקנדיג אויף צוריק זעה איך פיר וואכן פון: הצלחה אויפן לעבן! ממש אזוי, פיר וואכן פון א געשמאקע אטמאספערע, וואו איך האב קונה געווען אזויפיל ידיעות, מ'האט אויפגעטון, געמאכט פארשריט, און זיך גערוקט פאראויס מיט ריזיגע טריט! ב"ה פאר דעם!

יישר כוחך!

(----)

**עקסטענשאן 579 #**

## יאָ! איך האב די כוחות הנפש!...

**כבוד ידיד נפשי "מ'פראדאקטיי"וו קורס" - הר"ר יעקב יצחק שליט"א**

"...עס האט זיך ב"ה באמת פיין געלערנט בחבורה. דער לימוד אז "מענטשן בינדן זיך אליינס אריין אין שווועריקייטן" און "וויאזוי זיך אויפצובינדן?" איז געווען א שטארקע לימוד...

פון די הויכפונקטן האב איך ארויסגענומען אז: מ'קען אויספירן אסאך מער ווי מען קלערט. וואס זאל איך אייך זאגן?! עס איז הונדערט פראצענט אמת! איך האב אפירגענומען זאכן וואס איז שוין לאנג אראפגעגאנגען פון מיין "to do list" און איך האב עס באוויזן אויסצופירן!

יא! איך האב די כוחות הנפש!

(----)

**עקסטענשאן 788 #**

## להרב המדריך; שיר מזמור!

**י**א! עס איז געווען זייער קלאר, פארשטענדליך, אינטערעסאנט, אזש, עס האט מיר אויפגעהאלטן אפילו...

**ע**ס איז געווען שפעט ביי נאכט, האט מען געהאט די כח. די שיעורים האבן אריינגעגעבן אזא חשק צו...

**ק**ומען צו יעדער געשמאקער שיעור באזונדער, און זיכער מאכן נישט צו פארפאסן קיין איין איינציג ווארט.

**ב**ראשית וואס מען האט געזעהן פון די שיעורים, צו מאכן א דבר השלם פון אלע חכמות, אבער...

**י**א, די תורה און דער רבוש"ע איז געווען ביי אייך די עיקר. נאך אלע חכמות איז דאס די שטערקסטע חכמה

**צ**דק לפניו יהלך, דורך די שיעורים האב איך באקומען א כח משפיע צו זיין אויף אנדערע, מקרב זיין צו עבודת השם

**ח**זק ויאמץ לבבך! דורך אייערע שיעורים האב איך מיר געקענט שטארקן אויף כעס, עצלות, און נאך, און מען...

**ק**ען אויפטוען און מחזק זיין אנדערע און די אייגענע קינדער.

א דאנק!

(----)

**עקסטענשאן 707 #**

איר קענט זיך דירעקט פארבינדן
מיט זיי אליין, רופט אריין אין אפיס אז מיר
זאלן אייך טרענספערן צו וועם איר ווילט רעדן

א נייע איבערגעבויטע שטוב;

# וואס איז געשעהן?!



**די טאטע און די מאמע ארבייטן מיטן זעלבן מהלך צו מאכן א**

## PERSONALITY CHANGE

**און פירן פון יעצט און ווייטער די שטוב אויף א העכערע דרגה, על מי מנוחות!**

---

**אהה, די קינדער דערקענען נישט בעז"ה די נייע שטוב!!**

# וואו איר געוואלט?

## זיין א מענטש מיט:

## קאנפידענס

» אנפירן און אויספירן גרעסערע פראיעקטן...
» קענען האלטן א דרשה פאר א גרעסערע עולם...
» רעדן מיט זיכערקייט אפילו צו שווערע מענטשן...
» אויפבויען די אייגענע גייסטישע שטארקייט...
» האבן א אינערליכע אמת'דיגע שטאָלץ...
» האבן די קוראזש צו עפענען א ביזנעס...
» נישט ווערן באליידיגט פון אנדערע...

## קאמיוניקעישן

» קענען האבן ריכטיגע קשר מיט די קינדער'ס מלמדים...
» מיינע קינדער זאלן מיר אפווארטן מיט א שמייכל...
» מיין ב"ב, שיתוף, און מיטארבייטער זאלן מיך ווערן לכתחילה...
» מיין בעה"ב זאל אויסהערן און אנעמען מיינע עצות...

## מאטיוואציע

» זיך גרייטן און זיין גרייט צום שבת פריער...
» זיך לייגן אין צייט, און אויפשטיין אין צייט...
» קענען כסדר אנהייבן און ענדיגן  נייע פראיעקטן...
» מסדר זיין די בילס \ פאפיר-ארבייט אין צייט...

## רואיגקייט

» קענען בלייבן רואיג אפילו איר פארלירט סיי וואס...
» קענען בלייבן געדוליג ווען די קינדער דרייען איבער...
» אויב מענטשן שפילן דיר אויס, קענען בלייבן די זעלבע גוט-מוטיג...
» קענען פירן די שטוב אין א אנגעצויגענעם זמן על מי מנוחות...




**גייט אריבער דעם בריק..**
**און גיבט א קוק אויף צוריק..**

**די פארגאנגענהייט איז טאקע שווער געווען..**
**ב"ה אז אדאנק 'פראדאקטיוו' איז דער 'טויש' געשען..!**